STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07969

AVRAHAM SUTSKEVER

Itzhak Yanasowicz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק יאַנאַסאָוויטש/

אַבֿרהם סוצקעווער - זײַן ליד און זײַן פּראָזע

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַבֿרהם סוצקעווער

זײַן ליד און זײַן פּראָזע

ישׂראל בוך

פֿאַרלאַג ישׂראל-בוך
תּל-אָבֿיבֿ 1981

יצחק יאַנאַסאָוויטש • אַבֿרהם סוצקעווער — זײַן ליד און זײַן פּראָזע
פּאָרטרעט פֿון אַבֿרהם סוצקעווער — אַריה נבֿון
פֿאַרלאַג ישׂראל־בוך • תּל־אָבֿיבֿ • ישׂראל
געדרוקט אין תּל־אָבֿיבֿ 1981

ITZHAK YANASOWICZ
ABRAHAM SUTZKEVER — ZAYN LID UN ZAYN PROZE

PORTRET OF ABRAHAM SUTZKEVER — ARYEH NAVON

PUBLISHING HOUSE ISRAEL-BOOK,
TEL-AVIV

Printed in Israel 1981 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, סמטת ענתבי 13, טל. 335310

אינהאַלט

9 דער אָנקום
15 די פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע
19 דער געשטאַלטיקער
23 אין מידבר סיני
29 אָאַזיס
33 פֿירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים
39 צייַטיקע פּנימער
44 די פֿידלרויז
53 צו זייַן ווערן אַ בן־שישים
60 לידער פֿון טאָגבוך
65 די ערשטע נאַכט אין געטאָ
71 בייַם לייענען די פּאָעמע געהיימשטאָט מיט איבער דרייַסיק יאָר שפּעטער

פרקים אין דער פּאָעטישער מסכתּא: אַבֿרהם סוצקעווער
79 הקדמה
81 סיביר
84 צו פּוילן
89 העלפֿאַנדן בייַ נאַכט
94 די פּאָעמע אָדע צו דער טויב
99 גייַסטיקע ערד
104 נייַע לידער

111 גרינער אַקוואַריום
117 דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן
122 שלמה ביקלס שליסל צו אַבֿרהם סוצקעווערס דיכטערישן היכל
127 יודל מאַרקס מיזמור שיר לסוצקעווער
131 אַבֿרהם סוצקעווער דער רעדאַקטאָר

דער אָנקום

די ייִדישע פּאָעזיע אין פּוילן, אין די יאָרן צווישן די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות, האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערער אויסגעפֿינערישקייט אויפֿן שטח פֿון נײַע פּאָעטישע פֿאָרמען און אויסדרוק־מיטלען. נאָך דעם ווי די שוימיקע כּאַליאַסטרע־כוואַליע איז אָפּגעפֿאַלן, האָבן ייִדישע דיכטערס אין פּוילן זיך אָפּגעזאָגט פֿון כלערליי פֿאָרעם־אויפֿטרייסלונגען און אַנדערע רעוואָלוציעס אין פּרט פֿון פּאָעטישער לעקסיק. דער רעטאָרישער עלעמענט איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דער פּאָעזיע און אויף זײַן אָרט האָט לאַנגע יאָרן געקיניגט דער אימאַזש, אַרויסגעבראַכט צום בולטסטן דורך דעם מעטאַפֿער. להיפּוך צו דער אַמעריקאַנער ייִדישער דיכטונג, האָבן די ייִדישע פּאָעטן אין פּוילן מיט עקשנות קאָנסערווירט די אַלטע פֿאָרמען פֿון ליריזם, אָפּגעהיט מיט אַ באַזונדערן אייפֿער די קלאָרקייט פֿון ליד, נאַטירלעכקייט פֿון בילד און פּאָעטישן געדאַנק און געלייגט דעם טראָפּ אויף דער אינהאַלטלעכקייט פֿון דער פּאָעזיע.

דעריבער איז דאָס אויפֿשײַנען אין יענער שעפֿערישער סבֿיבֿה פֿון דעם נײַעם ווילנער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער געווען אַ גרויסע ליטעראַרישע געשעעניש. ער איז געווען פֿון זײַן אָנהייב־אָן דער ווונדער פֿון דער ייִדישער דיכטונג. שוין מיט זײַן ערשטן דיכטערישן גאַנג האָט ער זיך אַרויסגעבראָכן פֿון אַ גאַנץ פֿעסטן, אײַנגעשטעלטן ליטעראַרישן נוסח, וואָס האָט אין זיך געהאַט צונויפֿגעשמאָלצן אַלע ניואַנסן פֿון קינסטלערישן טעמפּעראַמענט: אַנשטאָט צו טרעטן אין דעם אָנגעצייכנטן קרײַז, וואָס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן דורך אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי ישראל שטערן אָדער משה קולבאַק, האָט ער גענומען פֿירן זײַנע לייענערס אויף אַן אייגענעם וועג, אויף זײַן, סוצקעווערישן וועג.

כּדי קלערער צו מאַכן דעם דאָזיקן געדאַנק, וואָלט מען געדאַרפֿט אַ ברייטערן אַנאַליז פֿון יענעם אָפּגעשלאָסענעם דיכטערישן שטח, ווו עס האָט געווירקט אַזאַ פּאָעטישער ריז, ווי משה קולבאַק. ערשט דעמאָלט וואָלט מען געקענט פֿאַרשטיין, וויפֿל דיכטערישן כּוח עס האָט געמוזט פֿאַרמאָגן אַ יונגער דיכטער כּדי אַזוי אַנטשלאָסן אַריבערצושפּרינגען דעם גדר פֿון דעם הערשנדיקן לירישן סטיל. אַבֿרהם סוצקעווער האָט דעם דאָזיקן כּוח פֿאַרמאָגט און דאָס מערקווערדיקסטע דערבײַ איז געווען דאָס, וואָס אַריבערשפּרינגענדיק די דערמאָנטע גרענעץ האָט סוצקעווער ניט אַרויסגערופֿן צו זיך יענע קעגנערשאַפֿט, וואָס עס רופֿט־אַרויס יעדער פּורץ־גדר. ווער עס געדענקט וואָסערע מחלוקת עס האָט זיך געפֿירט אַרום די דיכטערס פֿון דער כּאַליאַסטרע, וועט זיך פּשוט וווּנדערן, פֿאַר וואָס סוצקעווערס רעוואָלט

אין דער ייִדישער דיכטונג האָט כּמעט בײַ קיינעם קיין דערווידער ניט אַרויסגערופֿן. אַדרבא, זײַן רעוואָלט האָט אַלעמען פֿאַרכאַפּט און אַרויסגערופֿן, בײַ וועמען אַ שטילע הנאָה און בײַ וועמען אָפֿענע באַגײַסטערונג.

אין וואָס איז באַשטאַנען סוצקעווערס כּוח? מיט וועלכע מאַגישע מיטלען האָט ער אײַנגעשטילט די אַלטע קעמפֿערישע קאָנסערוואַטאָרן, וואָס האָבן זיך אַ מאָל אַזוי שטאַרק געשלאָגן קעגן די נײַקייטן פֿון פּרץ מאַרקיש, אורי־צבי גרינבערג, מלך ראַוויטש און משה בראָדערזאָן? ווען מיר וועלן די שאלות פֿאַרענטפֿערן, וועלן מיר אויפֿדעקן די באַזונדערע קוואַליטעטן פֿון סוצקעווערס דיכטונג און מיר וועלן פֿאַרשטיין זײַן ווערט און פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

□

אַבֿרהם סוצקעווער איז געקומען אין אונדזער ליטעראַטור אַרײַן פֿון דער תּכלית־דיקער ליטע, מיט איר פּאַטעטישן גײַסט און עלעגישן געמיט. געקומען איז ער מיט הויכע זיגעוודיקע טריט, אין וועלכע עס האָט אָפּגעהילכט אַ גרויסע דערוועגטקייט. די דערוועגטקייט האָט געאָטעמט מיט דעם עכטן ריח פֿון יוגנט. וואָס אַזוינס דאָס איז יוגנט, דאַרף איך ניט דעפֿינירן. ס׳איז קלאָר, אַז איך מיין מיט דעם ניט קיין אָנפֿאַנגערישקייט, אָדער אומרײַפֿקייט. פֿאַר עכטער יוגנט איז קודם־כּל כאַראַקטעריסטיש אַן אוממיטלבאַרקייט אין איר לעבנס־דערשפּירונג, וואָס טראָגט נאָך אויף זיך ניט די קייטן פֿון געוווינטשאַפֿט. יוגנט הייסט: זען די וועלט אָן ברילן פֿון שאַבלאָן; יוגנט איז כּסדרדיקער חידוש פֿאַר דער יצירה, און פֿון דאַנען — די באַגײַסטערונג אין איר קול. יונג זײַן, באַטײַט, צו טראָגן אין זיך, אָדער ווערן געטראָגן דורך דעם אימפּעט פֿון נײַגער, צוליב וועלכן מע איז גרייט אײַנצוטונקען די אייגענע הענט אין פֿײַער און דערבײַ זײַן אײַנגעגלייבט, מיט אַ שלמותדיקער אמונה, אַז די וועלט דאַרף ערשט באַשאַפֿן ווערן. אין אַזאַ באַנעם פֿון יוגנט איז אַבֿרהם סוצקעווער געווען דער יוגנטלעכסטער צווישן אַלע אונדזערע פּאָעטן, און ווײַל אַזאַ יוגנטלעכקייט האָט אונדזער דיכטונג געפֿעלט, האָט מען אים, סוצקעווערן, אויפֿגענומען מיט באַגײַסטערונג.

לאָמיר זיך אַ ביסל דערמאָנען. מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט גוטע און גרויסע פּאָעטן, סײַ פֿונעם עלטערן און סײַ פֿונעם ייִנגערן דור. אָבער זיי אַלע זענען ס׳רובֿ געווען גוטע בעלי־תּפֿילות, אַפֿילו ווען זיי האָבן געדאַוונט פֿאַר אַ וועלטלעכן עמוד; אַפֿילו ווען זיי האָבן געזונגען פֿון אַ מאָדערנעם סידור. עס האָבן אָבער אין אונדזער דיכטערישן כאָר אויסגעפֿעלט די געבענטשטע משוררים, בײַ וועלכע מע האָט הנאָה ניט בלויז פֿון זייער שיין געזאַנג, נאָר, דער עיקר, פֿון זייער שיין קול אָדער, ווי מע רופֿט דאָס אויפֿן חזנישן לשון: פֿון זייער שיינער כּלי. פֿאַר וואָס האָט מען אַזוי פֿיל פֿײַלן אַרײַנגעשאָסן אין דער כאַליאַסטרע מיט פּרץ מאַרקישן אין דער שפּיץ? — ווײַל זי האָט ניט פֿאַרמאָגט דעם רייץ פֿון יוגנטלעכקייט און דעריבער האָבן אירע נײַקייטן געפּולווערט מיט מרידה. מע האָט זיי פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז איידער זיי בויען נײַס, באַגראָבן זיי די אַלטע פֿאָרמען.

די פֿאָרוואָרפֿן זענען, פֿאַרשטייט זיך, געווען ניט באַרעכטיקט, ווײַל גראָד די כּאַליאַסטרע־פּאָעטן האָבן באַנײַט די ייִדישע פּאָעזיע און זי אויפֿגעהויבן צו דער מדרגה אין וועלכער זי האָט זיך שוין געקענט דערלויבן צו בלײַבן אַ באַשטימטע צײַט קאָנסערוואַטיוו. ניט געקוקט דערויף אָבער, האָט מען די פּאָעטן פֿון דער דערמאָנטער כּאַליאַסטרע ניט געקענט מוחל זײַן זייער הפֿקר־טאָן. ווײַל ער האָט אימיטירט אַ יוגנטלעכע צעשטיפֿטקייט, בעת אין דער אמתן האָט ער געשטאַמט פֿון אַ מיטל־יאָריקער אומצופֿרידנקייט מיטן לעבן, פֿון אַ באַסיאַקישן 'נאַפּליעוואַט', פֿון אַ טרויעריקן חשבון, וואָס איז ערגעץ ווו שוין געמאַכט געוואָרן מיט דער וועלט. האָט יוגנט צו טאָן מיט חשבון? געוויס ניט! דערי־בער טאַקע האָט מען ניט מוחל געווען די באַיאָרטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר שקצים. סוצקעווער האָט ניט געזונגען וועגן יוגנט, נאָר די יוגנט אַליין האָט פֿון אים אַרויסגעזונגען מיט קראַפֿט און די דאָזיקע קראַפֿט האָט באַצוווּנגען אַפֿילו די שאַרפֿסטע קעגנערס פֿון פּאָעטישע אינאָוואַציעס.

□

גאָר גיך איז אָבער אַבֿרהם סוצקעווער אויסגעוואַקסן צו אַ געשעעניש אין אונדזער ייִדישער פּאָעזיע, און דאָס מערקווערדיקסטע אין דער דאָזיקער געשעעניש איז געווען דאָס, וואָס דער דעמאָלט נאָך יונגער פּאָעט, האָט מיט אַ מין ערנסטער פֿאַרשפּילטקייט, מיט אַ מין וואָגיקער באַפֿליגלטקייט זיך געלאָזט פֿלי־ען איבער אַלע ייִדיש פּאָעטישע שולן און נוסחאות פֿון זײַן צײַט און ער, דער ווילנער פּאָעט, האָט מיט איין מאָל זיך אָנגעשלאָגן אין דער ווײַטער ספֿערע פֿון אַ פּאָל וואַלערי. מערקווערדיק און וווּנדערלעך איז געווען אָט דער שעפֿערישער קפֿיצת־הדרך פֿון דער גרויער ליטוויש־ווײַסרוסישער ייִדיש־לאַנדשאַפֿט צו די דרומיקע הימלען פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע, צו אירע ראַפֿינירטע באַגריפֿן וועגן דער באַשטימונג פֿון דיכטערישן וואָרט אין דער ליריק.

יאָ, אַבֿרהם סוצקעווער ווערט גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די נײַ־וואָרט־מײַסטערס און נײַ־פֿאָרעם־שאַפֿערס פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. עס איז אָבער פֿאַלש צו מיינען, אַז זײַן דערגרייכטע פּאָזיציע האָט ער צו פֿאַרדאַנקען די געראָטענע עקספּערימענטן מיטן ייִדישן לשון, אָדער דער באַנײַונג פֿון דעם ייִדישן וואָרט, אין וואָס ער האָט, אַגבֿ, אַרויסגעוויזן גרויסע ווירטואָזיטעט. איך מיין אַפֿילו, אַז די שפּראַך־און וואָרט־מײַסטערשאַפֿט האָבן אָפֿט מאָל פּאַר אונדז פֿאַרשטעלט סוצקעווערס אַן עיקרדיקערע אייגנשאַפֿט: זײַן געזאַנג־מײַסטערשאַפֿט. דאָס איז אַ שענערער עפּיטעט און דעם דאָזיקן עפּיטעט האָט ער זיך כּשר פֿאַרדינט.
יעדער פּאָעט איז אַן אַנטדעקער פֿון לשון. סוצקעווער איז אָבער צו דער זעל־ביקער צײַט אַן אויסגעפֿינער, ניט בלויז פֿון ווערטער, נאָר פֿון אויסדרוק־מיטלען. און אויסדרוק איז דאָך דאָס העכסטע צו וועלכן עס שטרעבט יעדער קינסטלער. אַ סך פֿון אונדזערע ייִדישע שפּראַכמײַסטערס האָבן מיט דער קלינגעוודיקייט פֿון ייִדישן וואָרט געזוכט צו פֿאַרטויבן זייער אינעווייניקסטע ליידיקייט. לכל־הפּחות איז זייער שפּראַכמײַסטערשאַפֿט ניט געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט אַ טיפֿער

אינעווייניקסטער אָנלאָדונג. בײַ סוצקעווערן איז געשען דאָס פֿאַרקערטע: גראָד זײַן אינעווייניקסטע אָנלאָדונג, זײַן דורכויס אָריגינעלע דיכטערישע וויזיע האָט אים געצוווּנגען צו באַהערשן דאָס ייִדישע וואָרט ביז מײַסטערשאַפֿט. ער איז געצוווּנגען געווען איבערצוקנעטן און איבערצופֿורעמען די ייִדישע שפּראַך, כּדי זי זאָל אַדעקוואַט איבערגעבן זײַן דיכטערישע זעונג. נײַע אינהאַלטן שאַפֿן נײַע פֿאָרמען און נײַע אופֿנים פֿון אויסדרוק. סוצקעווערס געווינס פֿאַר אונדזער פּאָעזיע באַשטייט דערין, וואָס ער האָט אַנטדעקט נײַע קלאַנגען, דורך וועלכע ער אימאַגינירט נײַע ליניעס און פֿאַרבן פֿאַר זײַן דיכטערישן וועלטבילד. יעדער דיכטער האָט זײַן וויזיע, וואָס כּדי זי צו געשטאַלטיקן זוכט ער אַ לעבן־לאַנג די מיטלען פֿון פּאָעטישער טראַנספּאָזיציע. וואָס אָריגינעלער די דאָזיקע וויזיע איז — אַלץ אָריגינעלער מוזן זײַן די אויסדרוק־מיטלען, וועלכע דאַרפֿן זי געשטאַלטיקן. אין גרונט גענומען ליגט דאָ די סיבה פֿון דער ‚מלחמה׳ צווישן פֿאַרשיידענע שולן און ריכטונגען אין דער ליטעראַרישער וועלט. די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פֿון דעם מענטש, זײַן פֿילאָסאָפֿיש און עמאָציאָנעל אַרײַנדרינגען אין גרויסן וועלט־סוד, ברענגט אים אַ נײַע פֿאָרשטעלונג וועגן וועלטבילד, שאַפֿט אים אַ נײַע וויזיע און אַ נײַע אויסמעסטונג פֿון זײַן באַציִונג און אָנגעהעריקייט צו דער וועלט. די דאָזיקע נײַע אויסמעסטונג מוז האָבן נײַע פֿאָרמען פֿון אויסדרוק, נײַע ווערטער, — בעסער געזאָגט: נײַע קאָמבינאַציעס פֿון ווערטער, קלאַנגען און פֿאַרבן. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז די וועלט־פֿאָרשטעלונג פֿון אַ באָריס פּאַסטערנאַק קען ניט אויסגעדריקט ווערן אַפֿילו דורך דער קינסטלערישער מײַסטערשאַפֿט פֿון אַ פּושקין, פּונקט ווי די פּאָעטישע לעקסיק פֿון אַ רילקע קען ניט דעקן די וויזיע פֿון אַ וואָלט וויטמאַן. אויך דאָס ייִדישע וואָרט פֿון אַזאַ מײַסטער ווי קולבאַק, פּלאַצט אויף דער נײַער קאָמפּליצירטער וועלטשפּירונג פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.

סוצקעווערן איז געלונגען צו אַנטדעקן נײַע פּלאַסטישע און מוזיקאַלישע ווירקונג־מיטלען פֿון ייִדישן וואָרט. מע וואָלט באַדאַרפֿט באַזונדער ריידן וועגן דעם, ווײַל ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ ליטעראַרישער שול אין ייִדישן שאַפֿן.

□

ס׳דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז פֿאַר דעם וואָס לייענט זיך אַרײַן מיט טיפֿן ערנסט אין סוצקעווערס לידער פֿון ערשטן פּעריאָד, איז זײַן צווייטער פּעריאָד פֿון די געטאָלידער ניט קיין פּלוצעמדיקער. איך וויל מיט דעם באַטאָנען, אַז ווער עס האָט דערזען אין סוצקעווערס ערשטן שאַפֿונג־פּעריאָד, סײַ זײַן אָנשטרענג, סײַ זײַנע מעגלעכקייטן צו געפֿינען אַן אויסדרוק פֿאַר דעם נײַעם אינהאַלט מיט וועלכן ער איז געקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע, דער וועט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס גראָד ער האָט געפֿונען דאָס וואָרט פֿאַר דעם ערשטמאָליקן בילד פֿון דער געטאָ־טראַגעדיע.

וועגן סוצקעווערס געטאָלידער האָט מען שוין אַ סך גערעדט און געשריבן, און איך וויל ניט איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין וועגן זיי געזאָגט געוואָרן. אַוודאי

איז ער דורך זיי אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. אָבער מחמת וואָס? — מחמת דעם, ווײַל זײַנע געשטאַלטן זענען ניט נאָר קיין קינות איבער דעם אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפֿן; זײַנע געטאָלידער זענען דענקמאָלן, וואָס פֿאַראייביקן אין פּאָעטישן בילד די גרויליקע איבערלעבונגען פֿון אונדזער פֿאָלק. סוצקעווער איז ניט נאָר דער מקונן פֿון אונדזער נײַער איכה, — און דאָס איז דער חילוק צווישן זײַנע געטאָלידער און די געטאָלידער פֿון אַלע אַנדערע גרויסע ייִדישע דיכטערס, וואָס ברענגען־אַרויס נאָר זייערע געפֿילן אין אַנבליק פֿון אונדזער חורבן־טראַגיק: סוצקעווער איז דער געשטאַלטיקער פֿון דער געטאָגרויל. אין וואָרט — ווי דער סקולפּטאָר אין שטיין — האָקט ער אויס דאָס בילד פֿון לעבן און טויט אין די מויערן פֿון דער געטאָ. דורך די לידער פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע פּאָעטן וועלן די שפּעטערדיקע דורות זיך דערוויסן וועגן אונדזער טרויער מחמת דעם געטאָ־אומגליק; דורך די לידער פֿון אַבֿרהם סוצקעווער וועלן די קומענדיקע דורות אַליין דערזען די גאַנצע גרויליקייט פֿון געטאָ־אומגליק און דורך דעם אַליין טרויערן אויף דעם גרויסן חורבן.

די געשטאַלטיקונג פֿון די געטאָ־איבערלעבענישן האָט געפֿונען איר גרעסטן פּאָעטישן מײַסטער אין אַבֿרהם סוצקעווערן. די לידער און פּאָעמעס «כל־נדרי», «די לערערין מירע», «דאָס קבֿר־קינד», «די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ» און נאָך צענדליקער אַנדערע לידער, און גאַנץ באַזונדערש די גרויסע פּאָעמע געהיימשטאָט, פֿאַראייביקן יענע קאָשמאַרע איבערלעבענישן פֿאַר וועלכע אונדזער מענטשלעכע שפּראַך האָט זיך אויסגעוויזן צו־אָרעם, און סוצקעווערס גרויסער פֿאַרדינסט באַשטייט טאַקע דערין, וואָס ער האָט אַנטדעקט דאָס וואָרטבילד פֿאַר דעם אוממענטשלעכן קאָשמאַר.

מע וואָלט געדאַרפֿט אַ באַזונדערע לאַבאָראַטאָרישע סטודיע, וואָס זאָל אונדז דערקלערן דעם סוד פֿון סוצקעווערס קינסטלערישער ווירקונג. אין קורצן דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז סוצקעווערס ווירקונג נעמט זיך דערפֿון, וואָס זײַן ליד אָטעמט אויף אונדז מיט דער ווירקלעכקייט פֿון געטאָ־לעבן, מיט דער רעאַליטעט פֿון חורבן־קאָשמאַר. און די דאָזיקע רעאַליטעט זעט אין אונדזערע נאָרמאַלע באַדינגונגען פֿון לעבן אויס, ווי אַן אומרעאַלקייט. אומרעאַליטעט, אומראַציאָנאַליטעט איז דאָך דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿאַר דער יעניקער עקסיסטענץ, ווו די גרענעץ צווישן טויט און לעבן איז געווען אַזוי דין ווי שפּינוועבס. צי קאָן מען פֿאַרשטיין דאָס געטאָ־לעבן מיט די נאָרמאַלע אויסמעסטונגען פֿון מאָראַל און עטיק, פֿון פֿאָרעם און עסטעטיק, פֿון צײַט און שטח? קאָנען פֿאַר דעם אַ לעבן זײַן גילטיק אונדזערע השגות פֿון קאָמפּאָזיציע, אונדזער געפֿיל פֿאַר צײַט, אונדזער טעמפּעראַטור פֿון געפֿיל? סוצקעווער האָט באַוויזן דורך דעם ייִדישן וואָרט צו שאַפֿן פֿאַר אונדז יענע אומרעאַלע אַטמאָספֿערע, וואָס טייט־אָפּ אויף אַ ווײַל די אַזוי גערופֿענע לאָגיק און ערשט אין איר אָפּזײַן זענען מיר בכּוח אילוזאָריש זיך אַריבערצוטראָגן אין יענער וועלט פֿון מיסטישע יסורים.

□

די פֿאַרשאַרפֿטע שפּירונג, די פֿילעוודיקייט וואָס עס האָט אין אים אָנגעצונדן דאָס געטאָ־לעבן, האָבן סוצקעווערן פֿעיִק געמאַכט אויפֿצונעמען און באַזינגען די נײַע גרויסע געשעענישן אין ישראל. דאָ און דאָרטן האָט דער דיכטער דער־שפּירט דאָס נסימדיקע, מיסטיש־מעטאַפֿיזישע אין אונדזער געשיכטע. אין דעם געדראַנג פֿאַר אַן אייגן לעבן אין דער ייִדישער מדינה האָט דער דיכטער דערזען ניט קיין קאָנטראַסט צו יענעם קאַמף וואָס איז פֿאָרגעקומען פּנים־אל־פּנים מיטן נאַקעטן טויט, נאָר דעם המשך פֿון אונדזער גורל־וועג אויף דער ערד. און דעריבער געשטאַלטיקן סוצקעווערס ישׂראל־לידער ניט נאָר דעם פֿאַקט פֿון מדינת־ישׂראל־אויפֿקום, נאָר דעם פּנימיותדיקן מהות פֿון דעם גרויסן נס.

סוצקעווערס ליד פֿון נצחון איז דורכגענומען מיט דעם חורבן, פּונקט ווי אין זײַן ליד וועגן חורבן האָבן מיר געהערט דעם אָפּטימיסטישן אויסקלאַנג פֿון געראַנגל. זײַן ליד איז די אמתדיקע געשיכטע פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקייט אין פּאָעטישן געזאַנג. ער איז דער, וואָס לעבנדיק אין ישראל, לעבט ער דאָס לעבן פֿון גאַנצן פֿאָלק און זינגט פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

אין אונדזער צײַט, ווען די גילדענע פּאַווע פֿון ייִדיש האָט פֿאַרלוירן אַזוי פֿיל פֿאַרביקע פֿעדערן, איז ער, אַבֿרהם סוצקעווער, דער בעסטער באַווײַז אַז עוד לא אָבֿדה... ס'איז נאָך ניט פֿאַרלוירן געוואָרן אונדזער שיינער חלום וועגן דער גרויסקייט פֿון ייִדישן ליד.

די פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע

די פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער איז אָן שום ספֿק אַ טעמע פֿאַר אַן ערנסט ליטעראַריש־קריטישער סטודיע און וואָלטן מיר געהאַט אַן עכטע ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט וואָלט זי פֿון סוצקעווערס שעפֿערישע מעטאָדן אַרויסגעברענגט ביז גאָר אינטערעסאַנטע מסקנות וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג אין וועלכער ער, סוצקעווער, פֿאַרנעמט אַזאַ באַדײַטנדיק אָרט.

און ווען איך רייד וועגן דער פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע פֿון אַ פּאָעט דאַרף זײַן קלאָר, אַז דאָס מיין איך ניט די דרויסנדיקע סימנים פֿון זײַן פֿערזנבוי, ד״ה, זײַן גראַמען־טעכניק, זײַן ריטעם־דינאַמיק, אָדער די סטרוקטור פֿון זײַן ליד, הגם אויך די אויסגערעכנטע עלעמענטן ווערן דורך סוצקעווערן באַהערשט ביז מײַסטערשאַפֿט און דער עיקר, זיי ווערן דורך אים אויסגעניצט כּדי צו מאָדערניזירן די פֿאָרמען פֿון אונדזער ליריק. איך מיין אָבֿער, אַז סוצקעווערס גרויסער פֿאַרדינסט פֿאַר אונדזער פּאָעטישן שאַפֿן באַשטייט דערין, וואָס אין זײַן קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע האָט ער, ניט נאָר נײַע מוזיקאַלישע טאָן־קאָמבינאַציעס אַנטדעקט אין דעם אַלט־באַקאַנטן און ליבן ייִדישן לשון, נאָר קודם־כּל אויסגעפֿונען די נײַע פּלאַסטישע געשטאַלטיקונגס־מיטלען פֿאַר דער וויזיע פֿון דעם הײַנטצײַטיקן ייִד, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם גרעסטן געשיכטלעכן קאַטאַקליזם און וועלכער שטעלט איצט צוריק צוזאַמען פֿון צעבראָכענע אידעאַלן, פֿון געפּלאַצטע אילוזיעס, פֿון באַנקראָטירטע באַגריפֿן זײַן אַלט־נײַ וועלטבילד, זײַן אַלט־נײַע פֿאָרשטעלונג וועגן וועלט און מענטש.

□

וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונדזער פּאָעטישער ליטעראַטור אין דעם ערשטן מאָמענט פֿון חורבן? דער געדאַנק, אַז די מענטשלעכע שפּראַך איז צו אָרעם כּדי צו קענען אין דער מינימאַלסטער מאָס אַדעקוואַט איבערגעבן, סײַ די דרויסנדיקע גרייס פֿון די איבערלעבונגען, סײַ זייער פּנימיותדיקע אָפּשפּיגלונג אויף אונדזער צעווייטיקט געמיט. איז דען דער ייִדישער דיכטער ניט געשטאַנען, ווי אַן אָנטערערנדיקער און אָנווערטערדיקער אָבֿל בײַם קבֿר פֿון אונדזער אונטערגעגאַנגענער וועלט מיטן ווייטיקלעכן באַוווסטזײַן, אַז ער איז אוממעכטיק אַרויסצוברענגען דעם טיפֿן שוידער פֿון אונטערגאַנג? און דאָס איז דאָך געווען די סיבה פֿון דער פֿאַרלוירנקייט פֿון אונדזער דיכטערישן דור, ווײַל ער האָט פֿאַרלוירן די קינסטלערישע אינסטרומענטן צו געשטאַלטיקן דאָס

געשעענע און אַן קינסטלערישער געשטאַלטיקונג — ווי וואָלטן מיר געברענגט צום פֿאָלקס־באַוווסטזײַן דאָס פֿאַרגעקומענע? ווי וואָלטן מיר פֿאַרהיט פֿאַר דער געשיכטע דאָס איבערגעלעבטע? ווי וואָלטן מיר אויפֿגעשטעלט די קאָנטינויִטעט פֿון פֿאָלקס־זכּרון און דערמיט געראַטעוועט דאָס המשך־געפֿיל, וואָס קייטלט צונויף באַזונדערע דורות אין איין נאַציאָנאַלער גאַנצקייט?

ווען איך טראַכט וועגן יענעם ערשטן מאָמענט פֿון פֿאַרלויִרנקייט אין אונדזער דיכטונג ווערט פֿאַר מיר קלאָר, אַז ס׳איז געווען דער נס פֿון אונדזער פּאָעזיע, וואָס פֿון דער געטאָ־ און פּאַרטיזאַנער־מחנה איז געראַטעוועט געוואָרן די פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, צוזאַמען מיט זײַן מענטשלעך לעבן. עס איז געווען אַ נס, זאָג איך, ווײַל אָן דער דיכטונג פֿון אַבֿרהם סוצ־קעווער וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין פּאָעטישע געשטאַלטיקונג פֿון אונדזער חורבן־קאַשמאַר און אין דעם באַשטייט טאַקע דער חילוק צווישן אים און אַנדערע גרויסע ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן וועגן ייִדישן אומקום. יענע, די אַנדערע גרויסע ייִדישע פּאָעטן, האָבן נאָר אַרויסגעברענגט אין דער דיכטונג זייער געוויין מחמת דעם אומגליק, זייער אויפֿגעשוידערט געשריי פֿון פּײַן מחמת די געשעענישן, בעת סוצקעווער האָט די פּײַן פֿון די געשעענישן אַליין געשטאַלטיקט. דורך זײַן פּאָעטיש וואָרט האָט די שטומע צונג פֿון גרויל באַקומען לשון און גענומען ריידן צו אונדזער צעריסן און צעשויבערט געמיט. דורך זײַן בילדעריש וואָרט האָט דער קאַשמאַר פֿון ייִדישע ליידן אַנטפּלעקט זײַן מהות, זײַן מאָנסטרועז און הייליק פּנים. און דעריבער זענען מיר אַזוי שטאַרק אויפֿ־געטרייסלט געוואָרן פֿון סוצקעווערס געטאָלידער און דעריבער וועלן דורך זיי אויך אויפֿגעטרייסלט ווערן די קומענדיקע דורות, ווײַל זיי זענען די דענק־מעלער פֿון אונדזערע ייִדישע ליידן, וואָס ווירקן ווי די ליידן גופֿא דירעקט און אוממיטלבאַר.

פֿאַר וואָס האָט אָבער גראָד אַבֿרהם סוצקעווער געהאַט דעם פּאָעטישן כּוח זיך אויפֿצוהייבן איבער דער מדרגה פֿון מקונן און ווערן דער קינסטלערישער גע־שטאַלטיקער פֿון ייִדישן אומקום? צי דען בלויז דערפֿאַר ווײַל ער אַליין איז איבערגעשמאַלצן געוואָרן אין גיהנום־טיגל פֿון געטאָ און פּאַרטיזאַנקע? געוויס איז דער אַ מאָמענט זייער וויכטיק. אָבער ווען מיר גיבן אַ טראַכט, אַז אין די געטאָס און לאַגערן האָבן זיך געפֿונען אַ סך אַנדערע ייִדישע פּאָעטן מיט באַדײַטנדיקן טאַלאַנט און דאָך האָבן זיי דאָס געהעריקע וואָרט ניט געפֿונען, מוזן מיר אָננעמען, אַז ניט בלויז די איבערלעבונג האָט סוצקעווערן אָנגעזאָטלט מיט כּוח וועלכן אַנדערע האָבן ניט פֿאַרמאָגט, נאָר, אַז דאָס אויפֿנעמען און אַרויסברענגען די דאָזיקע איבערלעבונג איז אַן ענין פֿון דער אָריגינעלקייט פֿון זײַן טאַלאַנט, פֿון דער ספּעציפֿישקייט פֿון זײַן פּאָעטישן אויפֿנעם־אַפּאַראַט, פֿון די באַזונדערע מעגלעכקייטן פֿון זײַן אַרויסברענגערישן אינסטרומענט, און דאָס איז דאָך אין תּוך גענומען דער סוד פֿון דער פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע.

סוצקעווערס פּאָעטישע לאַבאָראַטאָריע קאָן ניט פֿאַרשטאַנען ווערן אָן אַ געהעריקן אַנאַליז פֿון זײַן פֿריִערדיק שאַפֿן. שוין זײַנע ערשטע טריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור זענען געווען אַן איבערראַשונג, ווײַל דאָס ערשטע מאָל האָט מען דערזען אַ ייִדישן דיכטער, וואָס זײַנע פֿאָרמעלע און שפּראַכיקע נײַקייטן האָבן געשטאַמט פֿון אַ טיפֿן יוגנטלעכן קוואַל. פֿון יענער עכטער יוגנטלעכקייט, וואָס זעט די יצירה אין איר ערשטמאָליקייט און איז פֿול מיט באַגײַסטערונג פֿאַר די וווּנדערס פֿון מעשׂי־בראשית. אין דעם דאָזיקן זיבעטן פֿון יוגנט האָט זיך סוצקעווער אויסגעטיילט פֿון דער גאַנצער דיכטער־פּלעיאַדע אין פּוילן און מיט דעם חן פֿון דער דאָזיקער יוגנט האָט ער אײַנגעשטילט די אַלטע קעמפֿערישע גוואַרדיע קעגן אַלערליי פּאָעטישע אינאָוואַציעס. אים, סוצקעווערן, האָבן די קאָנסערוואַטאָרן פֿון דער ליריק אין פּוילן מוחל געווען זײַן פֿאָרעם־ און שפּראַך־רעוואָלוציע, — אַ זאַך וואָס זיי האָבן ניט געקענט מוחל זײַן דער כאַליאַסטרע־גרופּע, ווײַל אין סוצקעווערס אַנדערשדיקייט האָט מען דערפֿילט אַ טיפֿע אָריגינאַליטעט וואָס איז געקומען פֿון אַן אייגענער פּנימיותדיקער אַנלאָדונג; סוצקעווערס ליד איז געווען אַנדערש, ניט מחמת דעם, וואָס איר שעפֿער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ וועלכן עס איז מאָדערניזם, נאָר ווײַל ער, סוצקעווער, האָט געלעבט מיט דער וויזיע פֿון מאָדערנעם מענטש און מיט זײַן וואָרט און געזאַנג געפּרוווּט קינסטלעריש דעפֿינירן און פֿאָרמולירן דאָס נײַע אין מענטשלעכן גײַסט, וואָס האָט געצוווּנגען די גרויסע מײַסטערס פֿון דער פּאָעזיע אין דער גאַנצער וועלט צו געפֿינען די מיטלען פֿון אויסדרוק און געשטאַלטיקונג.

און ווײַל סוצקעווער איז פֿון זײַן אָנהייב אָן געווען דער פּאָעט, וואָס האָט דערפֿילט, אַז נײַע אינהאַלטן מוזן ברענגען נײַע פֿאָרמען, אַז דער וועג צו דער נײַער האַרמאָניע געפֿינט זיך אָפֿט לעבן די חורבות פֿון אָפּגעלעבטע, טראַפֿאַרעטע האַרמאָנישע ווערטן, האָט ער געקענט אין זײַן שפּעטערדיקער פֿאַזע אויסשמעלצן פֿון דער אָפּגעריבענער ייִדישער פּאָעטישער לעקסיק נײַע אויסדרוק־מיטלען. אין גרונט גענומען איז יעדער וואָרט נאָר אַ לבֿוש פֿון באַגריף, נאָר אַ שיפֿרירטער באַדינגלעכער סימן מיט וועלכן מיר באַצייכענען אונדזער דערקענטעניש פֿון דעם וועלט־סוד. און היות אונדזער דערקענטעניש איז זייער אַ בײַטעוודיקע, ווײַל די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פֿון מענטש איז בײַטעוודיק, איז דער דיכטער דער פּערמאַנענטער אַנטדעקער פֿון לשון און אויך דער שעפֿער פֿון לשון; ווען ווערטער ווערן זקנים, ווען ווערטער שטאַרבן אָפּ — און ווערטער שטאַרבן דעמאָלט ווען זיי הערן אויף צו זײַן די אויסדריקערס פֿון דער נײַער מענטשלעכער דערקענטניש — קומט דער דיכטער און שמעלצט זיי איבער, מאַכט אַז זיי זאָלן אויפֿשטיין תּחית־המתים, דורך דעם וואָס אין זיי ווערט אַרײַנגעבלאָזן די נשמה פֿון אַ נײַעם אינהאַלט.

אַבֿרהם סוצקעווער איז טאַקע פֿון זײַן אָנהייב־אָן געווען דער, וואָס האָט מחיה־מתים געווען יענע אויסגעלאָשענע ייִדישע ווערטער פֿון דער פּאָעטישער שפּראַך דערמיט וואָס ער האָט אין זיי אַרײַנגעבלאָזן דעם רוח־החיים פֿון נײַע אינ־

האלטן. ער האָט זיך באַצויגן צום פּאָעטישן וואָרט, ווי דער סקולפּטאָר צום רויען שטיין, ד"ה נאָר ווי צו אַ שטאָף, אָבער בשום אופן ניט ווי צו אַ פּאָרטיק בילד פֿון זײַן וויזיע.
אַבֿרהם סוצקעווערס קינסטלערישער קרעדאָ איז טרעפֿלעך אויסגעדריקט געוואָרן אין די פֿיר שורות פֿון זײַנס אַ ליד געשריבן אין ווילנער געטאָ:

אונ זוכסטו פֿאַר דײַן פּײַן אַ זין —
פֿאַרוואַנדל זיך אין איר אַנטפּלעקער,
און הער ווי זיידעס וועקן זין
ווי שטורעמהעק אין בראַנדז פֿון גלעקער.

אייגנטלעך איז דאָס ניט נאָר סוצקעווערס קרעדאָ, נאָר דער עיקרדיקער ציל פֿון דער גאַנצער קונסט. ווײַל וואָס איז קונסט אויב ניט דאָס זוכן אַ זין אין דעם לעבנס־כאַאָס דורך דעם אַנטפּלעקן אים? ווי אַזוי ווערט דער מענטש דער האַר איבער דער מיסטעריע פֿון לעבן, אויב ניט דורך דעם, וואָס ער דערקענט זי? סוצקעווער, וועלכער האָט געוואָלט באַזיניקן די פּײַן פֿון געטאָ־קאָשמאַר האָט אים אַנטפּלעקט, ער האָט אים קינסטלעריש ווידערגעשאַפֿן אין זײַן ליד. דערמיט האָט ער אויך אונדז באַצוונגען זיך אילוזאָריש אַריבערצוטראָגן אין דער דאָזיקער שוידערוועלט און זי צו דערקענען.
סוצקעווערס וואָרטמײַסטערשאַפֿט נעמט זיך פֿון זײַן שטענדיקן געראַנגל מיטן וואָרט. דער אמתער דיכטער האָט פֿײַנט די גרייטע ווערטער, וואָס זענען תּמיד מער־ווייניק, אָבער ניט אַדעקוואַט. סוצקעווערס עמאָציע איז צו פֿיל אינדיווידועל ער זאָל זי געטרויען דעם וואָרטשטראָם, וואָס אַנדערע האָבן פֿאַר אים געשאַפֿן. ער האָט מורא פֿאַרן וואָרט און ער האָט ליב דאָס וואָרט, אָבער נאָר דעמאָלט ווען דאָס וואָרט איז זײַן אייגן געפֿינס. די בויונג פֿון נײַע ווערטער קומט בײַ אים ניט מחמת דעם ווילן צו פּלעפֿן מיט סתּם־נײַקייט. זי קומט פֿון דעם באַדאַרף צוצופּאַסן נײַע אויסדרוקן, נײַע קלאַנגען און פֿאַרבן פֿאַר דער נײַער וויזיע פֿון זײַן פּאָעטישן געמיט.

□

אין דער אָריגינעלקייט פֿון סוצקעווערס פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע ליגט דער סוד פֿאַר וואָס גראָד ער האָט נאָך די געטאָלידער געקאָנט געפֿינען זײַן באַנײַונג אין די ארץ־ישׂראל־געזאַנגען פֿון זײַן בוך אין פֿײַער־וואָגן. ווידער אַ מאָל איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס סוצקעווער איז ניט דער פּאָעטישער באַזינגער פֿון נס־ישׂראל, נאָר דער געשטאַלטיקער פֿון די גרויסע חבֿלי־לידה, אין וועלכע דער נס איז געבוירן געוואָרן. זײַנע פּייסאַזשן פֿון ישׂראל, זײַנע «לידער פֿון נגבֿ», אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז דאָס נײַע אין ייִדישן געמיט נאָכן אויפֿקום פֿון דער ייִדישער מדינה. די אַ נײַקייט, וואָס איז טיף קאָמפּליצירט דווקא מיט איר אומקער צום אַלטן שורש, מיט איר בולטן געשיכטלעכן איבעררוף, האָט געקאָנט גע־שטאַלטיקט ווערן נאָר דורך אַ פּאָעט, וואָס אין זײַן לאַבאָראַטאָריע איז דאָס וואָרט כּחומר ביד היוצר אין סאַמע גרונטיקסטן זינען.

דער געשטאַלטיקער

אַבֿרהם סוצקעווער ווערט באַטראַכט ווי דער מײַסטער פֿון ייִדישן פּערז, ווי דער נײַקלאַנגיקער ווירטואָז פֿון ייִדישן לשון, ווי דער שעפֿער פֿון אַן אייגענעם פּאָעטישן סיגנון אין דער ייִדישער ליריק.
אין פּרט פֿון שפּראַך־עשירות און וואָרטמײַסטערשאַפֿט איז ער דער מאָצאַרט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, אין פּרט פֿון נײַקייט און אויסגעפֿינערישקייט פֿון נײַע אויסדרוק־מיטלען איז ער דער שענבערג פֿון ייִדישן לשון.

□

פֿון זינט זײַן ערשטן בוך **לידער**, זײַן פּאָעמע **סיביר**, און דער עיקר פֿון זײַן בוך **וואַלדיקס** — איבערראַשט ער אונדז כּסדר מיט זײַנע נײַע אַנטפּלעקונגען און אויסדרוק־מעגלעכקייטן וואָס ליגן באַהאַלטן אינעם ייִדישן וואָרט און מיט זײַנע אַנטפּלעקונגען פֿון פֿאָרעם וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אין דער ייִדישער שפּראַך.
פֿאַראַן ייִדישע שרײַבערס, וואָס גילטן בײַ אונדז ווי די אייגנטימערס פֿון אַ שיינער שפּראַך. די שיינקייט פֿון זייער שפּראַך באַשטייט דערין, וואָס זיי קלויבן יום־טובֿדיקע ווערטער, ווערטער מיט אַ באַזונדערן ווילקלאַנג און ציִען זיי אַרויף אויף די שנירלעך פֿון אַ טעמאַטיש־באַגרענעצטן שאַפֿן. סוצקעווער האָט באַוויזן צו נעמען דאָס וואָכעדיקע ייִדישע לשון און דערין אַרײַנבלאָזן דעם אָטעם פֿון פּאָעטישן יום־טובֿ. ער האָט גענומען פּראָסטע ווערטער און פֿון זיי אַרויס־געשמאָלצן, אין זײַן שעפֿערישן שמעלצאויוון, דאָס גאָלד פֿון אויסדרוק פֿאַר דער נײַער דערקענטעניש פֿון ייִדישן מענטש. דאָס איז דער אמתער שעפֿער!
פֿאַר דעם אמתן שעפֿער איז שפּראַך ניט קיין עבֿודה־זרה, פֿאַר אים איז שפּראַך דאָס הייליקע געצײַג צו דער עבֿודה אויפֿן מזבח פֿון אַזאַ דערקענטעניש, וואָס דערנענטערט דעם מענטש צו גאָט.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט די שיינקייט פֿון זײַן שפּראַך ניט גענומען פֿון גרייטן אוצר אויף וועלכן עמעצער אַנדערש האָט געהאָרעוועט, ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך האָרעוואַניע כּדי די דאָזיקע שיינקייט אַליין צו באַשאַפֿן, ווײַל, דאַרף באַטאָנט ווערן, אמתע שעפֿערס קומען מיט נײַע אינהאַלטן און נײַע אינהאַלטן קאָנען ניט אויסגעדריקט ווערן און קאָנען ניט אַרויסגעבערענגט ווערן אין פֿרעמדע כּלים, מעגן זיי זײַן ווי שיין אין זייער אויפֿגעפּרישטער סטיליזירטקייט.

□

אַבֿרהם סוצקעווערס שפּראַכמײַסטערשאַפֿט באַשטייט ניט אין סטיליזירן, נאָר אין שאַפֿן אַ נײַעם סטיל.
און ווײַל מע רעדט אַזוי פֿיל וועגן סוצקעווערן ווי וועגן אַ באַנײַער פֿון ייִדישן לשון, דאַרף מען שוין אויך צוגעבן, אַז לשון אַליין איז נאָר אַ שפּיגל פֿאַר שעפֿערישן אינהאַלט. מעג דער שפּיגל זײַן ווי בלענדנדיק, בלײַבט ער תּמיד אַ קאַלט שפּיגלגלאָז, אויב ער שפּיגלט ניט אָפּ דעם שעפֿערישן מענטש. נאָך ערגער איז ווען מע וויל מיט דעם שפּיגלגלאַנץ פֿאַרבלענדן די אויגן פֿון לייענער כּדי ער זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז אייגנטלעך שפּיגלט דאָס גלאָז גאָרניט אָפּ און אויב יאָ — איז עס נאָר די שײַן פֿון אַ פֿרעמדער זון.
אַבֿרהם סוצקעווערס גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער שפּיגל־שיינקייט פֿון זײַן שפּראַך, דערזעט מען די גרויסקייט פֿון אַ נײַעם שעפֿערישן מענטש, וואָס די נײַע איבערלעבונגען פֿון זײַן פֿאָלק האָבן אים געברענגט צו שאַפֿן אַ נײַעם וואָרטשפּיגל, אַ נײַעם וואָרט־אינסטרומענט און אַ נײַעם שפּראַך־אוצר.
אַבֿרהם סוצקעווער איז דער פּאָעט פֿון אונדזער דור און זײַן שאַפֿן איז די זינגענדיקע געשיכטע פֿון אונדזער דור.

□

אונדזער הײַנטצײַטיקייט קומט בײַ אים צום אויסדרוק ניט נאָר אין דער נײַער, מאָדערנער פֿאָרעם פֿון פּאָעטישן געזאַנג, נאָר, דער עיקר, אין דער נײַער הײַנטצײַטיקער איבערלעבעניש פֿון מאָדערנעם ייִד. סוצקעווערס מאָדערניזם איז ניט קיין פּועל־יוצא פֿון יאָגן זיך צו זײַן מאָדערן, נאָר אַ רעזולטאַט פֿון זײַן זוכן דעם אויסדרוק פֿאַר דעם נײַעם ייִדישן געפֿיל, פֿאַר דער נײַער ייִדישער וויזיע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די פֿלאַמען פֿון חורבן און אין דער שײַן פֿון גאולה.

קיינער וועט ניט אָראָפּדינגען פֿון אַבֿרהם רייזענס ווערט אויב ער וועט זאָגן, אַז מיט רייזענס ליבהאַרציקע און פֿאָלקסטימלעך־נשמהדיקע פּאָעטישע מיטלען האָט מען ניט געקענט געשטאַלטיקן דעם וואולקאַנישן געפֿיל־אויפֿברויז פֿון אַ ייִד, וואָס האָט איבערגעלעבט די צוויי גרעסטע געשעענישן אין ייִדישן לעבן אין משך פֿון די לעצטע יאָרהונדערטער: די פֿאַרטיליקונג פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל. ווער עס געדענקט די ייִדישע פּאָעזיע פֿון באַלד נאָך אונדזער חורבן, געדענקט אויך די פֿאַרלוירנקייט פֿון די ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָבן מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז דאָס אַלטע וואָרט איז צו שוואַך אַרויסצוברענגען די אויפֿטרייסלונג אין ייִדישן לעבן, וואָס האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלײַכן. אין אָט דער פֿאַרלוירנקייט האָבן די גדולים אין אונדזער ליריק, ווי לייוויק, גלאַטשטיין, אַהרן צייטלין, רעוואָלטירט קעגן וואָרט, עס געלעסטערט, געשאָלטן און זיך געראַנגלט דערמיט ווי יעקבֿ מיטן מלאך. אַפֿילו איציק מאַנגער האָט אויך בײַ זיך ניט געקאָנט פּועלן אײַנצוראַמען די גרויסע טראַגעדיע אין די ראַמלעך פֿון זײַן שפּילעוודיק ליד און האָט זיך געצווימט אין אייניקע באמת שיינע סאָנעטן, וואָס ווירקן דווקא דורך דער צעשטאַמלטקייט פֿון דיכטערישן אויפֿגעטרייסלטן געמיט מער ווי דורך

דעם גלאַטיקן שטראָם פֿון ליטעראַרישער בריהשאַפֿט, וואָס קיין שום געשעעניש קאָן ניט אויפֿטרייסלען. די אויפֿטרייסלונג איז געווען אַ פּרוּווּשטיין פֿאַר דער אמתדיקייט פֿון אונדזערע פּאָעטן, ווײַל נאָר בײַ אונדזערע אמתע פּאָעטן האָט מען זי געקענט געפֿינען; נאָר זיי, די אמתע פּאָעטן, זענען געבליבן צעטומלט אין אָנבליק פֿון די געשעענישן אין ייִדישן לעבן, נאָר זיי האָבן דערפֿילט אין דער גרייס פֿון די געשעענישן די קליינקייט פֿון פֿאַראַנענעם פּאָעטישן וואָרט.
די וואָס זוכן — געפֿינען, און די ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָבן געזוכט אין דער פֿאַרלוירנקייט אַ נײַעם אויסדרוק, האָבן אים סוף־כּל־סוף געפֿונען. דאָס איז דאָס גליק פֿון אונדזער פּאָעזיע, דאָס איז דער באַווײַז פֿון איר לעבנספֿעיִקייט און איר ווערט. אָבער געפֿונען דעם נײַעם אויסדרוק האָבן ייִדישע פּאָעטן ניט ווי געשטאַלטיקערס פֿון די גרויסע געשעענישן אין ייִדישן לעבן, נאָר ווי מקוננים, ווי באַזינגערס און באַווײנערס פֿון די געשעענישן. ס'איז אמת, אַז אין דעם ווידערקול קאָן מען אויך דערהערן דאָס קול. עס האָט אָבער פֿאַרט געפֿעלט דער, וואָס זאָל דאָס קול פֿון די געשעענישן אַליין ברענגען צום אויסדרוק, וואָס זאָל די געשעענישן גופֿא דיכטעריש געשטאַלטיקן און דאָס האָט אין אונדזער פּאָעזיע געטאָן ניט קיין אַנדערער ווי אַבֿרהם סוצקעווער.

□

די נײַע ייִדישע פּאָעזיע האָט זיך געגרויסט מיט אירע לידער, וואָס ווערן געזונגען דורך דעם פֿאָלק, מיט סוצקעווערן האָבן מיר צוריק באַקומען דעם ייִדישן פּיטן, וואָס ווערט געזאָגט דורכן פֿאָלק. ניט דעקלאַמירט און ניט געזונגען, נאָר געזאָגט, מער ביחידות ווי בציבור, דורך די אַלע, וואָס ווײנען אויף דעם טויט פֿון דער לערערין מירע און זעען אין די בלײַענע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ דעם גילגול פֿון ייִדישן גײַסט. סוצקעווער איז אויך אַזוי פֿיל מוזיקאַליש, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין קיין מעלאָדיע, וואָס זאָל טראָגן זײַן וואָרט צום עולם. זײַן וואָרט שוועבט מיט דעם באַפֿליגלטן ניגון פֿון דער אַלטער תּחינה און קינה, הגם עס אָטעמט מיט אַזוי פֿיל עכטער הײַנטצײַטיקייט, אַז אַפֿילו אַ לייענער פֿון דער מאָדערנער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע מוז פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון סוצקעווערס נײַער פּאָעטישער דערגרייכונג בײַם איבערגעבן די וויזיע און דאָס געפֿיל פֿון הײַנטיקן מענטש.
אַבֿרהם סוצקעווער איז באמת דער פּאָעט, וואָס וואָלט ביי אַ געהעריקער איבער־זעצונג געקענט אימפּאָנירן דעם בעסטן און ראַפֿינירטסטן פּאָעזיע־לייענער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור.
און ער איז ניט בלויז דער פּאָעט פֿון געטאָגרויל, ער איז אויך דער פּאָעטישער געשטאַלטיקער פֿון דעם גרויסן ייִדישן נס אין מדינת־ישׂראל. קיינער פֿאַר אים האָט אין אונדזער ייִדישער פּאָעזיע אַזוי בולט ניט אַרויסגעבראַכט די חבֿלי־לידה און דעם נסימדיקן באַטײַט פֿון מדינת־ישׂראל־אויפֿקום ווי ער אין זײַן בוך אין פֿײַער־וואָגן. זײַן פּאָעטישער כּוח האָט זיך געשטאַלט און איז געוואַקסן אין דעם שטורעם פֿון נײַע איבערלעבענישן און ער איז דעריבער

געווען דער באַרופֿנסטער די דאָזיקע נײַע איבערלעבונגען צו געבן אַ קינסט־לערישע געשטאַלטיקונג. ווי אַ געקומענער פֿון געטאָ־גיהנום איז סוצקעווער, מער ווי אַן אַנדערער מסוגל געווען אויפֿצונעמען די גרויסע אַנטפּלעקונג פֿון מדינת־ישׂראל ווי אַ גאַנצקייט פֿון ייִדישן קיום־נס, ווי אַ פֿאַרבינדונג פֿון ייִדישן המשך, ווי אַ פֿאַראויסגאַנג פֿון ייִדישער עקסיסטענץ.

אַבֿרהם סוצקעווער, דער גרעסטער פּאָעטישער געשטאַלטיקער פֿון די גרעסטע צוויי געשעענישן אין לעבן פֿון אונדזער דור, האָט זיך קונה עולמו געווען אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן געזאַנג מיט זײַן שאַפֿן די זינגענדיקע געשיכטע פֿון ייִדישן לעבן אין אונדזער צײַט.

אין מידבר סיני /1957—1953/

ס'איז אַ כּלל: וואָס אינדיווידועלער און במילא אַנדערשדיקער ס'איז אַ דיכטער, אַלץ עכטער און גרעסער איז ער. וואָרעם וואָס עכטער און גרעסער ער איז, אַלץ אָריגינעלער און אייגנאַרטיקער זענען זײַנע חזיונות, געפֿילן און שפּירונגען.
און וואָס אָריגינעלער און אייגנאַרטיקער עס זענען זײַנע חזיונות, געפֿילן און שפּירונגען, אַלץ נײַער און ערשטמאָליקער איז זײַן לשון, זײַן וואָרט־ניגון, זײַן שפּראַכגעמעל.
נײַע אינהאַלטן ווערן געבוירן צוזאַמען מיט נײַע פֿאָרמען. אייגענע זעונגען גייען־אויף אין לבֿוש פֿון אייגענע ווערטער, פֿון אייגענע בילדער, פֿון אַן אייגענער שפּראַכמוזיק.
נײַע וועלטשפּירונגען, נײַע געפֿיל־שפּירונגען, נײַע זינען, און זייער אַנטפּלעקונג באַשאַפֿן זייער אייגענעם נײַעם וואָרטאויסדרוק. אַ וואָרטאויסדרוק, וואָס איז מחמת דער נײַקייט אויך צו מאָל פֿרעמד און אויסטערליש.

□

דעם נײַ־געשאַפֿענעם דיכטערישן וואָרטאויסדרוק דאַרף מען זיך לערנען פֿאַרשטיין.
ס'איז אַ ליגן, אַז עכטע דיכטונג איז תּמיד פֿאַרשטענדלעך. עכטע דיכטערס, גרויסע דיכטערס, דיכטערס וואָס זענען די קענצייכנס פֿאַר עפּאָכעס אין דער ליטעראַטור, באַשאַפֿן זייער אייגן לשון. זיי שאַפֿן זייערע אייגענע וואָרטסימבאָלן, זייערע אייגענע וואָרט־קאָמבינאַציעס, זייער אייגענעם ליכט־און־שאָטן־שפּיל פֿון ווערטער. און ביז מע בײַסט זיך ניט אַרײַן אין דער נײַקייט פֿון זייער לשון, ביז מע לערנט זיך ניט אויס דעשיפֿרירן די אַנדערשקייט פֿון זייער וואָרט־סימבאָל, ביז מע געוווינט זיך ניט צו צו זייער נײַעם וואָרטמיין, איז זייער פּאָעזיע ניט לײַכט אויפֿצונעמען.
קעגן דער דאָזיקער אומלײַכטקייט בונטעוועט זיך אָפֿט דער קאָנסערוואַטיווער ליטעראַטור־קריטיקער און דער קאָנסערוואַטיווער לייענער. זיי בונטעווען זיך קעגן דעם יאָך, וואָס דער נײַער דיכטער טוט־אָן אויף זיי. זיי בונטעווען זיך, ווײַל זיי ווילן ניט גיין נאָך אַ מאָל אין חדר אַרײַן, ווילן ניט מסכּים זײַן, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ דיכטונג, וואָס איר שפּראַך איז פֿאַר זיי פֿרעמד.
גרויסע און עכטע דיכטערס האָבן אָבער דעם כּוח צו צווינגען אַז מע זאָל זיך אויסלערנען זייער נײַ דיכטעריש לשון.

די ערד פֿון דער ליטעראַטור באַוועגט זיך פֿאָרט, ניט געקוקט אויף דער עקשנות פֿון דעם אינערטישן לייענער און ליטעראַטור־קענער. אַזוי אַרום קומען־אויף נײַע עפּאָכעס, נײַע ריכטונגען, נײַע שרײַב־נוסחאות אין דער פּאָעזיע, אין דער קונסט פֿון אַלע פֿעלקער, פֿון אַלע ליטעראַטורן.

□

אַבֿרהם סוצקעווערס אָריגינאַליטעט און אייגנאַרטיקייט האָט זיך פֿון לכתּחילה אָן אַנטפּלעקט מיט אַן אַנדערשדיקער וואָרטשײנקייט, מיט אַן אַנדערשדיקן, נײַעם וואָרטאויסדרוק. ווײַל געקומען אין דער ייִדישער דיכטונג אַרײַן איז ער מיט אַ נײַעם, אַנדערשדיקן וועלטאויפֿנעם, מיט אַ נײַער אַנדערשדיקער וועלטוויזיע.

מיט אים איז אָבער געשען אַ נס: נאָך איידער מע האָט זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין זײַן אַנדערשקייט, האָט מען זי שוין דערפֿילט און ליב געקראָגן.
נאָך איידער מע האָט געגנבֿי געוווּסט, וואָס ער זאָגט, האָט מען שוין דערהערט ווי ער זינגט. און דער ניגון זײַנער, דער פּאָעטישער ניגון, האָט געפֿאַנגען.
און פּונקט ווי די ייִדן בײַם באַרג סיני האָבן צו ערשט געזאָגט: 'נעשה' און דערנאָך 'נשמע', אַזוי האָבן די לייענערס פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס יוגנטלעכער דיכטונג צו ערשט געזאָגט: 'כּי טובֿ' און דערנאָך — 'וירא'. זיי האָבן דערפֿילט איר עכטקייט, איר ווערטפֿולקייט און איר גרויסקייט נאָך איידער זיי האָבן זי פֿאַרשטאַנען, באַנומען און אָפּגעשאַצט.
דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז מע זאָל זײַן נײַע דיכטערישע שפּראַך, זײַן אַנדערשדיק פּאָעטיש לשון לערנען און דערלערנען מיט מער התמדה. און דער, וואָס האָט זי דערלערנט, דער וואָס האָט זי פֿאַרשטאַנען, האָט אויך פֿאַר־שטאַנען, פֿאַר וואָס מיט אים איז געשען דער דאָזיקער נס און מיט וואָס ער האָט באַוויזן צו צעברעכן דעם אינערטישן ווידערשטאַנד פֿון דעם לייענער קעגן די חידושים אין דער דיכטונג.
דער לייענער האָט דערפֿילט, אַז צוליב זײַן נײַער פּאָעטישער תּורה לוינט פֿון ס'נײַ צו לערנען עבֿרי, די נײַע דיכטערישע עבֿרי' פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.

□

בײַ דער געלעגנהייט איז כּדאַי צו זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן דעם לייענערישן ווידערשטאַנד צו נײַע פּאָעטישע לשונות.
דאָס פֿאָלק זאָגט, אַז יעדער חזן איז אַ נאַר, אָבער ניט יעדער נאַר איז אַ חזן.
אין אַ געווויסן זינען איז דאָס אמת אויך בנוגע נײַע דיכטערס און נײַער דיכטונג.
יעדער עכטער און אָריגינעלער דיכטער איז, ווי געזאָגט, דער שעפֿער פֿון אַ נײַ פּאָעטיש לשון, וואָס איז בײַם אָנהייב היפּש אומפֿאַרשטענדלעך.
ניט יעדער, וואָס שרײַבט אומפֿאַרשטענדלעך איז אָבער אַן אָריגינעלער און עכטער דיכטער. און דאָס אומגליק איז, וואָס ווי נאָר עס באַווײַזט זיך אַן עכטער און נײַער פּאָעט מיט אַ לשון, וואָס מע דאַרף זיך ערשט אויסלערנען עס

פֿאַרשטײן, אַזוי װאַקסן אַרום אים אויס, װי די װילדע שװאָמען נאָך אַ רעגן, מחנות נאָכמאַכערס, װאָס פֿאָרן־מיט אויף יענעמס קאַרעטע פֿון אומפֿאַר־שטענדלעכקייט. אומפֿאַרשטענדלעכקייט װערט אַ מאָדע, אַ מאַניר, אַ חנדל.

צעשעטקעװען, צעפּאַסעװען און פֿאַרגװאַלדיקן די שפּראַך; אָנהאַרעװען זיך, אַז דאָס לשון זאָל אַרויסקומען קרום, װערט אַ ליטעראַרישע טוגנט.
אין די טונקעלע װאַסערן פֿון דער אומפֿאַרשטענדלעכקייט מערן און װידמענען זיך דעמאָלט כּל־המינים פֿיש פֿון בלאָפֿערײַ און פֿאַלשקייט. גיי קאָנטראָליר דעם װערט פֿון אַ זאַך, װאָס מע קאָן זי ניט און גיי װייס, װאָס אין איר איז פֿאַלש און װאָס ס'איז עכט.
נײַ־לשון פֿאַר די װאָס האָבן צו זאָגן עפּעס נײַס איז אַ גרויסע זאַך. װאָס טוט מען אָבער מיט די יעניקע, װאָס זשאָנגלירן בלויז מיט לשון־נײַקייט, כּדי צו פֿאַרדעקן די נישטיקייט פֿון דעם װאָס זיי האָבן צו זאָגן, צו זינגען, צו דערציילן? װאָס טוט מען מיט די, װאָס האַרעװען זיך אויס אַן אומפֿאַרשטענדלעכקייט, בכדי צו זײַן אין דער מאָדע?
און היות עס האָט זיך שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן, אַז פֿאַרשיידענע לשון־זשאָנגלירערס האָבן אָפּגענאַרט דעם לייענער מיט דער הילף פֿון דער געמאַכ־טער נײַקייט, איז דער לייענער ניט אויף קיין געלעכטער אָנגעשראָקן און ער האָט כּסדר מורא, אַז מע װעט אים פֿאַרקויפֿן אַ קאַץ אין אַ זאַק. דעריבער בונטעװעט ער זיך קעגן דעם נײַעם שרײַב־נוסח, װעלכן ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו קאָנטראָלירן און פֿאַרשטיין.
סוף־כּל־סוף לערנט זיך אָבער דער לייענער אויס מבֿחין צו זײַן בין טובֿ לרע און דעמאָלט איז אים שוין שװער אָפּצונאַרן. פֿאַראַן אָבער גוטע לייענערס, װאָס נאָך איידער זיי לערנען זיך אויס פֿאַרשטיין, דערפֿילן זיי שוין מיט אַ זעקסטן חוש דאָס גוטע און דאָס עכטע.
מיט דעם האָזיקן גוטן לייענערישן חוש האָט מען אין אונדזער ליטעראַטור, אין אַלע ליטעראַטורן, דערפֿילט די נײַע גרויסע פּאָעטן.
מיט אָט דעם גוטן חוש האָט מען דערפֿילט אַבֿרהם סוצקעװערן.

□

װי אָריגינעל עס זאָל ניט זײַן דער נײַער פּאָעט, װי אַנדערשדיק עס זאָל ניט זײַן דער נײַער דיכטער, האָט ער אָבער אַ צד־השװה מיט די אמתע און עכטע פּאָעטן, װאָס זענען געװען פֿאַר אים און װאָס װעלן זײַן נאָך אים.
דער צד־השװה באַשטייט אין דעם, װאָס כאָטש ער איז אין תּוך אַן אָפּגעז־שלאָסענע, באַזונדערע אינדיװידואַליטעט, איז ער אָבער איינצײַטיק מיט טויזנט פֿעדעם פֿאַרבונדן מיט דעם מענטשלעכן, צי נאַציאָנאַלן קאָלעקטיװ, װעלכער לעבט מיט אים אין איין צײַט און אין איין גײַסטיקער און עמאָציאָנעלער ספֿערע.
'זײַן נאָמען איז מיליאָן' — האָט דער גרויסער אָדאָם מיצקעװיטש אים כאַראַק־טעריזירט. ער לײַדט פֿאַר מיליאָנען און ער זינגט פֿאַר מיליאָנען.

ער זינגט טאַקע וועגן זײַנע יחידישע וויזיעס און וועגן זײַנע טיף־אינדיווידועלע איבערלעבונגען, אָבער דער גרויסער וווּנדער איז דער, וואָס אין זײַן יחידישקייט, אין זײַן אינדיווידואַליטעט שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן, דאָס פֿילן, דאָס זען פֿון מיליאָנען. נײַע צײַטן ברענגען נײַע מענטשן; די נײַע מענטשן דאַרפֿן נײַע לידער, וואָס זאָלן אויסזינגען די נײַקייט פֿון זייערע געפֿילן, פֿון זייערע געמיט־צושטאַנדן, פֿון זייערע נשמה־וויבראַציעס. דאָס נײַע איז אין זיי פֿאַראַן. עס איז אָבער שטום, עס האָט נאָך ניט דעם לבֿוש פֿון וואָרט. און דאָ קומט דער נײַער פּאָעט, בינדט־אויף די שטומע צונג פֿון דער נײַקייט — און ער ווערט איר פּאָעטיש קול.

אַבֿרהם סוצקעווער איז דאָס פּאָעטישע קול פֿון דעם נײַעם ייִד, פֿון דעם ייִד, וואָס האָט פֿאַרלוירן איין וועלט אין חורבן און האָט גענומען בויען אַ צווייטע וועלט אין גאולה. ער האָט דעם נײַעם ייִד געגעבן דיכטערישע שפּראַך פֿאַר זײַנע געפֿילן, פֿאַר זײַן חידוש, פֿאַר זײַן טרויער און פֿאַר זײַן התגלות.

ער איז געוואָרן דער זינגעוודיקער שליח־ציבור פֿון זײַן דור. און דעריבער האָט אים זײַן דור אַזוי גיך דערפֿילט און אַזוי שטאַרק ליב געקראָגן.

די שפּראַך פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע איז פֿאַר דעם דאָזיקן דור ניט אַלע מאָל פֿאַרשטענדלעך. ס׳איז אָבער אַן אומפֿאַרשטענדלעכקייט וואָס דאָמינירט אינעם לעבן גופֿא. אויך דאָס לעבן, די גאַנצע קייט פֿון נס און נסיון איז ניט אַזוי קלאָר...

□

אַבֿרהם סוצקעווער איז דער כסדרדיקער פּאָעטישער אַנטפּלעקער פֿון דער מיסטעריע, וואָס מיר רופֿן־אָן: די מענטשלעכע נשמה. בעיקר — די ייִדישע נשמה פֿון אונדזער דור.

טונקל און סודותדיק זענען די לאַבירינטן פֿון דער דאָזיקער נשמה. פּײַן מישט זיך דאָרטן מיט פֿרייד. טויט ראַנגלט זיך מיט לעבן. די שאָטנס פֿון זכרונות וויקלען זיך אַרום דעם אויפֿגייענדיקן ליכט פֿונעם איצט.

אין דער פּריזמע פֿון דער אַ נשמה האָט זיך די וועלט איבערגעבראָכן. אין איר קרישטאָלענעם שפּיגלגלאָז האָבן זיך אַנטפּלעקט נײַע ליכט־קאָמבינאַציעס. זאַכן האָבן באַקומען אַנדערע פֿאָרמען, אַנדערע אויסמעסטונגען און אַפֿילו אַן אַנדערן תּכלית. חלום און וואָר זענען פֿאַרפֿלאָכטן. רעאַליטעט און פֿאַנטאַזיע זענען אויסגעמישט. דער אַמאָל און דער הײַנט זענען איינס. פֿאַרגאַנגענהייט און איצטיקייט זענען פֿאַרפּלאָנטערט. עס אָטעמט מיט ערבֿ בראשיתדיקן כאָאָס, מיט דער אורקראַפֿט פֿון תּוהו־ובֿוהו.

סוצקעווער ראַנגלט זיך מיט דעם כאָאָס דורך דעם וואָס ער אַנטפּלעקט אים. זײַנע לידער זענען שטיקער נשמה, אַרויסגעכאַפּטע פֿון דעם תּוהו־ובֿוהו־צושטאַנד. שטיקער אונטערבאַוווסטזײַן, וואָס הויערן אויף יענער זײַט פֿון גרויסן סוד.

אין די קרישטאָלענע נעצן פֿון זײַנע פֿאָרעם־געמײַסטערטע לידער צאַפּלען זיך

שטיקער מיסטעריע, די מיסטעריע פֿון לעבן, די מיסטעריע פֿון גורל, די מיסטעריע פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די לעגענדע דערציילט וועגן פֿיר וואָס זענען אַרייַן אין פרדס און ס'האָט מיט זיי געטראָפֿן דאָס וואָס האָט געטראָפֿן. דער אמת איז אָבער, אַז ניט בלויז יענע פֿיר זענען אַרייַן אין פרדס; נאָך זיי זענען אַ סך אַנדערע אַרייַן אין די געפֿערלעכע אָפּטיילונגען פֿונעם גאָרטן, וואָס הייסן: רמז און סוד. און צווישן די וואָס זענען אַרויס פֿון דאָרטן ניט־געניזוקטע, נאָר געלייַטערטע, מיט אַ לויטער ליכט פֿון דערקענטעניש פֿאַר זייערע פֿעלקער, געהערט אויך אונדזער ייִדישער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער.

□

מיט סוצקעווערן אין זייַן בוך אין מידבר סיני איז געשען דאָס זעלביקע וואָס איז אַ מאָל געשען מיט די ייִדן בייַם באַרג סיני.

בעת יענער געשעעניש איז געשריבן: 'וכל העם רואים את הקולות' — דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געזען די קלאַנגען.

סוצקעווער דער מאָלער, דער סקולפּטאָר פֿון קלאַנג, האָט אין זייַן בוך אין מידבר סיני דערגרייכט וווּנדער אויפֿן שטח פֿון זעעוודיק מאַכן די קולות און הערעוודיק מאַכן די פֿאַרבן. ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די סאַמע אורקוואַלן פֿון דער פּאָעטישער יצירה, דאָרטן ווו דאָס וואָרט הערט־אויף צו האָבן דעם פּשוטן מיין און עס ווערט אַ סימבאָל פֿאַר אַל די וווּנדערס פֿונעם באַשאַף. דאָרטן ווו געזאַנג איז בילד און ווו קאָליר איז געזאַנג. דאָרטן ווו וואָר איז חלום און חלום איז דאָס דינע פֿעדעמעל, וואָס העלפֿט אונדז דערגיין ביז צום קנויל־פּלאָנטער, וואָס הייסט: וואָר. דאָרטן ווו עס הערט־אויף דער שטראָם פֿון דער צייַט און דער נעכטן האַלדזט זיך מיטן הייַנט. דאָרטן ווו די פּייַן ווערט זיס און די פֿרייד איז מאַיעסטעטיש טרויעריק.

אַבֿרהם סוצקעווער, דער אַנטפּלעקער פֿון אונדזער דורס ייִדישער נשמה, האָט אונדז פֿון מידבר סיני צוריקגעבראַכט די נייַע אַנטפּלעקונג פֿון זייַן טאַלאַנט.

סוצקעווערס גרעסטע מעלה איז דאָס, וואָס ער באַנייַט זיך כּסדר. און ער באַנייַט זיך כּסדר, ווייַל ער גייט מיט זייַן דור אויפֿן וועג פֿון באַנייַונג.

אַ ייִדישער פּאָעט אין ניו־יאָרק האָט געזונגען, אַז ווי נאָר ער האָט פֿאַרלאָזט די חורבֿות פֿון פּוילן און אויפֿגעשלאָגן זייַן געצעלט אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, האָט זיך דער שיר־של־שירה פֿון אים אָפּגעווענדט און דער קוואַל פֿון געזאַנג האָט אין אים אייַנגעטריקנט.

אַבֿרהם סוצקעווער איז פֿון די חורבֿות פֿון פּוילן אַוועק צו דעם באַנייַטן ייִדישן אויפֿבלי אין ארץ־ישׂראל. ער איז אַוועק צוזאַמען מיט זייַן דור און מיט דער ייִדישער געשיכטע. דער ייִדישער דור און די ייִדישע געשיכטע האָבן די חורבֿות ניט פֿאַרגעסן. מיט זייער גבֿורה פֿאַר די אויגן זענען זיי אַוועק אויף דעם וועג פֿון ווייַטערדיקן געראַנגל פֿאַר דער אייביקייט פֿון דער ייִדישער אומה. אַבֿרהם סוצקעווער איז כּסדר אין סאַמע מיטן פֿון אָט דעם געראַנגל. ער איז דער

דיכטערישער דבֿרי־הימים־זינגער פֿון זײַן דורס נשמה־פֿאַרמאַציעס, אין דעם מלחמה־טיגל פֿאַר ווײַטערדיק מענטשלעך און נאַציאָנאַל־שליחותדיק לעבן.
פֿון ווילנער געטאָ, פֿון אַלע געטאָס אין מיזרח־אייראָפּע איז ער אויפֿגעשטיגן צום הר־סיני, ווען זײַן געפּרוווטער דור איז געגאַנגען מלחמה האַלטן אין מידבר סיני.
פֿאַר דער גײַסט־געשיכטע פֿון ייִדישן מענטש איז דאָס בוך אַן אייביק פֿאַר־בלײַבנדיקער זינגעוודיקער דאָקומענט פֿון דיכטערישער גרויסקייט:

און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זײַן נאָמען.

אַזוי זינגט סוצקעווער, און מיר זאָגן: יאָ, ווער עס איז געגאַנגען מיט זײַן פֿאָלק אין שלאַכט און האָט אונדז פֿון דער דאָזיקער שלאַכט צוריקגעבראַכט דעם נײַעם אָז ישיר פֿון דער ייִדישער גבֿורה, דעם וועט די ייִדישע ליטעראַטור, די ייִדישע דיכטונג אייביק געדענקען. טויזנט יאָר וועט וועגן דער פּראַכט פֿון סיני דערציילן דער, וואָס האָט זי געזען בעת יענעם גבֿורהדיקן גאַנג און טויזנט יאָר וועט וועגן דעם שיינקייט־געזאַנג פֿון סיני דערציילן דער פֿאָלקישער זכּרון, וואָס אַבֿרהם סוצקעווער און זײַן דיכטונג האָבן אין אים זייער געזיכערט אָרט.

אָאַזיס /1957—1959/

דאָס בוך אָאַזיס איז דאָס צוועלפֿטע פּאָעטישע בוך פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, זײַן ערשט ווערק מיטן נאָמען לידער איז אַרויס אין וואַרשע אין יאָר 1937. זײַן צווייט בוך וואַלדיקס — אין ווילנע אין יאָר 1940. די ווײַטערדיקע דרײַ ביכער זענען אַרויס אין ניו־יאָרק אין די יאָרן 1946 און 1948. איין בוך, אַ מין אַנטאָלאָגיע פֿון זײַנע פּאָעטישע שאַפֿונגען — אין בוענאָס־אײַרעס אין יאָר 1953. די אַנדערע דרײַ ביכער זענען שוין אַרויס אין ישׂראל, ווו חוץ זיי זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן זײַנע צוויי ביכער אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אָנגעהויבן זײַן באַרג־אַרויפֿגאַנג אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט אַ דרייסטן יוגנטלעכן קלעטער צו די הייכן פֿון עכטער שעפֿערישער אָריגינאַליטעט. זײַנע ערשטע צוויי ביכער האָבן אים באַוויזן ווי אַ הויך־טאַלאַנטירטן אַליין־גייער, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו שפּאַנען איבער גאַנץ נײַע דיכטערישע שליאַכן, כּדי צו אַנטדעקן פֿאַרהוילענע לענדערײַען, פֿולע מיט אוצרות פֿאַרן ייִדישן ליד. סוצקעווער איז דעמאָלט נאָך געווען גאָר יונג, אָבער אין זײַן יוגנשאַפֿט האָט אונדז איבערגעראַשט די בולטקייט פֿון זײַן פּאָעטישער אינדיווידואַליטעט, וואָס אַנדערע שאַפֿערס דערגרייכן זי ערשט אין די יאָרן פֿון אויסגעשטאַנענער רײַפֿקייט.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט דעם ייִדישן פּאָעזיע־ליבהאָבער געפֿאַנגען מיט זײַן נאַטירלעכער אַנדערשקייט, וואָס האָט אינעם ייִדישן פּאָעזיע־גאָרטן אַפֿילו אויפֿגעבליט מיט שיינער און לאָקנדיקער עקזאָטישקייט. אין דער סבֿיבֿה פֿון דער ווילנער קאָלעקטיווער ייִדישקייט איז זײַן ניט־פּאָזירטע יחידישקייט געווען אַ ווונדער, אַ דערפֿרישנדיקן צויבער האָט אויך פֿאַרמאָגט זײַן נײַקייט, זײַן עשירות פֿון פֿאַרבן און קלאַנגען, וויזיעס און שטימונגען. זיין אָריגינעל בילדעריש וואָרט האָט געהאַט אין זיך דעם כּישוף־רייץ פֿון ערשטמאָליקייט, און זײַנע מעטאַפֿאָרעס און גראַמען האָבן אויפֿגעבלענדט אין דער ייִדישער ליריק מיט דעם חן פֿון יענער פּאָעטישער פֿאַרשײַטקייט, וואָס טרייסלט די יסודי־של־עולם אין דער גרויסער וועלטדיכטונג.

דער ייִדישער גורל האָט אָבער גאָר גיך אַ כאַפּ געטאָן דעם יונגן דיכטערישן אָדלער, דעם אַליין־פֿליִער איבער די באַרגשפּיצן פֿון דער פּאָעזיע־שיינקייט און אים אַרײַנגעשלײַדערט אין דעם קאָלעקטיוון אומגליקטאָל פֿון אונדזער אומה. סוצקעווערן איז דורכן גורל אָנגעטרויט געוואָרן צו זײַן איינער פֿון די

פּאָעטישע אויסזינגערס און אַנטפּלעקערס פֿון אונדזער פֿאָלקישן פּײַן־ און העלדן־עפּאָס. דער יחידישער דיכטער האָט געדאַרפֿט ווערן דער שליח פֿון אַ געפּײַניקטן ציבור, און ער איז דאָס געוואָרן. ער איז געוואָרן דער קינסטלע־רישער מאָנומענטירער פֿון דער פֿאַרפּײַניקטער ייִדישער גאַס, פֿון דעם אומ־געבראַכטן ייִדישן פֿאָלק, פֿון חרובֿ־געוואָרענע ווילנעס.

□

פֿון אומקום אין די געטאָס האָט דער ייִדישער גורל געפֿירט דאָס פֿאָלק צו דעם אויפֿקום און ווידערגעבורט אין מדינת־ישראל, און דעם דאָזיקן וועג איז אויך מיטגעגאַנגען דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער. ער, דער זינגער פֿון קאָלעקטיוון אונטערגאַנג, איז אויך געוואָרן דער באַזינגער פֿונעם ייִדישן אויפֿגאַנג. צו מאָל זענען אין זײַן ליד די גרענעצן צווישן טויט און ווידערגעבורט פֿאַרווישט גע־וואָרן, און ער האָט אונדז דעמאָלט אין דיכטערישן חזיון אַנטפּלעקט דעם וועג וואָס פֿירט פֿון וואַרשע ביז צום קאָסטעל, פֿון די שנייען אין פּאַרטיזאַנער־וואַלד צו די שנייען אויפֿן באַרג חרמון, פֿון ווילנער אונטערערדישן קאַמף ביז דעם נצחון אין דער סיני־מלחמה.

אַנגעהויבן פֿון זײַנע באַרימטע ביכער די פֿעסטונג, איבער די לידער פֿון געטאָ, ייִדישע גאַס, געהיימשטאָט, ביז אין פֿײַער־וואָגן און אין מידבר סיני, איז סוצ־קעווער כּסדר געווען דער פּאָעטישער געשטאַלטיקער פֿון זײַן תּקופֿה און פֿון די איבערלעבונגען פֿון זײַן דור. די דאָזיקע פּאָעטישע געשטאַלטיקונג איז פֿון אַ באַזונדערן ווערט, ווײַל זי איז געפֿורעמט געוואָרן דורך דעם אייגנאַרט פֿון סוצ־קעווערס טאַלאַנט, וואָס איז צוליב זײַן אָריגינאַליטעט באַזונדערש מסוגל געווען צו געפֿינען דעם אויסדרוק פֿאַר די לחלוטין נײַע אַנטפּלעקונגען און שפּירונגען אין לעבן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס־קאָלעקטיוו. סוצקעווערס גרויסקייט איז תּמיד געווען דאָס, וואָס אַפֿילו אין צרת־רבים אָדער שׂמחת־רבים האָט ער קיין מאָל ניט פֿאַרלוירן זײַן אייגן קול, זײַן אייגן וואָרט, זײַן אייגענעם אופֿן פֿון זען און מאַכן דערזען, פֿון פֿילן און מאַכן דערפֿילן, פֿון איבערלעבן און מאַכן איבערלעבן די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די ביאָגראַפֿיע פֿון זײַן דור.
מיט זײַן בוך סיבֿיר הייבט זיך אָן דעם דיכטערס צוריקקום צו זיך, צו זײַן יחידישער וועלט, צו דער אינטימער דערמאָנונג פֿון זײַן קינדהייט. דעם דאָזיקן צוריקגאַנג צו זיך טרעפֿן מיר אויך אין זײַן בוך אָדע צו דער טויב און אין זײַן בוך אָאַזיס.

□

אין אָאַזיס איז אַבֿרהם סוצקעווער צוריקגעקומען צו יענער פּאָזע מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זײַן בוך וואַלדיקס. ווידער אַ מאָל שטייט דאָ אין צענטער פֿון דער פּאָעטישער אינספּיראַציע די אינזיכיקע וועלט פֿונעם דיכטער, דאָס יחידישע לעבן פֿונעם פּאָעטישן שאַפֿער, דער טיפֿער אַרײַנבליק אין די פּסיכישע לאַבירינטן פֿון אייגענעם זײַן און דער אויפֿבליץ פֿון אַנטפּלעקערישער באַשיי־דונג אויף די מיסטעריעזע רעטענישן פֿונעם אייגענעם לעבן.

דער נאָמען אַאַזיס מיינט צו זאָגן, אַז דער דיכטער האָט געזוכט און געפֿונען אַן אָפּרו און אפֿשר אויך אַן אַנטרינונג פֿונעם מידבר. מע קאָן אין דעם נאָמען אַ סך אַרייַנטייַטשן. אָבער צו וואָס? פֿאַר אונדז איז קלאָר, אַז אַאַזיס איז דער ערדאינדזל, ווו דער דיכטער איז זיך מתיחד מיט דער פּאָעזיע, מיט זייַן אייגענעם שעפֿערישן 'איך' און מיט דעם געזאַנג, וואָס שטראָמט פֿון זייַן האַרצן.

פֿאַר דער אַ פּאַזע פֿון סוצקעווערס שאַפֿן איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער פֿערז:
"אינעווייניק מער ווי דרויסן — קלעטער".
און אַבֿרהם סוצקעווער איז טאַקע איינער פֿון די דאָזיקע קלעטערערס, וואָס קאָנען גרייכן גוואַלדיקע פּאָעטישע הייכקייטן (אפֿשר טיפֿקייטן) אין דעם איכישן 'אינעווייניק' אין דעם ניט־דערפֿאָרשטן פּלאַנעט וואָס הייסט: מענטש, און וואָס איז עד־היום דער גרעסטער פּלא אין דער יצירה.
איבעריק צו זאָגן, אַז כאָטש סוצקעווער האָט זיך אין זייַן בוך אַאַזיס אומגעקערט צו דער פֿרִיערדיקער פֿאַזע פֿון זייַן שאַפֿן, איז ער אָבער צו איר צוריקגעקומען אַן אויסגעוואַקסענער, אַ רײַפֿער און אַ באַלאָדענער מיט גרויסע אָפּשפּאָרן. סײַ זייַן דיכטערישע וויזיע, סײַ זייַן ראַפֿינירטער דיכטערישער אויסדרוק זענען איצט אָן אַן ערך טיפֿער, מאַכטיקער און קינסטלעריש ווערטפֿולער. ער האָט דערגרייכט די גרויסע פּאָעטישע מדרגה פֿון זיך דערגראָבן מיט רייד צום שווייַגן און מיט דער ווערטער־קאָמבינאַציע צו קענען איבערגעבן די פֿולע רעגן־בויגנדיקע פֿילפֿאַרביקייט פֿון אַ שאַגאַלישן גאָרטן, וואָס איז אייגנטלעך אַ סוצקעוועריש געמעל פֿון זייַן אייגנאַרטיקן אופֿן זען און באַנעמען די דרויסנדי־קייט, אַרויסגעבראַכט אין אַן אינזיכיקער אָפּשפּיגלונג. די אַ פֿאַנטאַסטישע אינ־זיכיקע אָפּשפּיגלונג פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, אירע וויבראַציעס און ווירקונגען, אירע אַסאָציאַציעס און רעפֿלעקסן, אירע שפּורן אין געמיט און איר פֿילאָסאָפֿישע דערקענטעניש אין פּאָעטישן בילד, אין בליציקע מעטאַפֿאָרעס, אין דער רמזימדיק אויסטערלישער וויזיע — אַרויסגעבראַכט אין אַ כסדר זיך באַנײַענדיקער דיכטערישער פֿאָרעם און אין אַ כסדר זיך אָפּפֿרישנדיקן, אויסגעפֿינערישן אויסדרוק — איז דער תּמצית פֿון אַלע זייַנע לידער וואָס בליִען, ווי לאָקנדיקעביימער, אויף זייַן אַאַזיס.

□

ס'ווילט זיך באַזונדערש אויסטיילן פֿונעם בוך דאָס ליד «אויסדערווײלטער בוים»: אַ דראַמע מיט אַ זעלטענער פּאָעטישער עקספּרעסיע, און דאָס ליד «דער בלינדער מילטאָן". דער וואָס וועט איבערלייענען «דער בלינדער מילטאָן», וועט דערזען, אַז ווי ווײַט סוצקעווער זאָל ניט אַנטלויפֿן פֿון אונדזער לעבנס־מידבר צו דעם אַאַזיס פֿון פּאָעזיע, קאָן ער דאָך ניט פֿאַרגעסן, אַז אין זײַנע אָדערן שלאָגן 'די בלוטן פֿון אַ דור', וואָס האָט אים פֿאַרמישפּט מיט זעעוודיקייט צו זוכן דעם 'פֿאַרלוירענעם גיהנום' און ער וועט דערפֿילן, ווי אַנדערש עס איז דער גורל פֿונעם ייִדישן דיכטער אַנטקעגן דעם גורל פֿון יענעם גרויסן ענגלישן דיכטער, מילטאָן, וואָס האָט אין זײַן בלינדקייט געפֿונען דעם פֿאַרלוירענעם גן־עדן.

אַבֿרהם סוצקעווערס לידער זענען פּאָעטישער ניסתּר. מע מוז זיי לייענען ווי אַ מין דיכטערישן זוהר פֿון אונדזער צײַט, און נאָר דער וואָס וועט זיך אײַן זיי אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרטיפֿן, וועט קאָנען באַנעמען זייער גאַנצע פּראַקטיקייט און אוניווערסאַל־מענטשלעכע גרויסקייט.

פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים /1964—1967/

שוין די ערשטע לידער מיט וועלכע אַבֿרהם סוצקעווער עפֿנט זײַן בוך פּיר־קאַנטיקע אותיות און מופֿתים, גיבן אונדז אַ טראָג־אַוועק אין אַזאַ פּאָעטיש פֿאַנטאַסטישער וועלט, אַז ס׳ווערט באמת שווער צו באַניצן די פּראָזאַישע ווער־טער מיט וועלכע עס מוז זיך באַניצן דער ליטעראַטור־קריטישער פּרשן.

> שענק מיר ווערטער וואָס געשאָנקען האָסטו זיי ניט קיינעם,
> ווערטער ניט פֿון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.

אויב גאָט האָט זיך צוגעהערט צו דער תּפֿילה פֿון פּאָעט און האָט אים, ווי מיר זעען, געשאָנקען די דאָזיקע ווערטער מיט שפֿע, איז אָבער שווער צו האָפֿן, אַז ער וועט זיי אויך געבן במתּנה דעם יעניקן וואָס וויל אין אָט דער פּאָעטישער וועלט אַרײַנדרינגען, כּדי זי מסביר צו זײַן פֿאַר אַנדערע און די סכּנה איז, ער זאָל אין איר ניט פּרוּוון אַרײַנדרינגען מיט זײַנע וואָכעדיקע, פֿאַרטײַטשערישע ווערטער וואָס קאָנען אַ מאָל צעשטערן די דיכטערישע שיינקייטן, ווי אַ גראָבער שטיוולטראָט צעשטערט און צעברעכט אַן איידעלן קרישטאָלענעם חפֿץ.

סוצקעווער דערגרייכט מיט זײַנע אותיות די מופֿתים פֿון אַזעלכע צויבערדיקע וויזיע־אַנטפּלעקונגען וועלכע עס קאָן אַרויסבריינגען בלויז אַ דיכטער וואָס זײַן ׳קרוין איז אַ פֿרישע פֿאַליטרע פֿון רויזן׳. און דערפֿאַר איז טאַקע דעם וואָס שרײַבט וועגן די וויזיעס ׳אַ מורא צו ריידן׳. ווײַל:

> אַ מורא צו ריידן. קוים לאָזסטו אַרויס פֿונעם פּענדזל
> אַן איבעריק פּינטעלע,
> אָדער אַ גרילציקן שמיר —
> פֿאַרמאָלסטו זיי גלײַך און עס בלײַבט ניט קיין סימן, קיין זכר.
> נאָר לאָזסטו אַרויס פֿון די ליפּן אַן איבעריק וואָרט —
> איז ניטאָ נאָך דערוויילע, מײַן פֿרײַנד, אַזאַ פּענדזל,
> צו קענען אים אַניאָגן ערגעץ און האַסטיק פֿאַרמאָלן.

יאָ, ס׳איז אַ מורא צו ריידן, ס׳איז אַ מורא צו טײַטשן און ס׳איז אַוודאי אַ מורא צו דרשענען. בעיקר אָבער, איז אַ סכּנה צו טײַטשן די פּאָעטישע ׳אומ־פֿאַרשטענדלעכקייט׳ אין זײַנע לידער, אַז זי זאָל ווערן פּראָזאַיש פֿאַרשטענדלעך, ווי דאָס טוט על־פּי־רובֿ דער וואָס שרײַבט וועגן אַלערליי ביכער.

פֿאַראַן אַ משל פֿון בעש״ט וועגן דעם, ווי עס קוקט אויף טאַנצנדיקע איינער וואָס הערט ניט דעם ניגון אין וועמעס ריטעם זיי טאַנצן. סוצקעווערס לידער זענען אַ באַלעט פֿון וויזיעס וואָס אויב איר וועט ניט דערהערן די מוזיק וואָס דיריגירט מיט זייערע גראַציעזע באַוועגונגען, וועט איר בכלל ניט תּופֿס זײַן דאָס וואָס אײַערע אויגן זעען. קיין שום הסבר און טײַטש וועט אײַך דאָ ניט העלפֿן, ווײַל זײַן ׳דימענט איז טונקל׳ און ער מוז בלײַבן אין אַ באַשטימטער טונקלקייט, כּדי זײַן ליכט זאָל זיך צעפֿינקלען מיט אַלע זײַנע פּאַטישע פֿײַערן.

לאָמיר טאַקע ציטירן די דאָזיקע ווונדערלעכע סטראָפֿעס:

מײַן דימענט איז טונקל. עס ווײַנען אין אים טאַטע־מאַמע,
ער פֿינקלט מיט זייערע טרערן, מיט זייערע ליידן.
ס׳האָט ליבשאַפֿט ניט ליב אַז עס מאַכן איר ליפּן רעקלאַמע,
פֿאַרשלאָסן זאָל בלײַבן אין דימענט מײַן בלויער גן־עדן.
ס׳געהערן צו מיר זײַנע סודות און זײַנע רמזים,
די פֿאַרבן, נאָך איידער זיי זענען געוואָרן סימבאָלן.
ווען וועלן אַ מלאך צעשנײַדן דעם דימענט — איך לאָז אים,
אַ שטוביקער מלאך, מיט אייגענע פֿינגער געמאָלן.

מײַן דימענט איז טונקל.

אָבער אויב ס׳איז שווער מפֿרש צו זײַן ׳די פֿאַרבן נאָך איידער זיי זענען געוואָרן סימבאָלן׳, איז פֿון דעסטוועגן יאָ מעגלעך צו זאָגן, אַז אין זײַן נײַעם בוך פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים האָט סוצקעווער דערגרייכט צו זײַן דיכטערישער התגלות מיט דער הילף פֿונעם וואָרט וואָס האָט זיך באַפֿרײַט פֿון אַלע חיצוניותן, פֿון אַלע שאָלן וואָס קאָנען זײַן אַ מחיצה צווישן שפּירונג און איבערלעבונג.

□

דאָס וואָרט וואָס גיט־איבער די סאַמע עסענץ פֿון דער דיכטערישער איבערלעבונג אין דעם סאַמע עקסטראַקט פֿון געפֿילן און שטימונגען וואָס די איבערלעבונג רופֿט־אַרויס, אַנטפּלעקט זיך פּאַר אונדז, אין פֿולן צויבער, שוין אין זײַן ערשטן ליד מיט וועלכן ער עפֿנט דאָס בוך:

מוזיק פֿון יסורים. ווער איז דיריגענט?
פֿאַר וועמעס וועגן שפּילן זיי קרעשטשענדאָ?
צי וועלן שפּעטער אַפּלאָדירן הענט?
ווער זענען זיי און ווער איז דיריגענט?
איך וויל אים זען דאָ.

מע זאָגט ניט אָפּ זײַן איינציקן פֿאַרלאַנג
אַ מערדער אויך, פֿאַרהאַקטן הינטער שלעסער.

איך וויל אים זען דעם דיריגענט שוין לאַנג,
זײַן שטעקעלע, דאָס ווייס איך, איז אַ מעסער.

און בלויז דאָס מעסער איז אַצינד רעאַל,
פֿאַרגאַנגענהייט — אַ שיינע זאַבאַבאַנע.
די פּנימער פֿון ליים אין שוואַרצן זאַל
געהערן שוין צו גאָר אַן אַנדער זאָנע.
אַפֿילו זי איז מער ניט זי: אַן אָפּגעשיידטער שטראַל.
איך רוף זי שוין אין האַרצן: מײַן אַלמנה.

דאָ איז קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט 'שפּיטאָל', 'קראַנקייט', 'אָפּע־ראַציע' און פֿון דעסטוועגן...
אָבער לאָמיר דאָ זיך אָפּשטעלן, ווײַל אַ וואָרט מער און מיר וועלן זײַן אויפֿן וועג פֿון פּרשנות.
דאָס זעלביקע אויסשיילן דאָס וואָרט פֿון דער חומרדיקער קליפּה איז ניכּר אין אַלע אַנדערע לידער און באַזונדערש אין אַזאַ ליד ווי «ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן». דאָס ליד האָט, צוליב אַ סך טעמים, פֿאַרדינט מע זאָל עס איבערזאָגן אין גאַנצן:

ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן

איך בין אַלט געווען דעמאָלט, ווי איצט ביז די קני,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן.
נאָר די צײַט איז געשטאַנען פֿאַר מיר אויף די קני,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן.

צוליב מיר איז געשווומען אַ שטרויענער דאַך,
מיט אַ האָן אויבן־אָן אויפֿן שטרויענעם טראָן,
און זײַן קוקעריקו און זײַן גאַנצער פֿאַסאָן —
עלעהיי אַ ציגײַנער.

יאָרן שפּעטער, ווען ס'האָט מיך געטראָפֿן דער שלאָק,
איז געוואָרן מיר קלאָר, ווי אין חלום אַ האַק,
אַז דער דאַך איז גאָר איז מײַנער, איז מײַנער.

צוליב מיר איז געשווומען אַ דעמב, ווי אַ שׂררה,
און זיך אויסטאָן געוואָלט פֿון זײַן קופּערנער קאָרע.
האָט מיט באַקציינער־וואָרצלען פֿאַרויס — מיטן טײַך זיך געלאָזן.

יאָרן שפּעטער — געזען אים אין אַפֿריקע שווימען געשווינד
צווישן גראָזן,
אין געשטאַלט פֿון אַ לייב נאָך אַן איבערגעציטערטער הינד.

נאָר געווען בין איך איינס אויף אַן אמת מקנא:
ס'איז געשווומען, ווי אונטערגעשאָסן, אַ פּיאַנע,
און אויף איר האָט געכליפּעט שאָפּען, ווי אַ רעגן,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן!

יאָרן שפּעטער באַנומען דעם סוד, אַז די פּיאַנע אין שקיעה,
מיטן שוואַרצן געבויגענעם פֿליגל באַגלייט פֿון אַ קריע,
איז געווען גאָר אַן אָרון, מײַן גורל אַנטקעגן —

איך אַליין בין שוין דעמאָלט אין אָרון געלעגן,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן.

אַוודאי, ווער עס פֿאַרנעמט ניט די אינעווייניקסטע מוזיק פֿון די פּערזן, דעם וועט דער קאַראַהאַד פֿון די וויזיע־סימבאָלן אויסקומען אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער דעם וואָס די מעלאָדיק פֿון סוצקעווערס אייגנאַרטיקער און אייגציקאַרטיקער דיכטונג פֿאַנגט מיט איר פֿאַרהוילענעם כּישוף, דעם וועט גאָר גיך זיך אַנט־פּלעקן דער סוד פֿון ליד און ער וועט פֿאַרשטיין, אַז ער האָט דאָ מיטגעלעבט מיטן פּאָעט די גרויסע טראַגיק צווישן יוגנט־חלום און עלטער־פֿאַרווירקלעכונג, אַרויסגעבראַכט אין אַ פּאָעטישער פֿאָרעם, וואָס איז נײַ און פֿאַרכאַפּנדיק און דעריבער — אַזוי טיף ווירקנדיק, אַזוי שטאַרק אויפֿטרייסלענדיק.

□

ס'איז באַקאַנט די לעגענדע פֿון די פֿיר וואָס זענען אַרײַן אין פּרדס. די ראָשי־תּיבות פֿון 'פּרדס' זענען: פּשט, דרש, רמז און סוד. אין סוצקעווערס פּאָעטישן פּרדס איז די אָרדענונג אַ גאָר אַנדערע. בײַ אים קומט צו ערשט רמז און סוד און ערשט נאָך דעם קומט דרש און פּשט. וואָרעם, לייענסטו זײַנע ווונדערלעכע פּערזן, קומט דיר לכתחילה אויס, אַז דער דיכטער רעדט צו דיר אויף דער שפּראַך פֿון רמז וועגן אַ סוד וואָס דו ביסט מחויבֿ, צוזאַמען מיט אים, צו אַנטפּלעקן אין דער וועלט וואָס אין דיר און אין דער וועלט וואָס אַרום דיר. בלײַבסטו טאַקע שטיין אַ ביסל אַ צעטומלטער, ווײַל דער רמז איז אַ טיפֿער און דער סוד — אַ פֿאַרהוילענער. אָבער ביים אײַנהערן זיך אין דער מעלאָדיק פֿון זײַן וואָרט, בײַם אײַנלעבן זיך מיט דער סימבאָליק פֿון זײַן בילד, קריגסטו מיט אַ מאָל דעם שליסל פֿון דרש און דעמאָלט דערגייסטו צום פּשט... און וואָס טיפֿער דו דרינגסט אַרײַן אין זײַן אייגנאַרטיקייט, אַלץ פּשוטער ווערט פֿאַר דיר דער רמז און אַלץ מער אַנטפּלעקט זיך פֿאַר דיר דער סוד. און איצטער ערשט דער־פֿילסטו דעם גרויסן גײַסטיקן גענוס, וואָס זײַן דיכטונג פֿאַרשאַפֿט, דעם גענוס פֿון ווערן אַ שותּף צו מעשׂי־יצירה, דעם גענוס פֿון אַליין אַנטפּלעקן פֿאַר זיך די שיינקייט און די טיפֿקייט וואָס דער דיכטער האָט באַהאַלטן אין זײַן ליד.

□

פֿאַראַן אין דעם בוך אַ ליד וואָס הייסט: «מיט הונדערטסטן חוש» און דאָס ליד גיט אונדז אַ שליסל צו דער וואָרטוועלט פֿונעם דיכטער אין ׳טונקעלן דימענט׳. מיר, פּשוטע בשר־ודמס, ראַנגלען זיך מיטן וואָרט, כּדי אויף אַ וואָסער ניט איז אופֿן איבערצוגעבן אונדזערע געפֿילן, אונדזערע שטימונגען, אונדזערע געמיט־צושטאַנדן וואָס ווערן אַרויסגערופֿן דורך דער רעאַליטעט, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזערע פֿינף חושים. סוצקעווער נעמט אויף די וועלט מיט אַ הונדערטסטן חוש, און גייט גיב־איבער די אַלע שפּירונגען מיט ווערטער און בילדער וואָס זענען באַזירט אויף דער לאָגיק פֿון צוויי מאָל צוויי איז פֿיר.

און דאָך, אויף וויפֿל יעדער שעפֿערישקייט איז התגלות, געפֿינט אויך סוצקעווער זײַנע וועגן און מיטלען צו ברענגען צו אונדזער דערקענטעניש די אַנטפּלעקונג פֿון זײַנע שפּירונגען און איבערלעבונגען. דער סוד איז ניט פֿאַרזיגלט מיט קיין אומבאַגרײַפֿלעכקייט. פֿאַרקערט, ס׳ווערט ערשט גרעסער און שאַרפֿער די הנאָה, ווען מע דעשיפֿרירט דעם פּאָעטישן רמז און מע דערגייט צו זײַן פּשט. דערצו איז אָבער נייטיק מיטצוגיין מיטן פּאָעט דעמאָלט ווען —

בײַ אַ קאָפּטשענדיקן מולד
שטיי איך אויף צו תּיקון־אות.

ווײַל נאָר דורך דעם ׳תּיקון־אות׳ איז סוצקעווער געקומען צו דער גרויסער מדרגה פֿון אַנטפּלעקן די שעפֿערישע מופֿתים אינעם ליד.

□

אויך אין פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים איז אַבֿרהם סוצקעווער אַבסאָרבירט פֿון דער וויזיע און דעם קאָשמאַר פֿון געטאָ־ווילנע. איז טאַקע פֿאַראַן אין דעם בוך אַ געטאָליד, וואָס געהערט צום פּאָעטס שטאַרקסטע, אײַנדרוקפֿולסטע געטאָלידער. דאָס ליד הייסט: «הײַנט איז יאָרצײַט», און האָט אין זיך די קראַפֿט פֿון אַ יזכּור־תּפֿילה און די רירנדיקייט פֿון אַ טרערן־תּחינה:

הײַנט איז יאָרצײַט

אל־נקמות, הײַנט איז יאָרצײַט, יאָרצײַט. הײַנט. אַצינד —
ווען גערופֿן האָט צו דיר אַן ערשט געבוירן קינד.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פֿליין,
יעדער האָט הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן שוועל, נאָך זיך אַליין.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן רעגן נײַנצן פֿערציק דרײַ,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערבײַ.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן צײַט, פֿאַרפֿרוירן אין פּאַנאַר,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמעס געלן סאַמאָוואַר.

נאָכן שניי, פֿון מײַנע װײַסלען אױסגעשנײט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבֿר פֿון מײַן גאַס.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך די צװײ מלאכים בײַ מײַן בעט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן צפֿון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצײַט נאָכן שפּיגל מיטן בלױען טײַך אין ראַם
װוּ עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פֿון מײַן שטאַם.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ שבת, ריין װי אַ בריליאַנט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער פֿידל אין מײַן חבֿרס האַנט.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ לײַב אין פֿרײדיקן אַנטבלױז,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער לעצטער יאָרצײַטליכט אין קלױז.

יאָרצײַט נאָכן לאַנגן זײגער אױף דער װאַנט פֿון לײם,
אױ, נאָך אַלע װיגלידער פֿון אונדזער עיר־ואם!

װיפֿל האַלט דאָס גאַנצע ליד? צען צװײפֿערזיקע סטראָפֿעס, און פֿון דעסטװעגן קאָן מען אָן שום מורא פֿאַר גוזמא זאָגן, אַז עס זענען פֿאַראַן ליטעראַטורן בײַ װעלכע די גאַנצע פּאָעטיש האָב־און־גוטס קומט ניט צו די קנאַפּל פֿון דעם דאָזיקן אײנעם ליד.
און װאָלט געװען אױף דער װעלט דער יושר װעגן װעלכן מע רעדט אַזױ פֿיל, װאָלט אָט דאָס ליד געװען גענוג, אַז ניט קײן אַנדערער װי דער פּאָעט װאָס האָט עס געשאַפֿן זאָל קריגן דערפֿאַר די נאָבעל־פּרעמיע.
און אַזעלכע גרױספּאָעטישע לידער זענען בײַ סוצקעװערן פֿאַראַן זײער אַ סך.

און אַ סך װילט זיך אונדז זאָגן נאָך דעם װי מיר פֿאַרמאַכן דאָס בוך פֿירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים פֿון אַבֿרהם סוצקעװער, און צװישן דעם אַלעם װאָס מיר װילן זאָגן, איז פֿאַראַן דער אױסרוף פֿון באַװוּנדער איבער דעם װאָס דער פּאָעט האָט אונדז נאָך אַ מאָל איבערגעצײַגט, אַז זײַן שטײַגן אױף דעם לײטער פֿון קינסטלערישער רײַפֿקײט איז נאָך װײַט פֿון אַ גרענעץ, פּונקט װי זײַן מעין־המתגבדיקע פּאָעטישע מײַסטערשאַפֿט שלאָגט אַלע מאָל נײַע רעקאָרדן...

צײַטיקע פּנימער /1968—1970/

אַבֿרהם סוצקעווערס אַ נײַ לידערבוך איז תּמיד אַ געשעעניש פֿאַר די וואָס אָטעמען מיט דער לופֿט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. וואָרעם סוצקעווער האָט אונדז צוגעוווינט, אַז יעדער נײַ בוך זײַנס זאָל אונדז ברענגען אַ חידוש, און דער דאָזיקער חידוש באַשטייט אין דעם, וואָס מיט איטלעכן ווײַטערדיקן ווערק זײַנס באַווײַזט ער, אַז ס׳זענען גאָר ניטאָ קיין גרענעצן פֿאַר זײַן כּסדרדיקן פּאָעטישן אויפֿשטײַג.

סוצקעווערן האָבן מיר געהאַלטן פֿאַר אַ רײַפֿן פּאָעט שוין דעמאָלט, ווען ער האָט אונדז געגעבן זײַן געהיימשטאָט, אָדער זײַנע ביכער אין פֿײַער־וואָגן, אָאַזיס, גײַסטיקע ערד. טאַקע דערפֿאַר האָט אונדז אַזוי פֿאַרחידושט די נײַע אַנטפּלעקונג פֿון זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקייט אין דעם פֿריִערדיקן בוך פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים. אָבער דעם אמת מוז מען זאָגן: ווען מיר האָבן געלייענט דאָס דאָזיקע בוך, האָבן מיר געהאַט דעם אײַנדרוק אַז דער דיכטער האָט זיך דערין דערהויבן צום זעניט פֿון זײַן פּאָעטיש קינסטלערישן טאַלאַנט און האָט דערין דערגרייכט די צײַטיקייט פֿון אַ שפּעט־זומער, נאָך וועלכן מע קאָן שוין מיט קיין נײַעם פּירות־פֿונאַנדערבלי ניט איבעררא‌שן.

אַז דער אײַנדרוק איז אָבער ניט געווען קיין ריכטיקער, באַווײַזט אונדז סוצקעווערס בוך צײַטיקע פּנימער, וואָס פֿאַרמאָגט, אַחוץ דרײַ זעלטן שיינע און טיפֿע לידער־סעריעס, אויך פֿיר אָריגינעלע פּאָעמעס, וואָס זענען ניט נאָר מוסיף באַדײַטנדיקע קינסטלערישע ציגל צו דעם פֿאַרנעמיקן סוצקעווער־געבײַ, נאָר שאַפֿן בפֿירוש נײַע דימענסיעס אין דעם אַזוי אויך פֿילזײַטיקן אויסמעסט פֿון זײַן דיכטעריש געזאַנג, מיט וועלכן ער האָט זיך קונה־מקום געווען, אויף עולמות, אין דער מיזרח־וואַנט פֿון דעם ייִדיש־פּאָעטישן היכל.

און למאַי זאָלן מיר לייקענען? — דאָס איז אַ חידושדיקע דערשײַנונג! וואָרעם בדרך־כּלל לעבן שוין דיכטערס אין זײַנע יאָרן און מיט זײַן שעפֿערישן סטאַזש מיט די אָפּשפּאָרונגען און דעראָבערונגען פֿון די פֿריִערדיקע צײַטן. אַז ניט — וואַריִרן זיי און ניואַנסירן זייערע דיכטערישע לייטמאָטיוון פֿון די פֿריִערדיקע ווערק. אמת, אויך סוצקעווער קערט זיך כּסדר אום צו זײַן קינדהייט, צו זײַן פֿריִער יוגנט, וועגן וועלכע ער האָט שוין געזונגען אין זײַן פֿריִערדיקער שירה, אָבער דער ווונדער איז, וואָס אין אָט דעם אומקער טויכט ער תּמיד אַראָפּ צו גאַנץ נײַע גרונטן און קומט צוריק פֿון דאָרטן מיט אַזעלכע

התגלותן פֿון געפֿילן און וויזיעס, וועלכע איבערראַשן אונדז מיט זייער נײַקייט און באַצווינגען אונדז מיט דער קראַפֿט פֿון דער אָקערשטיקער איבערגעלעבטקייט.

□

סוצקעווער איז דער פּאָעט פֿון וויזיע. אין יעדער וויזיע פֿאָכעט מיט אירע פֿליגל די צעהלומטע פֿאַנטאַזיע. אויך אין סוצקעווערס פּאָעטישע זעונגען איז פֿאַראַן דער פֿליגלפֿאָך פֿון דער פֿאַנטאַסטיק. אָבער סוצקעווערס פֿאַנטאַזיע טראָגט אים ניט אַוועק פֿון דער רעאַליטעט, רײַסט אים ניט אָפּ פֿון דערווירקלעכקייט, נאָר זי וואַרפֿט אַזאַ פֿלוצעמדיקן ליכטשײַן אויף די רעאַליטעטן, אויף די ווירקלעכקייטן, אַז זיי אַנטפּלעקן מיט אַ מאָל זייער מיסטעריעז פֿאַרהוילן פּנים, אָדער ווי די פֿילאָסאָפֿן זאָגן: די אַנדערע זײַט פֿון זייער עקסיסטענץ:

שוין טונקל־מאָל־טונקל אין וואַלד און די פֿונקען פֿאַרלאָשן.
מע זעט בלויז די יאָדלעס אין לאַנגע אַלטזילבערנע קליאָשן.
אַ פּיקהאָלץ פֿון שטילקייט זאָגט שטילקייט זײַן שכן אין אויער
און ס׳עפּנט זיך באַלד פֿאַרן שליטן אַ טויער נאָך טויער.
נאָר מאָדנע: וואָס אָפֿענער ס׳זענען די טויערן, דאַכט זיך
אַז הינטער זיי אַלע אַ ריזיקער טויער פֿאַרמאַכט זיך.

איר האָט דאָ אין אַנהייב דאָס פּרעכטיקע רעאַליסטיש׳ע, כּמעט נאַטוראַליסטישע וואַלדגעמעל פֿון זײַן גרויסן ברודער קולבאַק, אָבער אין צוויי שורות ווײַטער כּישופֿט שוין אויף די סוצקעווער־וויזיע דורך וועלכער עס אָטעמט אויף אײַך די וואַלד־מיסטעריע וואָס בינדט זיך צונויף מיט דער גורלדיקער נסיעה פֿון דעם קראַנקן זיידן זײַנעם; פֿון אָט דעם זיידן, וואָס פֿון זײַן חידושי־תּורה־פֿעדער, אָדער קבלה־פּען ציט זיך אַ דינער ניט־איבערגעריסענער גורל־פֿאָדעם צו דער פּאָעטישער פֿעדער פֿון דעם אייניקל.

די וואָרצלען פֿון פּאָעטישער יצירה זענען די איבערלעבונגען פֿון דער קינד־הייט, דאָס מיינט: די אײַנדרוקן פֿון יענער צײַט, ווען די וועלט גייט־אויף מיט ערשטמאָליקן חידוש. סוצקעווער האָט זיך אומגעקערט צו די ערשטיקע איבער־לעבונגען און אײַנדרוקן אין זײַן וווּנדערלעכער פּאָעמע סיביר און אין אַ סך אַנדערע לידער און פּאָעמעס. אין זײַנע איצטיקע פּאָעמעס «מײַן זיידנס פֿעדער» און «מײַן טאַטנס פֿידל» איז אָבער פֿאַראַן עפּעס לחלוטין נײַס אין דעם דערמאָנטן פּאָעטישן אומקער, ווײַל דער אומקער איז דאָ ניט בלויז אויסן אויפֿצוּוועקן דאָס דרעמלענדיקע אינעם אונטערבאַוווסטזײַן, נײַערט אויך אַרויסצופֿאַנגען פֿונעם שיכחה־חושך דאָס גורלדיקע פֿאַר זײַן פּערזענלעכער געשטאַלטיקונג, דאָס גורלדיקע פֿאַר זײַן גאַנצן שעפֿערישן לעבנסוועג.

סוצקעווער איז אין זײַנע נײַע פּאָעמעס דער אַנטפּלעקער פֿון יענע רזין־דרזין וועלכע האָבן געפֿורעמט און געשטאַלטיקט זײַן לעבן־זינען, זײַן שליחות אין לעבן. און דערגרייכן דערגרייכט ער עס מיט אַ מין, וואָלט איך געזאָגט, פּאָעטישן פּסיכאָאַנאַליז מיט וועלכן ער איז געוויס אייננציק אין אונדזער ליריק:

אַצינד ביז דנאָ פֿון מײַן זכּרון זע איך:
געסטײַעט וואָלט מיר פֿון דער גאָרער־וואָרער־קלאָרער קינדהייט
אַ טאָג אָן איין־און־איינציקער,
אַ נאַכט אָן איין־און־איינציקע,
כ׳זאָל קאָנען דיר דערציילן און דערציילן
ביזן לעצטן
אַרויסגעוויינטן אָטעם, ווען דער לעצטער ווערט דער ערשטער.

סוצקעווערס אַראָפּטונק צו די אָפּגרונטן פֿון זכּרון, וואָס איז דער יסוד פֿון פּסיכאָאַנאַליז, איז אָבער ניט אויסן צו דערגיין די סיבות פֿון קיין קרענקלעכע טראַוומעס, נאָר ער איז מכוון צו באַזיניקן דעם קאָסמישן וווּנדער פֿון זײַן, פֿון שאַפֿן, פֿון פֿאַרוואַנדלען פּײַנטערען אין פּערל פֿון געזאַנג. וואָרעם סוצקעווער. ווי יעדער גרויסער פּאָעט, שטייט כּסדר פֿאַרחידושט און פֿאַרווּנדערט פֿאַר דער שעפֿערישער מיסטעריע און ער וויל זיך דערגראָבן צו אירע סודותדיקע וואָרצלען, וואָס ציִען זיך ביז הינטערן כּסא־הכּבֿוד פֿון דער געטלעכער אייביקייט.

□

אין בוך זענען פֿאַראַן צענדליקער לידער און הונדערטער שורות וועלכע מע וואָלט געדאַרפֿט אַרויסהייבן און אפֿשר אויך מפֿרש זײַן, ווײַל מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַ דיכטער וואָס זײַן דיכטונג דאַרף און מוז געלערנט ווערן מיט אַ באַזונדערער פֿאַרטיפֿונג. אַגבֿ, זענען ייִדן געוווינט דערצו, ווײַל זיי ווייסן, אַז הינטער און אונטער דער שיינקייט פֿון פּשט שטעקן טיפֿע רמזים, וואָס דאַרפֿן פֿונאַנדערגעשיפֿרירט ווערן. פֿאַר אַ דוגמא לאָמיר נעמען דאָס ליד «לאַנד פֿון מײַנע קינדער» אויף דער זײַט 89 פֿונעם בוך צײַטיקע פּנימער:

אַזאַ מין שלאָף האָב איך שוין ניט געהאַט אַ האַלבע אייביקייט.
אַזאַ מין שלאָף קומט נאָר צו גאַסט פֿון אײַנגעווייד אין קופּער.
צי בין איך דען פֿאַרוואַנדלט אין אַ בינשטאָק?
עמעץ, פֿיל איך,
געוועלטיקט אין מײַן לײַב און ציט אַרויס אַ הענגל האָניק.

ערשט דעמאָלט ווען דער מאָרגן־שטערן,
בלוי ווי ער אַליין,
האָט אָנגערופֿן מיך בײַם נאָמען און איך האָב דערשפּירט
אַ חילוק צווישן האַרצקלאַפּ און מײַן הירשלדיקן שאָטן,
באַנומען האָב איך, אַז אין שלאָף איז מיר אַ ריפּ פֿאַרשוווּנדן.

פֿאַרשוווּנדן איז אַ ריפּ פֿון מײַנע ריפּן.
פֿאַרשטאָפּט איר אָרט מיט ווערטער האָט מײַן האַר,
וואָס רײַסן זיך פֿון זיגל אויף די ליפּן.

און מיר אַנטקעגן, פֿון מײַן ריף, האָט ער געבויס, מײַן האַר,
אַ לאַנד,
אַ מאָרגן־שטערן־לאַנד,
באַשטימט פֿאַר מײַנע קינדער.

געוויס ווערט מען באַלד געפֿאַנגען פֿון דער כּישופֿדיקער בילדערישער שיינקייט פֿון דעם דאָזיקן ליד. אָבער כּדי דאָס ליד צו באַנעמען, כּדי זיך צו דערגרונטעווען צו זײַן טיפֿן זינען און סימבאָל, מוז מען עס ניט בלויז לייענען און ווידער אַ מאָל לייענען, נאָר מע דאַרף עס אפֿשר אויך לערנען; מע דאַרף מעין זײַן דערין ווי אין אַ סוגיא און קריגן דערצו דעם ריכטיקן פּירוש, כּדי צו דערכאַפּן די ווונדערלעכע אַסאָציאַציע צווישן דעם בורא־עולמס חוה־באַשאַף פֿון אָדמס ריפּ און דעם פּאָעטישן וואָרטבאַשאַף פֿון דער ריפּ פֿונעם דיכטער; ערשט דע־מאָלט דערשפּירט מען, אַז אַזוי אָריגינעל און מאַכטיק אַרויסאַנטפּלעקן דעם טיפֿן שײַכות צווישן ליד און לײַב, צווישן דיכטער און דיכטונג האָט אפֿשר נאָך קיינער ניט באַוויזן ווי אַבֿרהם סוצקעווער. און אַזעלכע לידער זענען אין דעם בוך פֿאַראַן אַ סך.

□

ס׳וואָלט געווען אַ יושר צו שרײַבן אַן עסיי בלויז וועגן איין ליד פֿון סוצקעווערן, און ניט דווקא וועגן אַ גאַנץ בוך. ווײַל דעמאָלט וואָלט מען זיך אפֿשר גיכער און בעסער געקענט דערגרונטעווען צו זײַן מהות און ווערט, ווי בעת מע שרײַבט וועגן דער גאַנצער זאַמלונג. דער תּלמודישער ׳תּפֿסת מרובא לא תּפֿסת׳ איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי פּאַסיק ווי אין דעם פֿאַל.
ריידנדיק וועגן די חידושים וואָס דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער ברענגט מיט זיך תּמיד אין זײַנע נײַע לידער־זאַמלונגען, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף אַן אויפֿטו וואָס אים וועלן באַנעמען און פֿון אים וועלן גרויס הנאה האָבן די ראַ־פֿינירטע לייענערס פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. אונדזער פּאָעט האָט זיך פּרי קונה־שם געווען ווי אַ וואָרט־ און פֿאָרעם־מײַסטער. זײַן פּראָזאָדיע, זײַן גראַם־טעכניק, זײַן שלמותדיקער באַנוץ מיט כּלערליי פּאָעטישע זשאַנערס, האָט אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען און האָט אים אָוועקגעשטעלט אין דער פֿאָדערשטער ריי פֿון די ייִדישע לידמײַסטערס אין אַלע צײַטן פֿון אונדזער ליריק.
אין דעם בוך צײַטיקע פּנימער באַווײַזט אָבער סוצקעווער דעם ווונדער צו שאַפֿן שלמותדיקע פֿאָרמען דורך דעם צעברעכן די האַרמאָניע־ראַמען פֿון זײַן פֿריִער־דיקן ליד. איר פֿילט ממש בחוש ווי דער דיכטער מײַדט אָפּט אויס די וויל־קלינגעוודיקייט, די גראַם־צונויפֿגעזונגענקייט אין זײַנע פּערזן, כּדי דורך ׳דיסאָנאַנצן׳ צו שאַפֿן אַ נײַע מוזיקאַלישקייט אין זײַן אויסדרוק. ס׳זעט אָפּט אויס ווי דער דיכטער וואָלט בכּיוון געשטעלט באַריערעס און דאַמבעס פֿאַר זײַן וואָרטגעפֿלייץ, כּדי דער וואָרטשטראָם זאָל ניט זײַן צו גלאַטיק און ציל־

געווענדט, נאָר זאָל זײַן פֿאָרמעל אין אײַנקלאַנג מיט דער אַנגעלאָדנקייט פֿון דעם אינהאַלט און דער וויזיע, וואָס דאָס וואָרט און דער פֿערז ברענגען צו אונדז:

א פֿעלדז אין ים:
א קדמונדיקער סקולפּטאָר
האָט אויסגעהאַקט פֿון ראַבקאָליר־גראַניט
פֿאַר זיך אַ פֿרוי
מיליאָנען יאָרן יונג. נאָר ס'איז געשען:
עס האָט אַ שטורעם
אַ ריס געטאָן פֿון אײַפֿערזוכט אין תהום אַרײַן
דעם קינסטלער,
ווען יענער האָט געהאַלטן שוין בײַם פֿורעמען איר שמייכל,
פֿאַרוואַנדלט זײַנע גלידער אין אַ ווימלעניש פֿון כוואַליעס.

מיט זײַן בוך צײַטיקע פּנימער האָט סוצקעווער באַוויזן זײַן פּאָעטיש געשטאַלט און זײַן שעפֿערישן שיעור־קומה אין אַ נײַער רײַפֿקייט. איך וועל דעריבער איצט שוין ניט זאָגן, אַז זײַן טאַלאַנט האָט דערין דערגרייכט דעם העכסטן באַרגשפּיץ, ווײַל פֿאַר אַ פּאָעט וואָס האָט דעם כוח כּסדר צו שטײַגן זענען קיין גבֿולן ניט פֿאַראַן און ווער ווייסט מיט וואָס פֿאַר אַ הויכקייטן און נײַקייטן ער קאָן אונדז נאָך איבערראַשן?

די פֿידלרויז /1971—1972/

פּלאַטאָנס זאָג, אַז פּאָעטן זינגען וועגן זאַכן וואָס זיי אַליין באַגרײַפֿן ניט, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן נחות־דרגא־באַציִונג צו קינסטלערס בכלל און צו פּאָעטן בפֿרט. דער אמת איז אָבער, אַז די גרויסקייט פֿון פּאָעט באַשטייט טאַקע אין דעם וואָס ער דערזינגט זיך אין זײַן ליד צו דער התגלות פֿון אָט די אומבאַגרײַפֿלעכקייטן מיט וועלכע עס איז פֿול די מיסטעריע פֿון אונדזער לעבן און וואָס דערמיט וואַרפֿט ער אַ ליכטשײַן אויף די טונקעלע, סודותדיקע כּוחות וואָס דיריגירן מיט אונדזער זײַן.

אַבֿרהם סוצקעווער איז אַ פּאָעט וואָס זײַן יעדער ליד איז אַ שײַן געוואָרפֿן אויף די מסתּרים פֿון מענטשלעכן איך, דאָס הייסט: אויף די אומבאַגרײַפֿלעכקייטן פֿון דעם מיקראָקאָסמאָס וואָס איז ניט בלויז אַ טייל פֿון מאַקראָקאָסמאָס, נײַערט אויך אַ קאָמפּלעטע אָפּשפּיגלונג פֿון דעם אוניווערסאַלן מהות וועלכן מיר, מענטשן, באַמיִען זיך צו דערקענען און פֿאַרשטיין.

דאָס איז ער, ווי געזאָגט, אין זײַן גאַנצער פּאָעטישער שאַפֿונג. אָבער די פֿולסטע דערגרייכונג אויפֿן געביט פֿון אַרײַנבליקן אין דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה, אויפֿן געביט פֿון דערזען מיטן 'דריטן אויג' דאָס מיסטעריעזע הינטער די שלייערן פֿון אַלטאָג, האָט ער צו פֿאַרצייכענען אין זײַן לידער־זאַמלונג די פֿידלרויז, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שײַן צו זײַן יובֿל־השישים.

דאָ, אין אָט דער לידער־זאַמלונג, איז ער דערגאַנגען צו דעם סאַמע דערוועגטסטן אַרײַנבליק אין זיך און צו דעם סאַמע דרייסטסטן דערנעענטערן זיך צו דעם תּהום וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאַר אונדזער איך. אַ מאָל דאַכט זיך אַפֿילו, אַז ער האָט אין דער טיפֿעניש פֿון זײַן אייגענעם עולם־קטן דערזען פֿאַרהוילענע זאַכן, וואָס עס האָבן דערזען די יעניקע וואָס זענען אַריבער די טויערן פון פּרדס און ס'איז דערפֿאַר ניט אַזוי אויסטערליש וואָס אין זײַן געזאַנג וועגן אָט די דערזעונגען רעדט ער אָפֿט מיט אַ רמזים־שפּראַך, וואָס מיר דאַרפֿן זיך ערשט אויסלערנען צו פֿאַרשטיין.

און זאָל אַפֿילו זײַן אַז פּלאַטאָן איז גערעכט ווען ער מיינט אַז באַגרײַפֿן דאָס אומבאַגרײַפֿלעכע קענען נאָר די פֿילאָסאָפֿן (אַנדערע זאָגן אַז די מאמינים). פֿון דעסטוועגן איז קלאָר, אַז אַנטפּלעקן אָט די אומבאַגרײַפֿלעכקייטן, אָנווײַזן אויף זייער פֿאַראַנענקייט, דאָס איז די פּריווילעגיע און די שליחות פֿון פּאָעט וואָס דערגייט מיט זײַן אינטויִציע צו יענע פֿענאָמענען וואָס דער דענקער און דער וויסנשאַפֿטלער נעמט זיי פֿאָרשן און דעשיפֿרירן ערשט דעמאָלט ווען דער

פּאָעט האָט זייער עקסיסטענץ שוין אָנגעצייכנט אויף דער לאַנדקאַרט פֿון אונדזער באַוווסטזיין.
דאָ רעדט זיך, נאַטירלעך, וועגן גרויסע פּאָעטן וואָס אַנטפּלעקן אויפֿן ים פֿון אונדזער זײַן די פֿאַרבאָרגענע קאָנטינענטן אין די וווּלקאַניש־ברויזנדיקע אינדזלען וואָס קיינער האָט פֿון זיי פֿריִער ניט געוווּסט. דורך דעם דערזעען זיי שײַכותן און באַווירקונגען, שטראָמען און כוואַליע־געווירבלען דאָרטן ווו אַנ־דערע בני־תּמותא זעען בלויז אייבערפֿלאַכיקן און כּלומרשט רויִקן וואַסערגאַנג. אַבֿרהם סוצקעווער איז איינער פֿון אָט די גרויסע און די גרויסקייט זײַנע קומט באַזונדערש צום אויסדרוק אין זײַן שיר־השירים: די פֿידלרויז.

□

פֿון זינט איובֿ האָט געפֿרעגט גאָט אויף דעם זינען פֿון מענטשלעכע לייד און האָט דערויף באַקומען דעם געטלעכן ענטפֿער וואָס פֿאַרענטפֿערט גאָרנישט, זענען אַלע דענקערס און פּאָעטן אַרײַנגעטאָן אין דעם סוד פֿון יסורים אויף וועלכע עס איז פֿאַרמישפּט אונדזער עקסיסטענץ. וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן זיי אויף אונדזער לעבן? וואָס פֿאַר אַ ראָלע שפּילן זיי אין אונדזער זײַן? וואָס איז דער מיין וואָס די יצירה האָט אין זיי באַהאַלטן און מיט וואָס דערקלערט מען זייער אַכזריות ווען זיי דערגרייכן שוין זייער ציל צו פֿאַרוואַנדלען גוף און גײַסט 'אין גאָר אַן אַנדער פֿורעם'?
אין די פֿידלרויז קערט זיך סוצקעווער אום צו דעם לייטמאָטיוו וועלכן מיר האָבן שוין פֿריִער באַגעגנט אין זײַן דיכטונג, און ער זינגט:

ווייטיק ציט צו ווייטיק ווי פֿאַרליבטן צו געליבטער,
לאָמיר הערן ווי זיי גייען טרעפֿן זיך בײַם שטורעם.
ווע מען ליבט זי מער פֿון גאָר דער וועלט און ווע מען ליבט ער?
וווּנדערלעך, מײַן קינד, איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון יסורים.

לאָמיר הערן וואָס די שײַכות וועט אונדז זאָגן ביידן,
ווען פֿון רעגן־טראָפּנס ווערט געבויט פֿאַר אונדז אַ טורעם.
לאָמיר הערן וואָס די קליינע בליצן־פֿייגל ריידן,
וווּנדערלעך, מײַן קינד, איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון יסורים.

רעגן בענקט נאָך רעגן וועגן ס'פֿאַרלעשן זיך די גאַסן,
אויסגעגאָסן ווערט דײַן לײַב אין גאָר אַן אַנדער פֿורעם.
ווייטיק ציט צו ווייטיק און זיי מוזן זיך פֿאַרקנסן,
וווּנדערלעך, מײַן קינד, איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון יסורים.

אמת, דער פּאָעט האָט דערמיט ניט פֿאַרענטפֿערט דעם זינען פֿון יסורים. ער האָט אָבער דערזען און דערפֿילט זייער פֿאַרהוילענעם מהות, ער האָט אַנטפּלעקט דאָס אומבאַגרײַפֿלעכע אין זייער מהות ("ווייטיק ציט צו ווייטיק ווי פֿאַרליבטן

צו געליבטער") און צו דער אַ אַנטפּלעקונג װעגן דעם מיסטישן זיװוג־דראַנג פֿון די יסורים איז ער געקומען דורך אַ טיפֿן אַרײַנבליק אין זיך, דורך אַן אַרונ־טערטוקן זיך אין דעם תּהום פֿון זײַן אײגענעם איך:

איך קוק אַרײַן אין זיך װי דורך אַ פֿענצטער.

דורך דעם דאָזיקן צוהר־פֿענצטער זעט ער די צאָל 'איכן' װאָס הױזן אין אים ("געשפּאָלטן בין איך, ברודער, אױף חלקים ניט צו ציילן"), און ער װענדט זיך צום עלטסטן, עיקרדיקסטן איך פֿון זײַנע איכן:

ביסט מאַכטיקער פֿון ים: די גאַנצע זון
אַרײַנגעשװוּמען איז אין דײַנע אָדערן
צו נעכטיקן אין דיר. און זי װעט מאָרגן
אַרײַנקלײַבן זיך װידער אינעם חלל — —

דו קאָנסט אױף אַ רגע מײנען אַז דער פּאָעט האָט דאָ שױן מנצח געװען דעם פּילאיכיקן פּנימיותדיקן געראַנגל אין זיך און איז שױן דערגאַנגען צו דער באַרו־יִקטקײט פֿון קענען זײַן פּנים. אָבער אין אַ װײַטערדיק ליד קומט ער װידער צו דער טראַגישער איבערצײַגונג אין שײַכות מיט זײַן אידענטיטעט:

אָבי איך האָב געמײנט איך בין אַ צװײטער,
געמײנט איך בין שױן אױפֿן שפּיץ פֿון לײטער.
אַ ליגן. כ'בין דער זעלבער. און אַ פּנים —
אין אַלע שפּיגלען איז געפּעלשט מײַן פּנים...

□

די טראַגיק פֿון די סתּירות אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײט דערגײט דאָ צו איר זעניט. אמת, זי איז, װען עס האַנדלט זיך װעגן דעם דיכטער גופֿא, אפֿשר מער סימבאָליש װי רעאַליסטיש, װאָרעם װען עס גײט װעגן דעם דיכטער איז פֿאַראַן אײן שפּיגל, און דאָס איז זײַן שאַפֿן, װאָס שפּיגלט יאָ אָפּ זײַן פּנים געטרײַ און אמתדיק. דאָך איז ניט צו לײקענען אַז מתּוך זיך איז סוצקעװער געקומען צו אַ װיכטיקער דערקענטעניש װעגן דעם מענטש אַרום זיך, װעגן דעם מענטש בכלל.
אין בוך די פֿידלרױז זענען פֿאַראַן אַ סך לידער אין װעלכע דער דיכטער גראָבט אין זיך כּדי צו דערגײן צו זײַן אידענטיטעט, אָדער װי מע זאָגט: צו זײַן שורש נשמה, און דערגײן דערגײט ער צו אונדזער אַלעמענס אידענטיטעט, צו אונדזער אַלעמענס שורש נשמה. סוצקעװער רופֿט אָן די איכן, װאָס שטעלן צונױף זײַן פּערזענלעכקײט 'מײַנע פּנימער' און טאַקע װעגן אָט די פּנימער איז פֿאַראַן בײַ אים אַ װוּנדערלעך ליד:

דער זעלבער? ניין, עס בלאָנדזשען מײַנע פּנימער
און איך אַליין קאָן אויך זיי ניט דערקענען מער:
פּלאַמהאַריקע, שנייאויגיקע און קאַרביקע,
צעשויבערטע ווי ווילדע גענדז און שטאַרביקע.
אַנגופּיקע — זיי הערן, זענען שפּירעוודיק,
פאַרהוילענע און רואה־ואינו־ניראהדיק.
און ווײַל זיי ציט אַן איינציקע באַשעפעניש,
אין נאַענט שוין די ווונדערלעכע טרעפעניש:
אַ נאַכט פון בלויע קעפּ אין פּיראַמידן,
אַ מידבר־זאַמד פון אויסגעבערענטע שבֿטים.

און דאָרטן, שוועסטער, בענטש איך ס׳לאַנד פון פרידן
און לייג צו דײַנע פיס מײַן לעצטן אָטעם.

דאָ איז דער קבלה־רעיון וועגן ׳פּושט צורה ולובֿש צורה׳ שטאַרק פאַרטיפט געוואָרן און האָט אַפילו באַקומען אַ נײַע דימענסיע. אַ נײַע — ווײַל זי ברענגט אַרויס ניט נאָר דעם פאַקט וואָס זאָגט עדות אויף דער אומסטאַביליטעט און סתּירותדיקייט פון אונדזער איך, נאָר אויך די באַציִונג צו דעם דאָזיקן פאַקט וואָס דריקט זיך אויס אין דער גאַרעניש צו קאָנסטאַנטקייט און האַרמאָניע דורך וועלכער דער פּאָעט איז גרייט צו בענטשן ׳ס׳לאַנד פון פרידן׳ ווען ער געפינט בלויז איין נקודה אָרום וועלכער ס׳איינקן זיך זײַנע פאַרשיידענע צורות. בײַם איבערלייענען דאָס ציטירטע ליד מוזן מיר זיך זאָגן, אַז נאָר אַ גרויסער דיכטער קאָן אַזוי בילדעריש אַרויסברענגען דאָס וואָס עס ליגט אויפן גרונט פון אונדזער מהות, דאָס וואָס מאַכט אַזוי אומבאַנעמלעך אונדזער נשמה.

□

ווי אַ גרויסער דיכטער איז אַבֿרהם סוצקעווער פאַרכאַפּט פון דעם יסוד וואָס הייסט: שאַפן. און כאָטש ער ווייס, אַז ״אַ בוך איז פאַראַן ווו די טעג און די נעכט זענען זײַנע געבונדענע בלעטער״, ווו דער פּאָעט דאַרף זיך אַרײַנשרײַבן מיט זײַן שוויַיגן, אַז אַ בלינדער אַפילו זאָל אים שפּעטער קענען געפינען, ווייס ער אָבער אויך, אַז ס׳איז פאַראַן די מיסטעריע פון אַן אַנדער שאַפן צו וועלכן דער מענטש קאָן, ווײַזט אויס, ניט דערגרייכן, ווײַל:

אַ פויגל פאַרשרײַבט ניט זײַן טעקסט אויף פּאַפּיר און די אייביקייט ווײַנט פון הנאה,
ס׳וויל קיינעם אַ וואָלף ניט געפעלן און ס׳פרייט זיך אַ שטערן אין פעלד מיט זײַן ווויע,
און דו שיקסט אַוועק דײַנע ווערטער צו שטיינערנע שוועלן
און ווײַל האָסט זיי פײַנט — ווילסטו דווקא זיי זאָלן געפעלן.

דער דיכטער ווייסט אויך אַז:

פאַראַן אַזאַ שטיין, אונטער אים איז דער וואָרעם אַ קעניג
און אַלינקע ווערטער פון מענטש זענען אים אונטערטעניק.

דאָס איז, ווי מיר קאָנען פֿאַרשטיין, אַ געגנוג דעפּרעמירנדיק וויסן פֿאַר אַ שעפֿע־רישן מענטשן וואָס קומט אין אַן אַנדער ליד צום טרויעריקן אויספֿיר אַז:

אויף אונדזערע ביינער, צעשטויבטע פֿון האָגלען און שלאָקסן,
עס וועלן, רבותי, קיין ווערטער צום יום־טובֿ ניט וואַקסן.

ניט געקוקט אָבער אויף דעם פֿײַנלעכן וויסן אין וועלכן דער מענטש שטייט אַנטקעגן דעם גרויסן סוד פֿון דער יצירה וואָס רינגלט אים אַרום מיט דעם געפֿיל פֿון דער אוממעכטיקייט וואָס האָט דעם תהילים־זינגער געבראַכט צו דעם עקסטאַטישן אויסגעשריי: מה רבו מעשיך ה׳, איז אָבער דער פּאָעט דורכ־געדרונגען מיט דעם באַוווסטזײַן אַז די מענטשלעכע שעפֿערישקייט איז אין איר מהות ניט ווייניקער סודותדיק און מאַכטיק ווי דאָס פּערמאַנענטע שאַפֿן וואָס עס מאַניפֿעסטירט די נאַטור און איז אפֿשר, אין אַנדערע פֿאָרמען, אַ חלק פֿון איר און פֿון איר גרויסער מיסטעריע. נאָך מער: דער דיכטער שפּירט, אַז אויב די שאַפֿונגסקראַפֿט אין דער נאַטור איז כּולו סטיכיע און אירע צילן קאָן מען ניט מעסטן מיט די באַגריפֿן פֿון מאָראַל, איז אין מענטשלעכן שאַפֿן פֿאַראַן אַן עטישער ציל מתקן צו זײַן די פּגמים וואָס באַגלייטן די סטיכישע נאַטור־שעפֿע־רישקייט. אין איינס פֿון זײַנע לידער דערציילט ער אונדז אַז ער מוז געפֿינען אַ תּיקון פֿאַר דעם שטומען וואָס וויל זאָגן אַ ווידוי אָן אַ וואָרט אויפֿן גומען. דערבײַ איז ער אונדז מגלה:

אַלע יאָרן זוך איך פֿאַר זײַן אוי אַ דריטן אויער,
אַז דער ווידוי זאָל ניט גיין פֿאַרלוירן און קאַפּויער.
אפֿשר וועל איך אים אַ מאָל געפֿינען אין גן־עדן
ווו די ריידעוודיקע שטומען און די שטומע ריידן.

די נאַטור האָט אונדז באַגרענעצט מיט דער הערעוודיקייט דורך צוויי אויערן. אָבער די יצירה פֿון פּאָעט איז דאָס דריטע אויער, דאָס אויער וואָס דערהערט דעם ׳אוי׳ פֿון דעם וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין שפּראַך אַרויסצוברענגען זײַן צער און זײַן וויי, אפֿשר אויך זײַן פּראָטעסט קעגן דער נאַטור וואָס האָט אים באַוואָלט מיט באַשאַפֿן אַ שטומען ׳אָן אַ וואָרט אין גומען׳. די דיכטערישע יצירה דערהייבט זיך דאָ איבער דער נאַטור־יצירה און ווערט איר מאָראַלישער קאָרעקטאָר. דאָס איז איר שליחות און אין דער אַ שליחות דאַרפֿן מיר זען דעם ציל פֿון דער מענטשלעכער קולטור, דעם אויפֿגאַב פֿון דעם מענטשלעכן גײַסט.

דאָס ליד איז געשריבן פֿון אַ דיכטער. אָבער וואָס פֿאַר אַ טיפֿן פֿילאָסאָפֿישן רעיון ער האָט פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אין אָט דעם ליד זײַנעם! ניין, דער פֿילאָסאָף פּלאַטאָן האָט זיך ניט וואָס גרויס צו האַלטן אַנטקעגן די פּאָעטן, ווײַל ווי דאָ איז דערוויזן געוואָרן קאָנען די פּאָעטן קומען צו טיפֿע פֿילאָסאָפֿישע דערקענטענישן פֿון אמתן מיט אַ סך אַ קירצערן וועג ווי די פֿילאָסאָפֿן און דערבײַ די דאָזיקע דערקענטענישן און אמתן אַרויסברענגען אַ סך אײַנדרוקספֿולער ווי זיי.

ווי געזאָגט איז סוצקעווער כּסדר עוסק אין דער סוגיא פֿון שאַפֿן און אויב מע זאָל בנוגע דעם דאָזיקן מאָטיוו אָנווענדן דאָס פּובליציסטישע וואָרט ׳פּראָבלעם׳ דאַרף מען שוין אויך זאָגן, אַז ער פֿאַרטיפֿט זיך אין אַלע אַספּעקטן פֿון דער פּראָבלעם און ברענגט זיי אַרויס אין זייער גאַנצער פֿאַרשיידנקייט. נאָטירלעך איז די באַציִונג צום דיכטערישן שאַפֿן אָפּהענגיק פֿון זײַן געמיט־צושטאַנד און שטימונג. אַ מאָל זעט ער אויך זיך אַליין, דעם שעפֿערישן דיכטער, ווי אַ מענטש וואָס באַגיסט די בייטן קרויט מיט אַ קריגל בעת עס גייט אַ שלאַקסרעגן, און ער פֿרעגט: צי באַשטייט נאָר אין דעם זײַן אַנדערשקייט פֿון אַלע? (אין דעם ליד «אויסטערלישע ווערטער»). אָבער אַן אַנדערש מאָל דערציילט ער אונדז אָן אויסטערלישע, נאָר מיט די סאַמע פּשוטסטע ווערטער:

...און איין מאָל אין אַ ווינטערנאַכט,
ווען כ׳האָב די קאַלטע פֿינגער
אַרײַנגעטאָן אין קעשענע פֿון פּעלצל,
דערפֿילט האָבן די פֿינגערשפּיצן לעבעדיקן זײַד —
אַ צאַרטינקע גן־עדן־טויב
אין טויבנשלאַק פֿון קעשענע.

געווען איז עס ניט מער ווי אַ פּאַפּירל, וואָס כ׳האָב פֿריִער
אין בוידעמשטיבל
אָנגעקאָרמעט צערטלעך
מיט וואָרקענדיקע ווערטער.

און ווײַטער:

נאָר מײַנע פֿינגערשפּיצן זענען דעמאָלט
געוואָרן שיכּור פֿון דער צאַרטקייט. אַנדערש ניט: געפֿאַנגען
אין קעשענע בײַ מיר
איז די נשמה פֿון דער וועלט.

אַ ליד וואָס איז ׳די נשמה פֿון דער וועלט׳ — ווי ווײַט זענען מיר דאָ פֿון דער שטימונג אין וועלכער דער פּאָעט זעט זיך אַליין און זײַן אַנדערשקייט ווי אַ מין באַגיסער פֿון בייטן קרויט מיט אַ קריגל ווען אין דרויסן גייט סײַ ווי אַ שלאַקסרעגן, און ווי אַנדערש איז דאָ דער געמיט־צושטאַנד אין וועלכן דער פּאָעט זאָגט אויף זיך, אַז ווײַל ער האָט פֿײַנט זײַנע ווערטער וויל ער — זיי זאָלן אַלעמען געפֿעלן.

□

סוצקעווערס פּאָעטישער דיאַפּאַזאָן איז אַן אויסערגעוויינטלעך ברייטער און ער שליסט אײַן די סאַמע פֿאַרשיידנאַרטיקסטע געפֿיל־אויפֿברויזן, שטימונגס־

מאָמענטן און געמיט־פֿאַרוואַנדלונגען. מע קאָן זאָגן, אַז ער ברענגט אין זײַן פּאָעזיע אַרויס די גאַרע איכן און אַפֿילו זייערע סתירותדיקייטן וועגן וועלכע מיר האָבן פֿריִער גערעדט. פֿאַרט איז פֿאַר אונדז, זײַנע לייענערס און געניסערס, ניט שווער אָפּצוזוכן און צו געפֿינען דעם עלטסטן איך זײַנעם, דעם זינגענדיקן, שאַפֿערישן איך אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די האַרמאָניע פֿון זײַן דיכטע־רישער פּערזענלעכקייט.

כדאַי דאָ צו ברענגען אַ וואָרט פֿון דעם באַרימטן שרײַבער ניקאָס קאַזאַנצאַקיס: "די פּאָעטן זעען איטלעכן טאָג אַ נײַע וועלט פֿאַר די אויגן. דער אמת איז אָבער: זיי זעען זי ניט, נאָר זיי באַשאַפֿן זי". אויך סוצקעווער זעט אַלע מאָל פֿאַר זײַנע אויגן די נײַע וועלטן וועלכע ער באַשאַפֿט, אָבער די באַשאַפֿונג איז ניט קיין יש מאין, זי קומט פֿון זײַנע איבערלעבונגען, זי וואַקסט אַרויס פֿון זײַנע וויזיעס, זי איז אַ טייל פֿון זײַן איך, ווי עס ווערט געזאָגט: מבשרי אחזה...

□

אויב ס'איז אמת אַז אויף די העכסטע שפּיצן פֿון שלמות באַגעגענען זיך אַלע קונסטגעביטן און בײַטן זיך מיט זייערע מעדיומס; אויב ס'איז אמת אַז דאָס פּערפֿעקטע בילד הייבט אָן ווירקן ווי מוזיק און די בעטהאָווענישע מוזיק רעדט צו אונדז מיט ווערטער פֿון מענטשלעכן לשון — דעמאָלט איז אויך אמת אַז אין אַ גאַר גרויסן טייל פֿון די לידער אין דער פֿידלרויז האָט סוצקעווער דער־גרייכט צו אָט דער כּישופֿדיקער פֿאַרוואַנדלונג און איז געקומען צו דער מדרגה ווען זײַן ליד איז געוואָרן לויטערע מוזיק, דערהויבענע מאַלערײַ:

> דאַרנביימלעך אײַנגראַווירט אין מוסקלען פֿון גראַניט
> צינדן זיך אין שוואַרצן פֿײַער פֿון דער נאַכט בײַם שטעגל
> איינציקווײַז. און אויפֿן באַרג, בײַם הערן מײַנע טריט,
> זענען זיי אַצינד מיט מיר צוזאַמען עולה־רגל.

אָדער דאָס ליד «דער ווײַסער שטעקן»:

> אַ ווײַסער שטעקן הינקט פֿאַרויס. דער שטעקן פֿירט אין שטורעם
> זײַן האַר. זײַן בלינד־געזאַלבטן קעניג. אים, דעם בחיר־היצורים.
>
> אַ וואָלקן רײַסט אַרויס דעם שטעקן. ווער איז דאָ פֿאַררעטער?
> און אויפֿן קאָפּ פֿון קעניג ברענט אַ קרוין פֿון לעצטע בלעטער.
>
> דערבאַרעמט זיך ניט קיינער? אַ מוראַשקע בלויז, אַ זקנה,
> בײַם שלעפֿן אויף די אַקסלען אַ האַלבע וועלט. זי איינע.
>
> זי דריבלט אויס צו אים אַ הענטל מילד און אונטערטעניק:
> די געטלעכע מוראַשקע פֿירט אַהיים דעם בלינדן קעניג.

מע וואָלט געקענט און באַדאַרפֿט ציטירן אַ סך, אַ סך לידער פֿונעם בוך אין וועלכע דער דיכטער שאַפֿט מיט זײַן וואָרט אַזעלכע כּישופֿדיקע מאָלערײַען און שפּילט אויס זײַנע רעיונות מיט אַזאַ פֿאַרכאַפּנדיקער קאָמעראַלער מוזיק.

□

סוצקעווערס פּאָעטישע יכולתן זענען פֿון אַן עושר וואָס ווייס אַפּט אַליין ניט פֿון זײַן גרויס עשירות. ער איז אַ וואָרטמײַסטער וואָס קאָן מיט צוויי קאָנטראַסט־ווערטער שאַפֿן אַ נײַעם באַגריף. פֿאַראַן בײַ אים אַ ליד «גראַניטענע פֿליגל». אין תּוך גענומען זענען גראַניטענע פֿליגל אַ תּרתּי דסתּרי, ווײַל גראַניט איז שווער, חומרדיק און איז דער היפּוך פֿון צעפֿליגלטקייט, פֿון פֿליִען און שוועבן. בײַ סוצקעווערן אָבער ווערט פֿון די קאָנטראַסטן אין לויף פֿון ליד באַשאַפֿן אַ נײַע האַרמאָניע אין וועלכער דער באַגריף 'גראַניט' פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ סינאָנים פֿון מאַכטיקייט. זײַנע גראַניטענע פֿליגל ווערן, באַפֿרײַטע פֿון חומר, מאַכטיק אין זייער פֿלי. אַזעלכע כּישופֿדיקע וואָרט־בילד־ און באַגריף־האַר־מאָניעס דורך פֿאַרבינדן ווידעראַנאַנדן זענען אין זײַנע לידער פֿאַראַן גאָר אַ סך.

□

די מערסטע לידער אין זײַן בוך די פֿידלרויז זענען טיף אינדיווידואַליסטישע און זיי אַנטפּלעקן די פּנימיותדיקע פֿאַנטאַסטישע וועלט פֿון דיכטער, זײַנע וויזיעס, זײַנע שטימונגען, זײַנע געפֿילן און זײַנע פּאָעטישע רעיונות. דאָס זענען לידער וואָס דער פּאָעט זינגט פֿון דער פֿאַרבאָרגנסטער אינטימקייט, פֿון דער וועלט וואָס איז זײַנע און נאָר זײַנע. דאָך איז אין זײַנע לידער פֿאַראַן די גורל־טראַגיק ווו מיר דערקענען אויך זיך מיט אונדזער וויי און טרויער. מיר ווערן דערפֿאַר טיף גערירט ווען דער דיכטער זינגט:

ס׳ווערט ענגער צו וויינען
אין שטײַג פֿון די ריפּן
און טונקעלער —
נאָך דער נסיעה.

מיט עלעגישער בענקשאַפֿט ווייעט אויף אונדז פֿון דעם ליד «יוגנט־חבֿר» וועגן די פֿאַרגאַנגענע יונגע יאָרן וואָס זייער זינען איז פֿאַרבליבן בלויז אין די שטיינד־לעך געוואָרפֿן אין וואַסער "און אין זכות פֿון די שטיינדלעך איז אויך אונדזער יוגנט פֿאַראַנען". דעסגלײַכן דערפֿילן מיר אין זיך אין דעם וווּנדער־שיינעם ליד «די מאָלערין» אין וועלכן די טאָכטער דערווײַטערט זיך פֿון טאַטן, כּדי 'צו פֿילן אים נענטער'. אַ ביז גאָר אין פֿאַרבן אָנגעזעטיקט ליד וואָס זינגט אַזוי דין און אָריגינעל אויס, אי דעם ווונדער פֿון ירושה־המשך און אי דעם צער פֿון דור הולך ודור בא.

□

סוצקעווער קאָן ניט אַנדערש ווי נאָר זיך אומקערן אין זכרון צו דער געטאָ און צו אירע גרוילן. אין די לידער פֿון דעם אַ בוך קומט דער דאָזיקער אומקער ניט

אַרויס דירעקט, אָבער רעמיניסצענצן פֿון אים זענען פֿאַראַן אין אַ סך פֿון זײַנע ווידזיעס און בילדער. איינס פֿון די שענסטע לידער אין בוך איז דאָס געזאַנג „עטעלע מײַן שוועסטער", וואָס איז יונג געשטאָרבן און די מאַמע האָט זי צוואַנציק יאָר באַוויינט.
אַ צווייטער מאָטיוו פֿון סוצקעווערס פּריַערדיקע לידער, זײַן פֿאָלקס־צונויפֿטרעף מיט דער אַלטער ערד פֿון נײַעם הימלאַנד, איז וווּנדערלעך געמאָלן אין דעם לידער־ציקל „דאָרנביימלעך" אין וועלכן יעדער פּערז איז ווי 'אײַנגראַווירט אין מוסקלען פֿון גראַניט' און פֿאַרמאָגט אַ מוזיקאַלישן נאָכקלאַנג וואָס מאַכט אונדז 'זען די שטילקייט דורך אַ טרער'. די גרויסע מעלה פֿון אָט די לידער באַשטייט, דאַכט מיר, אין דעם, וואָס דער פּאָעט דערגרייכט דאָ, אַז זײַן יחידישע זעונג און איבערלעבונג זאָלן ווערן אַ כּלל־סימבאָל און זאָל אויסדריקן געפֿילן וואָס האָבן אַ שײַכות צו אונדז אַלעמען אין דעם אַ לאַנד:

קינדהייט־ריח. אָנהייב פֿון מײַן אָנהייב, פֿון מײַן שטאַם.
אָדלער־שאָטן שלײַפֿט זײַן שוואַרצן מעסער אָן די סקאַלעס.
פֿײַער שפּרודלט אין אַ וואָדי, ערשטער שניי זײַן טעם,
קינדווײַז אויף אַ באַרג האָב איך געהאַט אַזאַ התגלות.

קינדווײַז אויף אַ באַרג מיט יאָרן דרײַ טויזנט צוריק?
יאָרן זענען טראָפּנס אין אַ וואַסער, צייל ניט וויפֿל.
כ'האָב געלאָזן דאָ אַ מאָל אין זונגעוועב מײַן בליק,
כ'האָב פֿאַרשריבן דאָ אַ מאָל אַ שורה מיט אַ גריפֿל.

איצטער וויל איך אויסטרינקען דעם גאַנצן אינדערפֿרי,
ווינציק איז מיר ליכט אַ נײַע שורה צו באַפֿליגלען.
עמעץ וויל ס'זאָל פֿאַלן מײַן נשמה אויף די קני
איידער זי וועט אויפֿגיין שפּאָגל נײַ אין פֿײַכטע שפּיגלען.

דער לידער־ציקל „דאָרנביימלעך" איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סוצקעווערס איי־גענעם גאַנג אין דער פּאָעזיע. טעקסט און אונטערטעקסט, ניגלה און ניסתּר, פּערזענלעכע לירישע איבערלעבונגען און כּלל־סימבאָלן פֿלעכטן זיך צונויף אין דעם קאָנטראַפּונקט פֿון סימפֿאָנישע אַקאָרדן. ווען דער דיכטער זאָגט: 'עמעץ וויל ס'זאָל פֿאַלן מײַן נשמה אויף די קני' באַגרײַפֿן מיר, אַז דאָס רעדט ער, אי וועגן זײַן נשמה, אי וועגן דער נשמה פֿון זײַן ייִדישן שטאַם. ביידע זענען אין דעם לידער־ציקל איינס ווי, לאָמיר זאָגן, אַ משל מיט אַ נימשל.
לאָמיר צוגעבן, אַז די פֿידלרוויז איז אַרויסגעגעבן מיט טעם און פּראַכט און אַז די פֿיר צייכענונגען פֿון דעם באַרימטן קינסטלער מאַרק שאַגאַל האָבן געפֿונען אין בוך אַן אַכסניה צו וועלכער זיי זענען ראוי...

צו זײַן װערן אַ בן־שישים

אַבֿרהם סוצקעווער אַ בן־שישים? אין פֿלוג קומט עס אויס מאָדנע. וואָרעם ווי לאַנג איז עס גאָר ווי ער האָט זיך באַוויזן אין דעם דעמאָלט נאָך בליִענדיקן גאָרטן פֿון דער ייִדישער ליריק, ניט נאָר ווי אַ יונגער פּאָעט, נײַערט ווי אַ פּאָעט, וואָס זײַן געזאַנג סימבאָליזירט יונגשאַפֿט, און ניט נאָר ווי אַ טאַלאַנטפֿולער אָנהייבער, נײַערט ווי אַ לאָקנדיקער, באַנײַערישער אָנהייב אין אונדזער דיכטונג? יאָ. ס׳דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען ערשט נעכטן! און כאָטש פֿון דעמאָלט אָן זענען שוין פֿאַרבײַ קנאַפּע פֿערציק יאָר פֿון שאַפֿערישן וווקס און פּאָעטישער אויסרײַפֿונג, פֿערציק יאָר פֿון דיכטערישן אויפֿשטײַג דורך גילגולים און מעטאַמאָרפֿאָזעס, וואָס קיין שום ייִדישער פּאָעט, פֿון קיין שום ייִדישן דור, האָט פֿון זיי ניט געוווּסט און איז מיט זיי ניט געפּרוּווט געוואָרן, ליגט נאָך אין זכּרון דער וווּנדערלעכער טעם און דער כּישופֿדיקער ריח פֿון יענעם אָנהייב זײַנעם, מיט וואָס ער האָט אויפֿגעבליט אין דעם ייִדישן גן־של־שירה און מיט וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק איבערגעראַשט דעם ייִדישן פּאָעזיע־געניסער, אַ דערצויגענעם אויף דער פּאָליפֿאָנישער וואָרטמוזיק פֿון דעם וווּנדערלעכן משה קולבאַק און אויף דער טיף אייגנאַרטיקער דיכטערישער וועלטוויזיע פֿון ישׂראל שטערן.

הײַנט אפֿשר מער ווי דעמאָלט קאָנען מיר שוין באַנעמען און באַגרײַפֿן דעם סוד פֿון סוצקעווערס דעמאָלטיקן איבערגעוועלטיקן דעם ייִדישן פּאָעזיע־לייענער, דעם ייִדישן פּאָעזיע־קענער, דעם ייִדישן פּאָעזיע־מבֿין. סוצקעווער, דער נאָוואַטאָר, איז ניט געווען קיין פּאָעטישער צוימענברעכער, קיין פּאָעטישער געטער־צעשטערער, קיין לייקענער פֿון פּאָעטישע הייליקייטן. אַדרבא, ער איז געווען דעמאָלט, פּונקט ווי ער איז הײַנט, אַן אָפּגעציטערטער פֿאַרליבטער אין יעדן פֿון זײַנע גרויסע דיכטערישע פֿאָרגייערס און מיטצײַטלערס. אָבער ניט געקוקט אויף זײַן פֿאַרליבטקייט אין די כּהנים פֿון ייִדישן דיכטערישן וואָרט האָט ער זיך קיין מאָל ניט געשטויבט אין זייער גאָלדענעם שטויב און האָט קיין מאָל ניט געפּרוּווט נאָכגיין זייערע טריט. סוצקעווער איז באַלד פֿון זײַן אָנהייב אָן געקומען מיט אַן אייגענעם גאַנג און געשפּרײַזט פֿאָרויס מיט אַן אייגענעם דרך. פֿון זײַן סאַמע בראשית איז ער געווען אַן אַליין־גייער און דאָס הייסט: אַ דורכויסיקע דיכטערישע אינדיווידואַליטעט, וואָס האָט אין זײַן שאַפֿן געבראַכט ניט נאָר אַן אייגן וואָרט, נײַערט אויך אַן אייגענע וועלטוויזיע און ניט נאָר נײַע און אייגענע קלאַנגען, נײַערט אויך אַן אייגענעם ניגון, אַן אייגענע

פּאָעטישע מוזיק, וואָס איז געווען דורכויס זײַנע, כאָטש זי האָט אַזוי טיף און אַזוי אָריגינעל אָפּגעשפּיגלט דאָס געמיט פֿון זײַן צײַט, דאָס געמיט פֿון זײַן דור, דאָס געמיט פֿון דעם ייִדנפֿאָלק אין דעם ערבֿ פֿונעם גרויסן און טראַגישן קאַטאַקאַליזם.

□

אַבֿרהם סוצקעווער — און דאָס איז געווען און געבליבן זײַן גרעסטע פּאָעטישע מעלה — איז דער דיכטער וואָס דערזעט דאָס אומגעוויינטלעכע אין דעם געוויינטלעכן; דער דיכטער וואָס דערפֿילט, דערבליקט און אַנטפּלעקט דאָס אומרעאַלע אין דאָס רעאַלע, דעם ניסתּר אין יעדן ניגלה, דאָס פֿאַרהוילענע אין דעם, דאָכט זיך, אָפֿענעם. יעדער ליד זײַנס, יעדער פֿערז זײַנער איז אַ מין אַראָפּטונקען זיך צו די אונטערירדישע פֿעלדזן, וואָס באַווירקן די שטראָמען אויף דער אייבערפֿלאַך; אַ מין דערגרונטעווען זיך צו די סאַמע יסודות פֿון מהות; אַן ארונטערבליקן הינטער די פֿאַרהאַנגען פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט און געוויינט־שאַפֿט. דאָס וואָס ער דערבליקט, דאָס וואָס ער דערזעט און ער דערשפּירט, סײַ מיט זײַן פּאָעטישן חזיון, סײַ מיט זײַן פּאָעטישן געפֿיל איז ער אונדז מגלה דורך אַ רמז, דורך אַן אָנוווּנק פֿון ווערטער און בילדער, וואָס אין פֿלוג איז צו מאָל שווערלעך צו דערכאַפּן זייער פּשט־שײַכות. דאָס איז אָבער נאָר אין פֿלוג אַזוי, ווײַל אין דער אמתן איז פֿאַראַן אין זײַן וואָרט די קלאָרקייט פֿון אַ דימענט, וואָס פֿאַרטונקלט אָפֿט זײַן אייגן בלענדיק ליכט כּדי זײַן שטראַלנדיקער שײַן זאָל צו אונדז אויפֿגיין דורך דער פֿאַרביקער פּריזמע פֿון שאָטן. אין דעם פּרט איז אפֿשר ניט פֿאַראַן בײַ אונדז נאָך אַ דיכטער וואָס זאָל אין זײַן 'אומקלאָרקייט' זײַן אַזוי קלאָר ווי ער און וואָס זײַן יעדער, למראית־עין אומבאַגרײַפֿלעך, פּאָעטיש בילד זאָל זײַן אַזוי אומבאַדינגט נויטווענדיק צו דער באַגרײַפֿלעכקייט פֿון דער וויזיע, שטימונג און געמיט וואָס עס טראָגט מיט זיך זײַן שירה.

בײַ זײַן אָנקום האָט אַבֿרהם סוצקעווער אונדז איבערגעראַשט ניט נאָר מיט די ניגונים פֿון זײַן סלאַווישער פֿלייט, וואָס האָט געקלונגען אָפּפֿרישנדיק אין דעם פֿידל־אָרקעסטער פֿון דער ייִדישער ליריק, נאָר ער האָט אונדז אויך געפֿאַנגען מיט אַ מוזיקאַליטעט, וואָס האָט געכּישופֿט מיט די דערגרייכונגען פֿון דער מאָדערנער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע. לכתּחילה האָט עס אויסגעזען, אַז ער וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ אַלע שווערע ייִדישע עולן, וואָס עס האָבן אָנגעלאָדן אויף זייערע אַקסל די דיכטערס פֿון זײַן צײַט און די חבֿרים זײַנע פֿון יונג־ווילנע. דער אמת איז טאַקע, אַז טייל האָבן עס געהאַלטן פֿאַר אַ חטא און האָבן ניט געוואָלט פֿאַרטראָגן די כּלומרשטע אומתּכליתדיקייט זײַנע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שפּיל מיט די שיינקייטן פֿון וואָרט. אָבער דווקא דער דיכטער פֿון כּלומרשט אָנתּכליתדיקן שפּיל מיט שיינקייט האָט גאָר גיך, ווען דער ייִדישער גורל האָט עס געפֿאָדערט, דערוויזן, אַז ער קאָן זיך דערהייבן צו די הייכן פֿון אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט דורך ווערן איינער פֿון די בולטסטע און בונטסטע אויסדריקערס פֿון זײַן דורס און זײַן אומהס גורל. און דאָס וואָס סוצקעווער איז צו די דאָזיקע

הייכן דערגאַנגען איז אַוודאי ניט געווען קיין צופֿאַל, ווײַל קיין צופֿאַלן אין דעם שעפֿערישן לעבנסוועג פֿון אַזאַ גרויסן דיכטער ווי עס איז סוצקעווער, זענען בכלל ניט פֿאַראַן.

□

אַבֿרהם סוצקעווער איז געוואָרן דער גרויסער געשטאַלטיקער פֿון אונדזער פּײַן אין דעם געטאָגרויל. און דאָ בעט זיך צו מאַכן די באַמערקונג, אַז סוצקעווער טיילט זיך אויס צווישן אַלע ייִדישע דיכטערס וואָס האָבן געשריבן וועגן דער דאָזיקער פּײַן דערמיט וואָס זיי, די אַנדערע, האָבן די פּײַן באַקלאָגט, בעת סוצקעווער האָט זי געשטאַלטיקט און דורך דעם פֿאַראייביקט. ער האָט דעם קאָשמאַר פֿון דעם געטאָ־פּלאָנעט פֿאַרמירמלט אין פּאָעטישע סטאַטועס, אין בילדער ווי וואָרטסקולפּטורן. ער האָט אונדז געגעבן די פֿינצטערניש פֿון די ׳זיבן געסלעך׳ באַלויכטן מיטן פּאָעטישן שײַן פֿון דעם נסימדיקן ייִדישן געזאַנג, מיט וואָס ער האָט, ווי ער אַנטפּלעקט עס אין זײַן ליד, מנצח געווען דעם טויזנט־געשטאַלטיקן טויט, וואָס האָט געלאָקערט און געקאָסעט דאָס אין אימה־אַרײַנגעשטויסענע ייִדישע לעבן. און באַוויזן צו טאָן האָט ער עס דערפֿאַר, ווײַל ער איז שוין פֿון פֿריִער געווען דער פּאָעט וואָס איז מסוגל צו דערזען דאָס פֿאַרהוילענע פּנים פֿון געשעענישן און אויך דערפֿאַר, ווײַל זײַן פּאָעטישער לשון־אינסטרומענט איז געווען געאייגנט אויסצודריקן און צו פֿורעמען דאָס וואָס האָט מיט אַ רגע צוריק נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען, דאָס הייסט: דאָס ערשטמאָליקע אין אונדזער ייִדישער דערפֿאַרונג און דאָס ערשטמאָליקע אין אונדזער ייִדישער פֿאָלקישער שפּירונג.

□

מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז די שאַרפֿסטע און האַרבסטע פּראָבלעם פֿאַר אונדזער דיכטונג איז דעמאָלט געווען דאָס געפֿינען דעם געהעריקן וואָרטאויסדרוק פֿאַר די נײַע איבערלעבענישן מיט וואָס די געטאָ־תּקופֿה האָט אונדז מזכּה געווען. וואָרעם דאָס אַלטע לירישע וואָרט איז ממש צעשמאָלצן געוואָרן אין דער היץ און אין דער שאַפֿונגס־אינטענסיוויטעט פֿון דער נײַער דערפֿאַרונג און פֿון דער נײַער חורבן־איבערלעבונג. אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס האָט שוין פֿון פֿריִער זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט פֿאַר יעדן געמיט־צושטאַנד זײַנעם, פֿאַר יעדן געפֿיל, פֿאַר יעדער וויזיע זײַנער געפֿונען נײַע קלאַנגען, נײַע בילדער און נײַע, אייגענע אויסדרוקן, האָט אויך פֿאַר דעם געטאָגרויל געפֿונען דעם ריכטיקן אויסדרוק און גאָר אָפֿט דורך דעם, וואָס ער האָט דעם דיכטערישן וואָרט אונדזערן צוגעגעבן אַ נײַע דימענסיע, פֿון וועלכער די פּאָעטן פֿאַר אים האָבן ניט געוווּסט.

□

אין זײַן „פֿאָרליד" צו געהײמשטאָט זינגט אַבֿרהם סוצקעווער:

איך לעב! מיר איז באַשערט געװען צו זײַן
אַ גרויזיק־שטילער לאַקאָרדיקער עדות
פֿון פּײַן װאָס מוז פֿאַרװאַנדלען זיך אין שײַן.

סוצקעווער האָט געזוכט אַ זין פֿאַר דער ייִדישער פּײַן, ער האָט אים געזוכט אין דעם אומזין פֿון די געשעענישן, אין דעם משוגעת פֿון דער עפּאָכע, אין דער אומראַציאָנעלער פֿאַנטאַסמאַגאָריע פֿון די איבערלעבונגען, ער האָט אַרײַנגעבליקט אין דער מיסטעריע פֿון דער ייִדישער טראַגעדיע און האָט אויף דער אימהדיקער געטאָ־בינע דערזען דעם שפּיל פֿון קאָסמישע כּוחות, דעם געראַנגל צווישן מלאך און טײַוול, דעם אַראָפּפֿאַל צו דער חיה און דעם אַרויפֿשטײַג צו דער געטלעכקייט. זײַנע געטאָלידער, זײַן געהײמשטאָט זענען ניט נאָר די מגילה פֿון פּײַן און אומקום, נײַערט אויך די קינסטלערישע כראָניק, די הײַנטצײַטיקע האָמערישע אָדיסעע פֿון געראַנגל, פֿון גבֿורה, פֿון אויסדויער און פֿון אויפֿשטײַג. ניט געקוקט אויף דער טויט־אַטמאָספֿער, וואָס הילט אַרום דעם זינגער, פֿאַרנעמען מיר אין זײַן שאַפֿן דאָס ‚אַף־על־פּי'־געזאַנג פֿון דעם פֿאָלק, צו וועלכן ער געהערט. דורך אים זינגט די וויטאַליטעט פֿון אונדזער אומה, דורך אים מאַניפֿעסטירט זיך דער לעבנס־ווילן אונדזערער אין באַדינגונגען, אין וועלכע אַנדערע פֿעלקער וואָלטן געוויס רעזיגנירט און וואָלטן פֿאַרשאָלטן דעם, וואָס וואָלט זיך דערוועגט צו חלומען וועגן רעטונג.
אין סוצקעווערס געטאָלידער גליט דאָס בלויע פֿײַער פֿון שליחות־באַוואוסטקייט: זײַן געזאַנג דאַרף און מוז באַזיגן דעם טויט. דערפֿאַר זינגט ער אַפֿילו דעמאָלט, ווען דער מאַסנדיקער מלאך־המוות לייגט זײַנע בייניקע קלעמפֿינגער אויף זײַן האַלדז. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין דעם טראַגיש־גרויליקן יאָר 1943:

יעדער שעה, יעדער טאָג, —
איז מער ניט קיין שעה,
איז מער ניט קיין טאָג,
ס'איז אַ גרייטער מזבח בײַ דיר אין געביין,
ווו פֿאַרשלונגען ווערט אַלץ, וואָס דו פֿילסט, וואָס דו זעסט,
און דו זינגסט נאָך דערבײַ, ווען דו פֿרעסט
זיך אַליין.

אָט אַזוי ‚פֿרעסנדיק זיך אַליין' חלומט ער אויס פֿון דעסטוועגן די וויזיע פֿון דערלייזונג אין דעם געבורט פֿון אַ קינד וואָס זאָל ווערן אַ נײַער משה אויף אַרויסצופֿירן דאָס ייִדנפֿאָלק פֿון היטלערישן מצרים. ער הערט אַ שטים, וואָס זאָגט אים, ער זאָל ניט מיינען, אַז ‚טויט איז טאָקע טויט'. און דערפֿילט אין

זײַן אינגעווייד אַ ׳פֿינקלדיקן עיקר׳... דער דאָזיקער פֿינקלנדיקער עיקר ווערט בולט אין די ווײַטערדיקע שורות פֿונעם ליד:

און צווישן רויטן מאָן מיט שטענגעלעך פֿון ווינט —
עס וואַלגערט זיך מײַן גוף און זינגט מיט די־אַ סטראָפֿן
אַז אָפּשיידליד צום גײַסט, וואָס שטראַלט אַרויס, אַנטרינט
און טראָגט אַ נײַע בענטשונג און אַ נײַעם האָפֿן.

דער טיף־יחידישער דיכטער, דער פּאַטעטישער אַליין־גייער פֿון וואַלדיקם איז אין געטאָ געוואָרן דער דיכטער פֿון געפּײַניקטן פֿאַרמישפּטן און דאָך האָפֿנדיקן פֿאָלק און ער האָט ניט נאָר פֿאַראייביקט אין קינסטלערישן בילד דעם פֿאָלקישן אומקום, נאָר אויך די פֿאָלקישע האָפֿענונג, דעם פֿאָלקישן גלויבן אין אַ נײַעם אויפֿגאַנג און טאַקע דערפֿאַר האָט ער זוכה געווען צו ווערן פֿון די ערשטע און בולטסטע זינגערס פֿון דעם דאָזיקן אויפֿגאַנג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר תש״ח, אויף דער ערד פֿון מדינת־ישׂראל, מיטן אויפֿקום פֿון מלכות־ישׂראל.

□

אַבֿרהם סוצקעווער האָט געהאַט און האָט אַ גרויסע זכיה בײַם שׂר־של־שירה, וואָס האָט, בדרך־כּלל, אַ טבֿע צו פֿאַרטרויען אַ דיכטער בלויז איין שליחות. וואָרעם אים, סוצקעווערן, האָט די השגחה פֿאַרטרויט אי די שליחות צו זײַן דער זינגער פֿון אומקום און אי די שליחות צו זײַן דער אַנזאָגער פֿון אויפֿקום. פֿאַרשטייט זיך, אַז סוצקעווער, מער ווי יעדער אַנדערער יִדישער דיכטער, זעט און פֿילט די שײַכותן צווישן אָט די צוויי נאָענטע פּאָלוסן אין דער יִדישער געשיכטע און ער אַנטפּלעקט זיי תּמיד אין זײַן ליד מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער קראַפֿט. זעען מיר טאַקע ווי אין זײַן געזאַנג וועגן דעם געשיכטלעכן נס פֿון מדינה־אויפֿקום שפּיגלט זיך דער נסיון וואָס דאָס פֿאָלק האָט געדאַרפֿט בײַשטיין אין די יאָרן פֿון אומקום, ווען אין וואַרשעווער געטאָ איז פֿאַרטיידיקט געוואָרן דער קאָסטעל און ווען די אונטערגעגאַנגענע יִדנוועלט ׳מיט מתמיד און מיט מאַניש׳ איז אויפֿגעגאַנגען צום באַנײַטן לעבן אין דער נײַ־געשאַפֿענער מדינה.

□

פֿון יאָר תש״ז (1947), ווען סוצקעווער האָט זיך באַזעצט אין ישׂראל, ביז צום הײַנטיקן טאָג, האָט ער געשאַפֿן אַ סך לידער און פּאָעמעס וועגן דעם נײַעם קאַפּיטל אין דער יִדישער געשיכטע, וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן. ער האָט דיכטעריש מיטגעשפּאַנט מיט די געשיכטלעכע ווענדונגען פֿון זײַן דור, וואָס וועלן בלײַבן ווי לעגענדעס פֿאַר די קומענדיקע דורות. אויב דיכטונג איז די זינגענדיקע געשיכטע פֿון דער צײַט, האָט ער געשטעלט זינגענדיקע דענקמאָלן די גרויסע געשעענישן פֿון זײַנע טעג און האָט פֿאַראייביקט זייער העראָיִזם און זייער אויסנעמלעכקייט. מע קאָן זאָגן, אַז דער גרויסער נס פֿון דער יִדישער פֿאָלקס־באַנײַונג אין מדינת־ישׂראל האָט אין אים געפֿונען זײַן

אַנטפּלעקער און פֿאַראייביקער. דער דיכטער פֿון ייִדישע גאַס, פֿון דער חרובֿ־געוואָרענער ווילנע, איז געוואָרן דער דיכטער פֿון אויפֿגייענדיקן לעבן אויף דער ערד פֿון די אָבֿות, ווו יעדער שטיינדל איז אַ זכר פֿון די זיידעס און יעדער בוים גרינט מיט אָנזאָג פֿאַר די קינדער. די ערד פֿון תּנך, די לאַנדשאַפֿטן, וואָס זענען געווען די וויגן פֿון דער אומה, זענען אויפֿגעגאַנגען אין זײַן ליד מיט נײַע קאָלירן, אין נײַע קרעפֿטיקע און אָריגינעלע בילדער, וואָס אַנטפּלעקן — ניט בלויז נײַע געמעלן, נאָר אויך נײַע באַגריפֿן וועגן דעם תּוך און תּמצית פֿון דער מיסטעריעזער ייִדישער המשכדיקייט.

□

אין די לעצטע יאָרן איז דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער ראשו־ורובו אַרײַנגעטאָן אין אַנטפּלעקן פֿאַר זיך און פֿאַרן לייענער דעם סוד פֿון שאַפֿונגס־פּראָצעס. כּדי צו קומען אויף די שפּורן פֿון דעם דאָזיקן סוד מאַכט ער כּסדר און כּסדר פּאָעטישע עקסקורסיעס אין זײַן קינדהייט. אייגנטלעך האָט ער די עקסקורסיעס שוין אָנגעהויבן אין זײַן גרויסער פּאָעמע „סיביר", און ווען ער האָט מיט דער הילף פֿון ‚דרעמלפֿאַרבן' געמאַכט אויפֿלויכטן רגעס און מאָמענטן פֿון די קינדעריאָרן וואָס האָבן זיך געהאַט פֿאַרשטאָכן אין געמיט און האָבן געזשומעט ווי בינען אין באַוווסטזײַן און מער נאָך — אין אונטערבאַוווסטזײַן. סוצקעווער האַלט זיך אַ פּנים בײַם כּלל פֿון רײַנער מאַריאַ רילקע, אַז דיכטן הייסט זיך דערמאָנען און דערמאָנונג מיינט בעיקר דאָס, וואָס ליגט אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון זכּרון און וואָרצלט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ. דעריבער זענען בײַ אים טאַקע פֿאַראַן אַ סך לידער וואָס דורך זיי טונקט ער זיך אַראָפּ צו יענע ערשטיקע געדעכעניש־קאַמערן, און ווען עס ליגן די עכאָס און די ריחות פֿון געשעענישן, וואָס באַווירקן דאָס דערוואַקסענע לעבן, פֿאַר־מירנדיק אָפֿט מאָל, באַזונדערש בײַ אַ פּאָעט, דעם גורל פֿון דעם דאָזיקן לעבן.

□

מיר זעט אויס, אַז צו זײַנע זעכציק יאָר שליסט אַבֿרהם סוצקעווער דעם גרויסן, רײַכן, פֿאַרביקן און געבענטשטן קרײַז פֿון אַ שאַפֿערישקייט, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט בײַ דער סאַמערהאַדנער מיזרח־וואַנט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. ער איז צוריקגעקומען צו זײַן אָנהייב — צו זײַן דורכויס יחידיש ליד, וואָס אַנטפּלעקט אי אָט די שאַפֿערישע שײַנקייטן און אי דעם עול פֿון שאַפֿן:

לערן זיך בײַם ווײַנשטאָק: שאַפֿן, שאַפֿן,
אײַנזאַפּן דעם גאַנצן ווײַן פֿון איטלעכער מינוט.
שטענדיק פֿילן: זויבערע, מעלאָדישע געלאַפֿן,
רעגנס מאַכן צײַטיק יונגע טראַפֿן,
שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט
און — שאַפֿן.

צוריק צו דעם דאָזיקן אָנהייב פֿון קרײַז קומט אָבער אַבֿרהם סוצקעווער מיט דער דערגרייכטער רײַפֿקייט און מײַסטערשאַפֿט פֿון אַ פּאָעט וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערסטע עולן אין דער שעפֿערישער געשיכטע פֿון זײַן פֿאָלק און האָט די עולן דורכגעטראָגן ביז צום ווערן אַ סינאָנים פֿון דעם פֿאָלקס גורל, אַ מין פּאָעטישער דענקמאָל פֿון זײַן ווידעראַנאַנדיקער היסטאָרישער תּקופֿה. לאָמיר גלייבן, אַז אין דעם געשלאָסענעם קרײַז וועט ער נאָך שעפֿעריש אַ סך מחדש זײַן, שטײַגנדיק אויף דעם הויכן לייטער פֿון זײַנע ביז איצטיקע דער־גרייכונגען און לאָמיר אים ווינטשן, אַז ער זאָל, פּונקט ווי ביז איצט, מקיים זײַן דאָס געבאָט, וואָס ער אַליין האָט זיך דיכטעריש באַפֿוילן, ווען ער האָט אין שעה פֿון עקסטאַז געזונגען:

אינעווייניק מער ווי דרויסן — קלעטער.
זאָלן זײַן די וווּנדן אָן אַ מום.
זאָלן טרינקען שטערן, מענטשן, געטער,
דו אַליין וועסט ניכטער ווערן פֿונעם ווײַנשטאָק שפּעטער,
לאָמיר זײַן באַשיידן: אין אַ טויזנט יאָר אַרום.

לידער פֿון טאָגבוך /1974—1976/

אין זײַנס אַ גאָר יוגנטלעך ליד געשריבן אין 'בלאָנדן באַגינען', זינגט דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער אַזוי:

אין עקסטאַז פֿון מײַן באַריר זיך שמעלצן
די קאָלירן — בלאָ און פֿיאָלעט —
און כ'קריץ אויס אויף איינעם פֿון די פֿעלדזן
מײַן פּאָרטרעט.

אויסקריצן אָדער אַרײַנקריצן דעם אייגענעם שעפֿערישן פּאָרטרעט אין דעם פֿעלדז פֿון צײַט און דויער, דאָס טוט אייגנטלעך יעדער דיכטער און יעדער קינסטלער וואָס בונטעוועט זיך און וויל ניט שלום מאַכן מיט דער פֿאַרגענג־לעכער באַשערטקייט פֿונעם בשר־ודם.
אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין זײַן דיכטערישן גאַנג, פֿון אַמאָל ביז הײַנט, זייער אַ סך דערגרייכט וואָס שייך דער 'אויסקריצונג' פֿון זײַן פּאָרטרעט. זײַן דיכ־טערישער אימאַזש, זײַן פּאָעטישע אָריגינעלקייט, זײַן שאַפֿערישע פּערזענ־לעכקייט זענען מיט דער צײַט בולט און באַשטענדיק געוואָרן אין דער פֿאָרשטעלונג און אין געמיט פֿון איטלעכן גוטן ייִדישן לייענער און פּאָעזיע־געניסער. ער האָט זיך אײַנגעקריצט אין אונדזער זכרון מיט פּאָעטישע, שאַפֿערישע סימנים, וואָס לויט זיי און דורך זיי דערקענען מיר יעדע שורה זײַנע.
און פּונקט ווי מיר דערקענען אַ סקולפּטור פֿון מיקעלאַנדזשעלאָ אין דער מאַכ־טיקער אויסגעפֿורעמטקייט פֿון דער מוסקולאַטור, אָדער פּונקט ווי מיר דער־קענען שאָפּענס מוזיק אין דער עלעגישער בענקשאַפֿט וואָס זינגט אַרויס פֿון זײַן לײַדנדיק געמיט, סײַ גלעטנדיק ווייך, סײַ שטורעמדיק מאַכטיק, אַזוי דערקענען מיר סוצקעווערס אַ ליד, סוצקעווערס אַ שורה, סוצקעווערס אַ זינגעוו־דיקן זאַג אין דעם דימענטענעם געפֿינקל פֿון זײַן וואָרט־קאָמפּאָזיציע, וואָס פֿאַרכאַפּט אונדז מיט איר מוזיק און באַהערשט אונדז מיט איר חזיון.
פֿון דעסטוועגן, כאָטש סוצקעווערס שעפֿערישער פּאָרטרעט, זײַן מהות און אויך זײַן סיגנון זענען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט און מיר וועלן זײַנע אַ שורה מיט קיין שום אַנדערן דיכטערס ניט פֿאַרבײַטן, האָב איך אָבער תּמיד, ווען איך נעם אין האַנט אַרײַן זײַנס אַ נײַ בוך לידער, דאָס געפֿיל אַז פֿון דעם נײַעם בוך וועט מיר אַנטקעגנקומען אַן איבערראַשונג און אויב אַפֿילו שוין ניט קיין

איבערראַשונג, איז אַ חידוש וואָס וועט מיר אַנטפּלעקן דעם דיכטער אין אַ נײַ ליכט, אָדער וועט מיר ווײַזן אין זײַן פּאָרטרעט אַ פּנים־שטריך וואָס איך האָב ביז איצט ניט געקענט.
און כּמעט תּמיד ווײַזט זיך אַרויס, אַז כאָטש זײַן דיכטערישער פּאָרטרעט איז, ווי געזאָגט, אונדז אַזוי גוט באַקאַנט, דערזעען מיר אין אים יעדער מאָל עפּעס נײַס, עפּעס וואָס מיר האָבן פריִער ניט דערזען, אָדער ניט באַמערקט.
ניין, ס'איז ניט בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן ניט דערזען אָדער ניט באַמערקט, ס'איז גיכער: עפּעס האָט זיך אין זײַן געשטאַלט און פּנים געביטן, מיט עפּעס איז די פּאָעזיע זײַנע באַנײַט געוואָרן, איז דער מהות פון פּאָעט רײַכער, פולער, קאָליריקער געוואָרן.

□

אַבֿרהם סוצקעווער איז ווי יעדער גרויסער פּאָעט אַ שאַפערישער ווונדער, אַ שאַפעריש רעטעניש. דער ווונדער, וואָלט איך געזאָגט, באַשטייט אין דעם וואָס כאָטש ער איז שוין זייער לאַנג רײַף און פאַרענדיקט, האַלט ער זיך דאָך אין איין אַנטוויקלען און אין איין באַנײַען.
ווען איך זאָל דעם פּאָעט סוצקעווער וועלן פאַרגלײַכן צו אַ שפעדיקן בוים אינעם סאָד פון אונדזער ליריק, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז רעטענישדיק מיט דעם, וואָס כאָטש ער האָט אונדז באַלד אין זײַנע ערשטע זומערן געגעבן באַטעמטע פּירות, פאַרוווּנדערט ער אָבער אונדז דערמיט וואָס יעדער יאָר ברענגען זײַנע פּירות עפּעס אַ נײַעם טעם און אַ נײַעם ריח.
אַ דיכטער וואָס איז דערגאַנגען צו הימל־הויכקייטן אין זײַן שאַפן און דאָך ווײַזט ער אונדז כּסדר, אַז ער האַלט נאָך אין מיטן קלעטער, אין מיטן גאַנג אַרויף.

קלאָר, אַז כּל־זמן אַ דיכטער, אַ קינסטלער גייט נאָך אַרויף, כּל־זמן ער האָט נאָך די פעיִקייט זיך צו באַנײַען, איז ער נאָך יונג, וואָרעם דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז די זיקנה האָט אויף אים קיין שליטה ניט.
ס'איז אמת, אַז אַבֿרהם סוצקעווער זינגט איצט אין זײַנע לידער וועגן דערפאַ־רונגען און געפיל־איבערלעבונגען וועלכע זענען באַוווּסט נאָר דעם מענטשן וואָס האָט שוין אַריבערגעשפּרײַזט די ערשטע העלפט פון די געוווּנטשענע הונדערט און צוואַנציק. דאָך איז אין זײַן ליד ניט ניכּר קיין אַלטקייט, קיין מידקייט, קיין נאָכגעלאָזנקייט. אויב אַפילו די חכמה פון באַיאָרטקייט רעדט דורך זײַן פערז, איז אָבער דער פערז גופא יונג, עלאַסטיש, אָנגעשפּאַנט און פול מיט חידוש לגבי דער וועלט און אירע סודות. אָט דער חידוש און די פּנימיותדיקע שפּאַנונג זענען די בולטסטע סימנים פון יונגשאַפט.

□

יונגשאַפט אַליין איז ניט אַלע מאָל קוואַליטעט. אָבער סוצקעווערס פּאָעטישע יונגשאַפט איז בפירוש געוועזן און איז אַ דיכטערישע קוואַליטעט. סוצקעווער,

דאַרף מען געדענקען, האָט אין זײַן אָנהייב איבערגעראַשט זײַנע בני־גיל מיט דער עכטער יונגשאַפֿט פֿון זײַן ליד. איצט איבעראַשט ער אונדזער דור מיט זײַן יונגשאַפֿט אין דער רײַפֿקייט. אַז איר ווילט האָט איר דאָ דעם צווייטן חידוש אין סוצקעווערס שאַפֿערישער פערזענלעכקייט. ווײַזט אויס, אַז אונדזער פּאָעט האָט אַ גרויסע זכיה בײַ גאָט, אויב נאָך די אַלע איבערלעבונגען און נאָך דעם גאַנצן כּובֿד־ראש פֿון זײַן שאַפֿן איז ער געבליבן בײַ דער יונגשאַפֿט פֿון אַ מאָל, בײַ דער קוואַליקער יונגשאַפֿט פֿון זײַן 'בלאָנדן באַגינען'.

סוצקעווערס דיכטערישע חידושים וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט גערעדט זענען זייער בולט און אָנזעעוודיק אין זײַן פּאָעטישער זאַמלונג לידער פֿון טאָגבוך, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַלע מעלות פֿון זײַנע פֿריִערדיקע פּאָעטישע ווערק און איז דערצו געקריינט מיט אַ מין גאָר נײַער דיכטערישער טיפֿקייט וואָס קומט נאָך יענעם חשבון־הנפש, נאָך וועלכן מע דערזעט אמתן און שײַכותן מיט דעם אייביק פֿון חסד און התגלות.

□

לידער פֿון טאָגבוך — דאָס איז משמע: לידער פֿון דער וואָרסטער אינטימקייט, לידער פֿון דער וואָרסטער אויפֿריכטיקייט, לידער אין וועלכע מע בלײַבט אַליין מיט זיך און מיט דעם אמת וואָס איז 'דאָס טונקלסטע און קלאָרסטע וואָרט פֿון אַלע ווערטער'. דער דאָזיקער קאָנטראַסטיקער אמת, אין זײַן טונקלקייט און אין זײַן קלאָרקייט, פֿינקלט זייער און זייער אָפֿט אין סוצקעווערס לידער פֿון טאָגבוך און אָנטפּלעקט זיך אין זיי מיט דער פֿולער שיינקייט, מיט אַן איבער־ראַשנדיקער וויזאָנערישקייט און מיט אַ פֿאַרכאַפּנדיקער מוזיקאַלישקייט.

לאָמיר ציטירן דאָס ערשטע ליד פֿון דער זאַמלונג וואָס איז אַרײַנגעשריבן געוואָרן אין טאָגבוך אין יאָר 1974:

> ס'דערנענטערט זיך די ווײַט. נאָך אַלע רײַזעס, אוואַנטורעס
> און לייגן קלאַפּטער אויף פּאַפּיר בײַם שאָטן פֿון אַ שפּאַרבער,
> לאָז איבער צוויי (ווי טאָג מיט נאַכט) צונויפֿגעגראַמטע שורות
> און זאָלן זיך מיט זיי צעטיילן דײַנע יונגע אַרבער.
>
> און אויב ס'איז ווייניק, צי אַרויס פֿון האַרץ און לאָז אַ דריטע:
> אַלמאַי זאָל בלײַבן יתומדיק מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך
> דײַן קאַץ? האָט עמעצער ווי זי געהאַט אויף דיר אַ שליטה?
> אַכיבע האָסט שוין אָפּגעשריבן פֿאַר דער קאַץ פּראָצענטלעך.
>
> דו האָסט דאָך זעונגען געזען וואָס ניט געזען האָט קיינער
> בײַ אירע גרינע יאָרצײַטליכט אין ווינטלדיקע חצותן:
> באַוואַקסענע מיט קליינע פֿליגל שוועבט אַ מנין שטיינער
> און איבער זיי דער שער־הרחמים איז ניט מער פֿאַרשלאָסן.

און האָסטו שוין געשאָנקען און צעשאָנקען דײַן פֿאַרמעגן
און אָפּגעצאָלט פֿאַר דײַנע װוּנדן דעם באַשטימטן שטײַער,
אַנטלויף אין מידבר װוּ די שטערן טריקענען אָן רעגן.
זײַ טריקענער. זײַ לעשן זיך. באַװאַסער זײַ מיט פֿײַער.

דאָס דאָזיקע פּירסטראָפֿיקע ליד איז דאָ ציטירט געװאָרן ניט בלויז דערפֿאַר װײַל ס'איז אײנס פֿון די שענסטע לידער אין סוצקעװערס פּאָעטישן אוצר, נאָר אויך דערפֿאַר װײַל ס'איז אײנס פֿון די לידער אין װעלכע מיר געפֿינען אַלע נײַע און אויך אַלטע דיכטער־אײגנשאַפֿטן פֿון סוצקעװערס מוזע. ס'איז אײנס פֿון די לידער — און אַזעלכע זענען אין דעם בוך פֿאַראַן אַ סך — װאָס מע װערט באַרוישט װען מע טרינקט עס אויס מיט אײן מאָל, אָבער פֿון װעלכן מע װערט נאָך מער שיכּור װען מע געניסט עס טראָפּנװײַז, װי דער גוטער טרינקער געניסט אַ טײַערע און אײדעלע משקה.

דאָס ליד איז געשריבן אין שליסל פֿון אַ שטימונג װאָס איז ביז גאָר כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר סוצקעװערן זינט די לידער פֿון די פֿידלרױז און דאָס איז: דאָס דערפֿילן איבער זיך דעם 'שאָטן פֿון אַ שפּאַרבער'. אָט דער שפּאַרבער־שאָטן װאָס באַגלײט אַלע אונדזערע נסיעות צו דער דאָזיקער װעלט, װאָס דערנענטערט זיך מיט סוד און שרעק.

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, װאָס די דערזעונג פֿון דער באַשערטקײט דער־דריקט ניט דעם פּאָעט און אויך ניט דעם לײענער און דאָס איז דערפֿאַר, װײַל דער פּאָעט ברענגט אַרײַן אין זײַן ליד דעם עלעמענט פֿון שפּיל און אַפֿילו גראָטעסק און צװישן זײַנע יורשים גיט ער אָפּ אַ חשובֿ אָרט דער קאַץ װאָס 'בײַ אירע גרינע יאָרצײַטליכט אין װינטלדיקע חצותן' האָט ער דערזען זעונגען װאָס קײנער האָט ניט געזען. דאָ דערמאָנט זיך, דרך־אַגבֿ, אַ היפּערבאָלישער זאָג פֿון דעם באַרימטן איטאַליענישן דיכטער טאָרקוואַטאָ טאַסאָ (1544—1595), װאָס האָט בײַם שילדערן זײַן אַמאָליקע אָרעמקײט, דערצײלט, אַז ער האָט ניט געהאַט קײן געלט אויף קײן ליכט און דעריבער געמוזט שרײַבן זײַנע לידער בײַ נאַכט בײַם גרינעם אויגנשײַן פֿון זײַן קאַץ.

האַלטנדיק זיך בײַ דעם אַנאַליז פֿון דעם ציטירטן ליד, קומען מיר צו אַ װײַטער־דיקער סוצקעװערישער פּאָעטישער אײגנשאַפֿט: זײַן פֿעיִקײט מיט דער אַלכעמיע פֿון װאָרט צו פֿאַרװאַנדלען זאַכן אין זײער היפּוך. כ'האָב זיך שוין אָפּגעשטעלט דערױף, װאָס בײַ סוצקעװערן איז מעגלעך אַז אַ שטיק מאַכטיקער גראַניט, דער סינאָנים פֿון שװערקײט, אומבאַװעגלעכקײט און מאַסיװקײט, זאָל זיך פֿאַר־װאַנדלען אין אַ שװעבנדיקן מעדיום. אויך אין דעם ציטירטן ליד מאַכט אונדז דער דיכטער דערזען בײַם גרינעם אויגנשײַן פֿון דער קאַץ, װי אַ מנין שטײנער שװעבט מיט קלײנע פֿליגל, און דעמאָלט װײסן מיר צוזאַמען מיטן פּאָעט אַז דער שער הרחמים איז ניט פֿאַרשלאָסן. אַ מאָל דאַכט זיך, אַז סוצקעװער שפּילט אויס אין זײַן פּאָעטישער סימפֿאָניע װידעראַנאַנדן צוליב דער מוזיק, דער אמת איז אָבער אַז אין דער ספֿערע פֿון ניסתּר און העכערער דימענסיע זענען דאָס גראַניט

קיין קאָנטראַסטן און סע שטעקט אַ טיפֿער זינען אין דעם רוף צו באַוואָסערן די אויסגעטריקנטע שטערן פֿונעם מידבר מיט פֿײַער.
אין דעם זעלביקן טאָגבוך איז פֿאַראַן אַ ליד פֿון יאָר 1974 וואָס איז אויך כּדאַי אַז מ׳זאָל עס אין גאַנצן ציטירן:

דער זעלביקער וואָס האָט געבענטשט, ער האָט מיך אויך געשאָלטן.
כ׳נעם־אָן פֿאַר ליב די צווילינגשאַפֿט פֿון האָניק און פֿון עסיק.
אַ דאַנק פֿאַר בענטשן מיך מיט פֿרײַנד. אָן זייער כּוח וואָלטן
בײַנאַנד מיט מיר די ווערטער מײַנע אויסגעצאַנקט מעת־לעתיק.

פֿאַר מײַנעטוועגן מאָלן זיי און האַמערן און קנעטן,
פֿאַר מײַנעטוועגן קײַקלען זיי אַראָפּ פֿון האַרץ פּאַעמעס.
אָ, מײַנע איכן זענען זיי, די מאָלער און פּאָעטן,
און זייער איך בין איך, אַפֿילו אַז איך ווייס ניט וועמעס.

פֿאַר זייערטוועגן האָב איך ווען געזונגען אין אַן אָרון,
פֿאַר זייערטוועגן האַלט איך נאָך מלחמה פֿאַר אַ קאַמע.
און שטאַרבן זיי, ערשט יעמאָלט ווערן מײַנע פֿרײַנד געבאָרן
אין גרינער קינדערוויג פֿון מײַן צעהוידעטער נשמה.

פֿאַר מײַנעטוועגן וואַרעמען זיי אָן די קאַלטע שטערן,
פֿאַר מײַנעטוועגן שפּילן זיי: אַ פֿידל צי אַ טשעלאָ
דערלאַנגט פֿון זיך אַ קוואַל אַרויס מיט שׂימחה מײַנע טרערן.
פֿאַר זייערטוועגן שרײַב איך די־אָ שורות. אָמן־סלה.

דער מאָטיוו וואָס ווערט אויסגעזונגען אין דעם דאָזיקן ליד, די גורל־שותּפֿות צווישן קינסטלערס, וואָס ערגעץ טיף, הינטער זייער כּלומרשטן קידער־ווידער, שטראָמט אַ טײַך פֿון פֿרײַנדשאַפֿט און ליבשאַפֿט — איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך אַנדערע ייִדישע פּאָעטן. סוצקעווער, דערהייבט זיך דאָ צו אַ פֿילאָ־סאָפֿיש־לירישער הייך בײַם שלום מאַכן מיט דעם האָניק און עסיק וואָס דאָס לעבן באַשערט אים.
אַבֿרהם סוצקעווער איז אין די לידער פֿון טאָגבוך דערגאַנגען צו אַ צײַטיקייט וואָס נאָך איר איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַז פֿאַראַן אַ העכער און אַ ווײַטער.

די ערשטע נאַכט אין געטאָ /1941—1944/

די לידער אין דער זאַמלונג די ערשטע נאַכט אין געטאָ האָט אַבֿרהם סוצקעווער געשריבן צווישן די יאָרן 1941 און 1944. אַרויסגעגעבן האָט ער זיי, מיט צייכענונגען פֿון שמואל בק, ערשט אין יאָר 1979. פֿרעגט זיך אַ קשיא: הלמאַי האָט דער פּאָעט די דאָזיקע לידער דן געוועזן לגניזה אַזוי פֿיל יאָרן? זאָל מען זאָגן אַז ער איז ניט צופֿרידן געווען, אָדער ניט זיכער געווען מיט זייער קינסטלערישן ווערט? קאָן אָבער יעדער וואָס האָט אַ חוש פֿאַר פּאָעזיע איינזען, אַז די אַ לידער שטייען ניט אָפּ מיט זייער קינסטלערישער קוואַליטעט פֿון זײַנע אַנדערע לידער און זיי צייכענען זיך אַפֿילו אויס מיט די אַלע פּאָעטישע אייגנשאַפֿטן און באַזונדערקייטן וואָס גיבן אַזאַ הויכן ווערט און וואָג די שאַפֿונגען וואָס ער האָט יאָ אַרויסגעגעבן אין בוכפֿאָרעם. טאָ וואָס זשע, אויב אַזוי, איז די סיבה הלמאַי גראָד די אַ לידער האָט ער געלאָזן בײַ זיך אין שופֿלאָד און זיי מתּיר־אָסורים געווען ערשט אין יאָר 1979, פֿיר און דרײַסיק יאָר נאָך דעם ווי ס'איז אַרויס די פּעפּטונג — זײַן ערשטע נאָכמלחמהדיקע זאַמלונג פֿון געטאָלידער?

אַז מע פֿאַרטיפֿט זיך אָבער אין די לידער און מע ווערט דורכגענומען פֿון דער גרויליקער אַטמאָספֿער אין וועלכער זיי זענען געשריבן געוואָרן, הייבט מען אָן דערפֿילן און אויך פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דער פּאָעט האָט לגבי די לידער געהאַנדלט אַזוי און ניט אַנדערש. מע הייבט אָן דערפֿילן און באַנעמען, אַז דער איבערגאַנג פֿון די לידער אין וואַלדיקס צו די לידער פֿון די ערשטע נאַכט אין געטאָ איז זיך ניט באַגאַנגען אָן אַ טיפֿן קריזיס וועלכן דער פּאָעט האָט דורכגעמאַכט, אַן אויפֿגעטרייסלטער דורך די צײַט־געשעענישן און דורך די איבערלעבענישן וואָס זענען אויסגעפֿאַלן אויף זײַן גורל. ערשט אַז מע דערזעט דעם דאָזיקן קריזיס אויפֿן אַנטוויקלונגס־וועג פֿונעם דיכטער; אַז מע באַנעמט דעם אינעווייניקסטן געראַנגל וואָס ער האָט דעמאָלט געפֿירט מיט זיך אַליין אויפֿן באָדן פֿון זײַן באַציִונג צום לעבן און צום ליד, נעמט מען אויך בולטער דערזען, דערפֿילן און פֿאַרשטיין די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט זיך שפּעטער אַזוי אַרויסגעהויבן אין אונדזער נאָכמלחמה־ליטעראַטור און איז אויסגעוואַקסן ווי דער קינסטלערישער פֿאַרייביקער פֿון דעם געטאָגרויל, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און דורכגעפֿיבערט שוין אין דער ערשטער נאַכט פֿונעם זײַן אין געטאָ, דאָס הייסט: אין דער סאַמע ערשטער צײַט פֿון דער נאַצישער ייִדן־פֿאַרלענדונג.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז די קליינע זאַמלונג פֿון «לידער, לידוואַריאַנטן און פֿראַגמענטן» וואָס דער דיכטער האָט אָנגערופֿן די ערשטע נאַכט אין געטאָ גיט אונדז אַן אַריינבליק אין די מסתּרים פֿון זיין דיכטערישן אַנטוויקלונגס־גאַנג און ווייזט אונדז ווי אַזוי ער איז דורך פּיין און גערוּנגל דערגאַנגען צו זיין שפּע־טערדיקער הויכער מדרגה, צו די באַרגשפּיצן פֿון אונדזער פּאָעזיע.

□

ווען ח.־נ. ביאַליק האָט אונטער דעם איינדרוק פֿון די פּאָגראָם־געשעענישן אין קישענעוו געשריבן זיין «משׂא נמירוב», האָט ער ניט בלויז געשיקט זיין קללה צו די מערדערס, ניט בלויז אויסגעגאָסן זיין צער־און־צאָרן אויף די קעפּ פֿון די פּאָגראָמהעלדן און זייערע העצערס און העלפֿערס, נאָר ער האָט אויך מיט מאַזאָכיסטישן ווייטיק געלעסטערט דעם קרבן און אים ניט געוואָלט מוחל זיין, הלמאַי ער האָט זיך ניט גענוג געווערט קעגן די פּאָגראָמירערס, הלמאַי ער האָט געקויפֿט זיין לעבן פֿאַרן פּריַיז פֿון אויסבאַהאַלטן זיך אין פּחד אויף ביידעמער, אין קעלערן, אין באַדינגונגען און אויף אַן אופֿן וואָס איז קעגן דער מענטש־לעכער ווערדע.
אויך משה־לייב האַלפּערן האָט אין זיין פּאָעמע «אַ נאַכט» (געשריבן אונטער דעם איינדרוק פֿון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה), אַרויסגעבראַכט עקל און שׂינאה צו די מערדערס. אָבער אויך ער איז ניט פֿריי געווען פֿון אַ פֿיינלעכן סאַרקאַזם כּלפּי דעם קרבן דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען בלויז אַ קרבן און האָט זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט זיינע מערדערס מיט ווערדע ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מענטש וואָס איז ניט גרייט צו ראַטעווען דאָס לעבן פֿאַר יעדער פּריַיז און אין אַלע באַדינגונגען.

□

וועלן מיר דאָ ניט אַריינגיין אין אַ דיסקוסיע צי אַזאַ צוגאַנג איז אַ באַרעכטיקטער און גערעכטער. ס'איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז דער מאָדערנער ייִד, דער וועלטלעכער ייִד ליידט פֿון דעם חורבן־קאָמפּלעקס און ער פּייניקט זיך אַליין מיט פֿאַראַכטונג מחמת דעם וואָס ער איז ניט שטאַרקער פֿון זיין גורל צו זיין אַ קרבן. טשיקאַווע, אַז דער רעליגיעזער ייִד האָט קיין מאָל ניט געליטן פֿון דעם קרבן־קאָמפּלעקס און ער האָט ניט געהאַט קיין טענות צו זיך אויב ער האָט זיך געראַטעוועט, אַבי ער האָט נאָר ניט עובֿר געווען אויף דעם יהרוג ואַל יעבֿור. אַנדערש איז עס מיט דעם מאָדערנעם וועלטלעכן ייִד, וואָס איז כּסדר פֿול מיט מורא, אי פֿאַר דער שחיטה גופֿא און אי פֿאַר דעם 'גיין ווי שאָף צו דער שחיטה'.
אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין זיינע ערשטע געטאָ־מעת־לעתן וואָס ער רופֿט אָן: די ערשטע נאַכט אין געטאָ איבערגעלעבט ענלעכע שטימונגען און געפֿילן וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פֿאַר חיים־נחמן ביאַליק און פֿאַר משה־לייב האַלפּערן בעת זיי האָבן געשריבן, איינער «אין שחיטה־שטאָט» און דער אַנדערער

— «אַ נאַכט». און ס'איז צו פאַרשטיין: אַן איבערגעראַשטער פון דער פלוצעמ־דיקער אַכזריותדיקער רעאַליטעט, בונטעווע זיך דער דיכטער — ניט נאָר קעגן דער רעאַליטעט אין וועלכער ער איז פלוצעם אַרײַנגעשטויסן געוואָרן, נאָר אויך קעגן זיך אַליין און קעגן זײַן ווילן ווײַטער צו לעבן אין אַזאַ אַרומרינגל, כדי איבערצולעבן. ער רופט דעמאָלט אויס:

זאָג מיר, ברודער מײַנער, זאָג,
וואָס איז ער, וואָס באַטײַט ער, אונדזער הינטישער געראַנגל?
דאָס האַרץ איז דול.
אַנטלאָפן זענען אַלע שיינע ווערטער,
גלײַך בינען פון אַ בינשטאָק אַ באַגאַרטלטער מיט רויך.
נאָר ערגעץ אין אַ הינטערגעסל פון באַוווסטזײַן שלאָגט נאָך
אַ צוקנדיקער פיצל נערוו געראַטעוועט פון חורבן,
אַ לעצטער קרעכץ וואָס ווידערשפּעניקט יענע בלינדע שטילקייט
וואָס ווערט פאַרחתמעט מיט אַ הויפן ערד.

אין דעם זעלביקן ליד פרעגט ער מיט אַ טיף־שנײַדנדיקן צער די איובֿשע שאלה אין אַנבליק פון אַ פּײַן וואָס איז אַ סך גרעסער ווי איובֿס, ווײַל ס'איז ניט די פּײַן פון איין מענטש, נאָר פון אַ גאַנץ פאָלק:

ווער זענען מיר?
וואָס איז דער זין פון אַלע אונדזערע לײַדן?
אויב נאָר צו זײַן קרבנות פאַר אַ בלוטדאָרשטיקן האַר,
דענצמאָל זאָלן אַנשטאָט אונדז געבוירן ווערן זשאַבעס!

דאָס ליד פון וועלכן מיר ציטירן הייסט «דער צירק» און עס איז איינס פון די גרויסע לידער פון דעם דאָזיקן גרויסן דיכטער. דאָס ליד פאָדערט ממש מע זאָל עס ציטירן אין גאַנצן, מחמת מיר געפינען דערין פאַרפּיקסירט אויף אַ הויך־פּאָעטישן אופן דאָס געמיט פונעם דיכטער אין יענער אומגעווייניטלעכער צײַט ווען דער פילנדיקער און דענקענדיקער ייִד איז אַרײַנגעפאַלן אין ייִאוש און האָט אָנגעהויבן ספקן אין דער באַרעכטיקטקייט פון זײַן גאַנצער עקסיסטענץ און דאָס האָט אים געבראַכט צו טרויעריקע געדאַנקען און שפּירונגען:

די צונג איז אויפגעבלאָטערט פון דער זשאַווערדיקער טרייסט,
אַז וואָלף און לאַם וועט הויערן צוזאַמען.
און ווי עס ירשנט ענלעכקייט דאָס קינד פון טאַטע־מאַמע —
ירשען מיר די ענלעכקייט פון דורותדיקער פלאָג,
פון זײַן פאַרקנעכטע קעלנערס בײַ דער וועלטס געגרייטן טיש
און הינטיש דאַנקען פאַר דער צוגעוואָרפענער מטבע.
דאָס איז די קייט די גאָלדענע וואָס בינדט צוויי טויזנט יאָר,
די טרערן־קייט אויף אונדזערע נשמות.

□

ס'איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז אין דער דאָזיקער אַליין־פֿײַניקונג זאָל זיך סוצקעווערס ליד איבעררופֿן מיט די לעצטערלידער פֿון משה־לייבס «אַ נאַכט» און ער זאָל נעמען אויף זײַן אייגענעם דיכטערישן אופֿן בײַטשן מיט סאַרקאַזם:

דריי זיך, דריי זיך קאַראַהאָד,
האָסט נאָך אַ געפֿיל — פֿאַרברען אים.
אויב ס'איז דאָ אַ באָד אין גיהנום
זעט דאָרט אויס אַזוי די באָד.

און דער לאָמער אָן אַ שטעקן
און דער רבֿ — דער בלינדער גרײַז,
אַלע האָפקען אין אַ קרײַז
פֿאַר דער פֿרייד פֿון אַלע עקן.

שטייט אַ פּויערטע און קוועלט:
אָט אַ צירק, ווי גאָט איז איינער!
מאַכט איר שכן: צאָלט זיי שטיינער,
ווײַל אין צירק דאַרף קאָסטן געלט.

און אַ נפֿקא ווײַזט דער צווייטער
אויף דער נאַקעטקייט: דו זעסט?
פֿאַלן שטיינער. ס'פֿײַער פֿרעסט.
קריכט אַ שייגעץ אויף אַ לייטער.

פֿאַלן שטיינער. פֿאַלט דער רבֿ
קושנדיק אין אַש די פֿונקען.
און זײַן שמע ווערט אויך פֿאַרזונקען
אין דער קאַלטקייט פֿון אין־סוף.

דאָס ליד, אָדער די פּאָעמע, איז געשריבן געוואָרן אין אַ באַהעלטעניש, אָנהייב יולי 1941, דאָס הייסט, ממש אין די ערשטע טעג פֿון דעם נאַציישן באַהערשן די שטאָט, וואָס איז אָבער שוין פֿול מיט ייִדן־קרבנות. מיר לייענען ווײַטער:

און איך וואָס בין געווען דער לץ אין שענדלעכן ספּעקטאַקל
האָב ניט געהאַט קיין מוטוויל צו אַרויסשטאַמלען אַ קללה
און ניט צו מאָל דעם כּוח זיך אַ וואָרף צו טאָן אין טויט,
ווי מײַנע ברידער אין דער צײַט פֿון אַדריאַן דעם רוימער.

דאָ זענען ניט נייטיק קיין שום פּירושים, ווײַל דער מיין איז אַן אָפֿענער און פֿאַרשטענדלעכער און ס'וווּנדערט אונדז כּלל ניט ווען דער דיכטער קומט צו אַן אויספֿיר אין אַן אַנדער ליד פֿון דער זעלבער זאַמלונג:

בין איך צו שוואַך צו דערשטעכן דײַן מערדער —
נעמען אין זיך מוז איך דעמאָלט נקמה.

ס'איז אָנגענומען די מיינונג אַז ביאַליקס «אין שחיטה־שטאָט» האָט געבראַכט צו דעם אויפֿקום פֿון דער זעלבשוץ אין רוסלאַנד. קאָן זײַן, אַז דאָס געמיט וואָס אַבֿרהם סוצקעווער ברענגט אַרויס אין די דאָזיקע לידער האָט געבראַכט צו דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. העט שפּעטער נאָך דער ערשטער נאַכט אין געטאָ, אין דעם גרויליאַר 1943, זינגט סוצקעווער שוין אַ באַפֿרײַטער פֿון זײַנע ערשטע אַליין־פּײַניקונגס־קאָשמאַרן:

קלינג אין די גלעקער פֿון טויבן געוויסן
דו וועכטער געדעכטער פֿון טורעם.
זאָל יעדער איצט ווערן אַ פֿעסטונג און שליסן
אַ בונד קעגן אײַזערנעם שטורעם.

ווי קוילן צעבלאָזן די פֿאַרשטיקטע געמיטער
אַפֿילו ווען ס'גליט ניט קיין האָפֿן.
סע זאָל אין די פֿינגער ניט געבן קיין ציטער
דער הייליקער ייִדישער וואָפֿן.

ווילנער געטאָ, פֿערצנטן יולי 1943

אָבער דעמאָלט האָט ער שוין אויך געמאַכט אַ היפּשן מאָראַלישן שפּאַן פֿאָרויס אין דעם וועלן נקמה נעמען אין דעם טויטפֿײַנד; דעמאָלט שרײַבט ער שוין לידער אין וועלכע ער איז פֿול מיט ווילן איבערצולעבן דעם שׂונא און לכל־הפּחות, פּײַניקט ער שוין דעמאָלט זיך ניט מער אַליין מיט דער כּלומרשטער שולדיקייט אין זײַן קרבן־גורל. יאָ, מע דאַרף קעמפֿן פֿאַרן לעבן. מע דאַרף זײַן מאָראַליש און ווערדיק אין דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער מע דאַרף ניט נעמען קיין מאָס פֿאַר אַזאַ ווערדיקייט בײַם שׂונא. דעם דאָזיקן נײַעם אַני־מאַמין פֿון אַ געליטענעם אין די גיהנום־פֿײַערן וואָס האָבן אומגעבראַכט די ייִדנוועלט, ברענגט דער דיכטער אַרויס אין אַ ליד פֿון זיבן שורות וואָס ער האָט געשריבן אין ווילנע צען טעג איידער ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ און וואָס איך וואָלט עס אָנגערופֿן דעם חובת הלבבות פֿון די העל־דישע געטאָקעמפֿערס. דאָס ליד לייענט זיך אַזוי:

שטאַרקער פֿאַר נקמה אין די מערדערס פֿון דײַן מאַמען
זאָל זײַן דײַן ליבשאַפֿט צו דײַן מאַמעס האַרץ,
וועמעס קערנער טראָגן זיך ווי פֿרילינגדיקע ריחות
און וועלן בײַ דײַן מידבר־שוועל,
פֿון ביינערדיקע זאַמדן,

אַרויסבליִען פֿאַר דיר אין שעה פֿון ביטערקייט
אַ גלויבן!

ווילנער געטאָ ניַינטן אַפּריל 1943

דער אויסרוף, אַז די ליבע צו דער מאַמעס האַרץ זאָל זיַין שטאַרקער ווי די נקמה און די שׂינאה צו דער מאַמעס מערדערס איז שפּעטער געוואָרן דער תּוכן פֿון ה. לייוויקס וואָרענונגען ניט צו שטעלן זיך אויף איין פֿלאַך מיט דעם טמא־נאַצי, אַפֿילו ווען דאָס שטעלן זיך אויף דער דאָזיקער פֿלאַך איז גערעכט און באַרעכ־טיקט. דער וווּנדערלעכער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער האָט ערגעץ ווו דערפֿילט אַז אין די מאַזאָכיסטישע פּיַיניקונגס־לידער וואָס ער האָט געשריבן אין די ערשטע שוואַרץ־פֿינצטערע נעכט פֿון געטאָ, איז פֿאַראַן עפּעס פֿון קוקן אויף זיך מיט די הייִשע אויגן פֿונעם טמא; פֿון דורכגעדרונגען ווערן מיט שׂינאה־באַציִונג צו זיך אַליין וואָס דאָס איז אַ באַקאַנטער פֿענאָמען מיט וועלכער עס באַשעפֿטיקט זיך די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע. אפֿשר צוליב דעם האָט ער די לידער פֿון דעם דאָזיקן געזעמל אַזוי לאַנג ניט פּובליקירט, ניט אַרויסגעגעבן?

□

מע קאָן ניט רעדן וועגן קיין השפּעות ווען עס האַנדלט זיך אין אַזאַ טיף־אָריגינעלן פּאָעט ווי ס'איז אַבֿרהם סוצקעווער. מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט די נעמען פֿון ביאַליק, האַלפּערן און לייוויק בלויז כּדי צו באַטאָנען, אַז אין די ערשטע נאַכט אין געטאָ טרעפֿט מען לידער אין וועלכע סוצקעווער מאַניפֿעסטירט זיַין געפֿיל־ און געמיט־נאָענטקייט צו די דערמאָנטע פּאָעטן. פֿון דער אַנדערער זיַיט דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אין די זעלבע לידער אַנטפּלעקט זיך שוין סוצקעווער מיט אַלע זיַינע קינסטלערישע חנען און אייגנשאַפֿטן. דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך שוין דעם פּאָעט וואָס זעט אין דער מיסטעריע די רעאַליטעט פֿון לעבן און וויַיזט אונדז דאָס מיסטעריעזע אין אַ וויזיע וואָס באַצווינגט אונדז מיט איר רעאַלקייט. דאָ איז שוין פֿאַראַן דער וואָרט־מכשף וואָס קען קלאַנגען פֿאַרוואַנד־לען אין פֿאַרבן און זיי ביידע — אין סימבאָלן; דאָ געפֿינט זיך שוין דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער אויף אַזאַ פּאָעטישער הייך, אַז מע מוז זיך וווּנדערן פֿון וואַנען ער האָט גענומען שטח פֿאַר זיַינע שפּעטערדיקע אויפֿשטיַיגן. זעט אויס, אַז גערעכט זענען געווען די קאַצקער, וואָס האָבן געזאָגט אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן כּדי העכער צו מאַכן די הימלען.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט העכער געמאַכט די הימלען פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. ער האָט זיי געגעבן נײַע מאָסן און נײַע דימענסיעס.

די ערשטע נאַכט אין געטאָ הייבט אויף אַ שפּיץ פֿאַרהאַנג פֿון אַ בינע אויף וועלכער ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמאַטיש געראַנגל. דאָס דאָזיקע דראַמאַ־טישע געראַנגל אינעם פּאָעטס האַרץ האָט געהאַט אַ גורלדיקע השפּעה אויף זיַין וויַיטערדיקער אַנטוויקלונג. גוט איז וואָס אין דעם אַ געראַנגל האָט מנצח געווען דער פּאָעט, דער ייִדישער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער.

בײַם לייענען די פּאָעמע געהיימשטאָט
מיט איבער דרײַסיק יאָר שפּעטער

אַ סך זענען די סימנים וואָס זאָגן עדות וועגן דער גרויסקייט און פּולווערטיקייט פֿון אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש ווערק. איינער פֿון זיי איז בדוק ומנוסה: ווען מע לייענט איבער אַ בוך — נאָך אַ היפּשן צײַטאָפּשניט — ווידער אַ מאָל און עס מאַכט אויפֿן לייענער דעם זעלביקן, אָדער נאָך אַ שטאַרקערן רושם ווי עס האָט געמאַכט אויף אים בעת ער האָט עס געלייענט צום ערשטן מאָל; דערצו נאָך ווען בײַם לייענען אַ צווייטן מאָל אַנטפּלעקן זיך פֿאַרן לייענער נײַע מאָמענטן, קוואַליטעטן און באַטײַטן, וואָס ער האָט זיי בײַם לייענען דעם פֿריִער־דיקן מאָל ניט באַמערקט, ניט דערזען, איז דאָס אַ זיכערער באַווײַז אַז מע האָט פֿאַר זיך אַ ווערק פֿון גרויסן ווערט, אַ ווערק וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פֿון דער צײַט און איז, בכן, פֿאַרזיכערט מיט דער ברכה פֿון דויער.

□

אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע געהיימשטאָט איז אַרויס אין בוכפֿאָרעם אין 1948 (געשריבן האָט ער זי אין מאָסקווע, לאָדזש, פּאַריז אין די יאָרן 1945—1947) און זי האָט דעמאָלט געמאַכט אויף מיר, ווי אויף אַ סך אַנדערע, אַ שטאַרקן רושם. ווען איך בין איצטער, אין 1980, צוגעטראָטן צו לייענען די פּאָעמע נאָך אַ מאָל האָט דאָס האַרץ אין מיר אַ ביסל געציטערט. וואָרעם ס'איז ניט קיין נײַס, אַז אַ סך ביכער וואָס האָבן בײַם ערשטן מאָל לייענען עושה רושם געווען, האָבן בעת מע האָט זיי, אין אַ צײַט אַרום, ווידער געלייענט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן פֿרעגצייכן, און דער פֿרעגצייכן איז געווען: וואָס אַזוינס האָט אין דעם ווערק אַזוי פֿאַרכאַפּט בעת איך האָב עס געלייענט צום ערשטן מאָל? כ'וואָלט דאָ געקענט אויסרעכענען אַ צאָל ווערק פֿון דער ייִדישער און דער ניט־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס בעתן לייענען זיי נאָך אַ מאָל האָב איך געמוזט פֿעסטשטעלן אַז זייער אַמאָליקער פּאַרפֿום־ריח האָט מיט דער צײַט זיך אויסגעוועפּט און אַז דער צויבער וואָס האָט אַ מאָל מיך אַזוי פֿאַרכישופֿט איז ערגעץ ווו פֿאַרשוווּנדן און אויסגעלאָשן געוואָרן, כּאילו ער וואָלט גאָר פֿריִער ניט געווען און וואָלט ניט געווען די סיבה צוליב וועלכער כ'האָב די ווערק איבערגעלייענט נאָך אַ מאָל.

היות אַבֿרהם סוצקעווער איז איינער פֿון מײַנע סאַמע נאָענטסטע און באַליבטסטע פּאָעטן, פֿריי איך זיך צו קאָנען זאָגן, אַז די פּאָעמע געהיימשטאָט וואָס איך האָב איצטער ווידער איבערגעלייענט האָט אויף מיר געמאַכט אַ נאָך שטאַרקערן רושם

ווי בעת איך האָב זי געהאַט געלייענט צום ערשטן מאָל. וואָרעם בײַם לייענען די פּאָעמע מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק בין איך נאָך ניט געהאַט געקומען צו אַ טאָלק מיט זיך אַליין בנוגע דער דיסקוסיע וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט און דאָס איז געווען, ווי מיר געדענקען, די דיסקוסיע וועגן דעם צי מע קאָן שאַפֿן קונסטווערק פֿון דעם חורבן־גרויל וואָס אונדזער דור האָט אָקערשט געהאַט איבערגעלעבט. אמת, יעקבֿ גלאַטשטיין און אויך אַנדערע האָבן שוין געהאַט דערוויזן, אַז אַפֿילו די איכה ישבֿה בדד־קינה, וואָס די מסורה שרײַבט זי צו דעם נבֿיא ירמיה, איז געשריבן געוואָרן אין די קלאַסישע פֿאָרמען פֿון דער דעמאָלטיקער פּאָעטיק און זי האָט אין אַ באַשטימטער מאָס געדינט ווי אַ מוסטער פֿאַר די וואָס האָבן שפּעטער געשריבן ענלעכע ווערק פֿון פּײַן און טרויער; אמת איז אויך אַז די קינות און סליחות וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך די פּיטנים פֿון מיטל־עלטער (וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען גרויסע לומדישע אויטאָריטעטן און פּוסקים אין ייִדישן לעבן) זענען געווען געשריבן לויט די פּאָעטישע נאָרמעס פֿון זייער צײַט און זיי זענען אַפֿילו אין זייער פּראָזאָדישער טעכניק מושפּע געוואָרן פֿון די ניט־ייִדישע פּאָעטן פֿון יענער עפּאָכע. פֿון דעסטוועגן איז די דערמאָנטע שאלה וועגן דער דער־לויבטקייט צו שאַפֿן קונסט פֿון דעם חורבן־גרויל אין אונדזער צײַט נאָך אַלץ ניט געווען פֿאַרענטפֿערט און זי האָט אין אַ באַשטימטער מאָס געשטערט אויפֿ־צונעמען די פֿולווערטיקייט און שיינקייט פֿון געהיימשטאָט, וואָס איז אַ ווערק פֿון גרויסן קינסטלערישן פֿאַרנעם. וואָרעם די דעמאָלטיקע טענה פֿון חיים לי־בערמאַן, ווי אויך פֿון אַנדערע וואָס זענען געגאַנגען אין זײַנע פֿוסטריט, איז געבליבן אַ טענה און ס'איז געהאַנגען דער פֿראַגצייכן, צי איז בכלל מעגלעך צו שאַפֿן פֿון דעם חורבן־שטאָף ליטעראַטור.

ווייסן מיר דאָך אַז קונסט פֿאַרשאַפֿט געניוס, אמת טאַקע, דעם איידלסטן, דעם רוחניותדיקסטן געניוס. איז אָבער מעגלעך צו רעדן וועגן געניוס בעת די טעמע איז דאָס אויסגעהרגעטע ייִדישע פֿאָלק? איז מעגלעך בעתן לייענען אָט דעם שוידער פֿון פּײַן און אומקום הנאה צו האָבן פֿון שיינקייט? אַפֿילו אַהרן צייטלין, געדענקט זיך, וואָס האָט אַליין געשריבן קינה־לידער וועגן חורבן, האָט מיט דער אַ פּראָבלעם זיך געראַנגלט און צו מאָל געהאַט צו זיך טענות הלמאַי ער פֿאַרווערטערט און פֿאַרליטעראַטורעוועט דעם חורבן; אָבער פֿון דער צווייטער זײַט האָט ער געוווסט, אַז אויף קיין אַנדער אופֿן וועט מען דעם חורבן־גרויל ניט געשטאַלטיקן און ניט אײַנמויערן אין זכרון פֿונעם פֿאָלק.

□

בעת איך האָב איצטער, מיט איבער דרײַסיק יאָר שפּעטער, געלייענט אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע געהיימשטאָט, איז די דאָזיקע שאלה פֿאַר מיר שוין ניט געשטאַנען, וואָרעם די צײַט אַליין האָט זי פֿאַרענטפֿערט. איצטער ווייסן מיר, אַז כאָטש געוויסע אַרגומענטן פֿון חיים ליבערמאַן און זײַנע אָנהענגערס זענען געווען ריכטיקע, איז אָבער זייער אויספֿיר געווען ניט קיין ריכטיקער, ווײַל אָן

דעם אַז מע זאָל זיך באַניצן מיט די מיטלען און די פֿאָרמען פֿון דער קונסט וואָלט מען קיין מאָל ניט געוועזן פֿאַרפּיקסירט דאָס אַלץ וואָס יִדן האָבן איבער־געלעבט בעת דער קאַטאַסטראָפֿע וואָס היטלער, ימח שמו, האָט אויף אונדז געבראַכט. כּדי דאָס איבערגעלעבטע זאָל פֿאַרקריצט ווערן אין אונדזער פֿאָלקס־זכּרון האָט מען זיך געמוזט באַניצן מיט די מיטלען פֿון דער קונסט און במילא — מיט שאַפֿן קונסט. יאָ, קונסט וואָס אין אַ געוויסן זינען האָט מען הנאה פֿון איר שיינקייט! דאָס איז פּאַראַדאָקסאַל, ווײַל ווי קאָן מען גאָר טראַכטן וועגן דער שיינקייט פֿון אַ פּאָעטישן מעטאַפֿער, פֿון אַ נײַ־קלינגענדיקן גראַם, פֿון אַ וואָרטבילד, בעת די טעמע איז די אומקומפּײַן פֿון אַ פֿאָלק? אָבער דאָס לעבן איז פֿול מיט פּאַראַדאָקסן וואָס ניט אַלע קאָנען מיר און ניט אַלע זענען מיר מחויב צו דערקלערן. אייגנטלעך איז דאָך די קונסט אייביק געווען דער פּאַראַ־דאָקס פֿון פֿאַרוואַנדלען געוויין אין געזאַנג, פֿון פֿאַרוואַנדלען דעם יאָמער אין מוזיק, פֿון פֿאַרוואַנדלען די גרויע וואָר פֿון לעבן אין דעם פֿאַרביקן חלום פֿון דער פּאָעזיע. אויב אַזוי, טאָ פֿאַר וואָס זאָלן מיר אָט די שאלה שטעלן דווקא בנוגע דער חורבן־ליטעראַטור, בנוגע דער פּאָעזיע, וואָס דער מקור פֿון איר אינספּיראַציע איז דער גרויל וואָס אונדזער פֿאָלק האָט איבערגעלעבט?

דעריבער זאָג איך טאַקע, אַז איצט בײַם לייענען די פּאָעמע געהיימשטאָט אין אַזוי פֿיל יאָרן אַרום ווידער אַ מאָל, האָט זי אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקערן אײַנדרוק ווי בעתן לייענען זי מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק, צום ערשטן מאָל. וואָרעם איצט זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די שטערונגען וואָס האָבן מיך אַ מאָל געבונדן, כאָטש די פּאָעמע האָט, ווי געזאָגט, אויך בײַם ערשטן מאָל לייענען געמאַכט אויף מיר און אויף מײַנע בני־דור אַ שטאַרקן רושם.

בײַ דער געלעגנהייט וואָלט אפֿשר כּדאַי געווען אַרײַנצוגיין אין דער סוגיא וואָס ש. ניגער האָט אַ מאָל באַרירט און דאָס איז די פּראָבלעם וועגן דעם שעפֿערישן שותּפֿות צווישן שרײַבער און לייענער. וואָרעם פֿון דעם דערציילטן פֿאַל מיט סוצקעווערס געהיימשטאָט איז דאָך צו זען, אַז דער לייענער איז אַ שותּף צו דער יצירה פֿונעם קינסטלער. אַ ראיה: איז דער לייענער צוליב וועלכע עס איז טעמים ניט־דיספּאָנירט, אָדער ער איז דיספּאָנירט קעגן דעם ווערק, אַזוי בעמט ער עס מער ניט אויף און בלײַבט פֿאַרשלאָסן פֿאַר דעם וואָס דאָס ווערק איז אים מסוגל צו געבן.

אין אונדזער צײַט רעדט מען אַ סך וועגן דער הערמעטישער פּאָעזיע. מע וואָלט אָבער אויך געדאַרפֿט רעדן וועגן דער הערמעטישקייט פֿון לייענער בנוגע גע־וויסע מינים פֿון דיכטונג, אָדער קונסט. דאָס הייסט, אַז ניט נאָר די קונסט, די פּאָעזיע איז הערמעטיש, נאָר אויך דער לייענער אָדער אַ באַשטימטער מין לייענער איז הערמעטיש (פּערמאַנענט אָדער צײַטווײַליק) לגבי געוויסע מינים קונסט צוליב די אָדער אַנדערע פּסיכישע צוימונגען און שטערונגען.

סוצקעווערס פּאָעמע געהיימשטאָט איז געליבט געוואָרן מחמת זי איז, אין אַ געוויסן זינען, אַלעגאָריש, אָבער דער עיקר — סימבאָליש און זי ברענגט אונדז

אין די ראַמען פֿון ׳אַ פֿאָלק זאָלבע צענט׳ די גרויסע, גרויזאַמע טראַגעדיע פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט פֿאַרלוירן זעקס מיליאָן פֿון זײַנע זין און טעכטער, איבער־לעבנדיק דערבײַ די גרעסטע גרוילן וועלכע זענען באַקאַנט דעם מענטשלעכן מין. באַניצנדיק אַ באַנאַלן אָבער אמתדיקן אויסדרוק דאַרף מען זאָגן, אַז אַבֿרהם סוצקעווער האָט אונדז געוויזן אַ טראָפּן, וואָס ער שפּיגלט אָפּ דעם גאַנצן ים, דעם ים פֿון ייִדישער פּײַן. דעם דאָזיקן ים־טראָפּן לויכט סוצקעווער פֿאַר אונדז אויף אין זײַן שאַפֿונג מיט דער גאַנצער פּילפֿאַרביקייט פֿון זײַן קינסטלערישן ספּעקטער און עס באַקומט זיך אַ ווערק אַ יחיד־במינו, אַ ווערק וואָס איז רעאַ־ליסטיש און געטרײַ דערווירקלעכקייט, גילטנדיק ממש ווי אַ דאָקומענט און, פֿון דער צווייטער זײַט, איז עס אַ ווערק וואָס איז פֿאַנטאַסטיש, אַפּאָקאַליפּטיש און ס׳רירט אָן סטרונעס וועלכע ציטערן מיט ניגונים פֿון יענער זײַט לעבן, מיט דער מיסטיק פֿון ייִדישן זײַן, מיט דער מיסטעריע פֿון דער עקסיסטענץ.

□

די רעאַלקייט פֿון איין זײַט און די סימבאָלישקייט פֿון דער אַנדערער זײַט זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווערס אַלע שאַפֿונגען, סײַ אין דער פּאָעזיע, סײַ אין דער פּראָזע. אין דער פּאָעמע געהיימשטאָט האָט סוצקעווער דערגרייכט דעם שלמותדיקסטן זיווג פֿון די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפֿטן און דעריבער קאָן מען זאָגן, אַז די פּאָעמע איז אַן ערשטמאָליקע דערשײַנונג אין אונדזער ליטע־ראַטור און זי וועט ווי אַזאַ בלײַבן אַ מוסטערווערק אויף דורות און דורות. אין זײַן אַרײַנפֿיר־ליד צו דער פּאָעמע זינגט דער דיכטער (יאָ, ער זינגט כאָטש דער שטאָף איז אַזאַ יאָמערדיקער):

איך לעב! מיר איז באַשערט געווען צו זײַן
אַ גרויזיק־שטילער לאָקערדיקער עדות
פֿון פּײַן, וואָס מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן.
פֿאַרנעמסטו דורך אַ וואָלקן ווען איך רייד עס?

דאָס פֿאַרוואַנדלען פּײַן אין שײַן איז דער סוד און דער פּאַראַדאָקס פֿון דער קונסט און דאָס איז דער עיקר די גרויסע עבֿודה פֿון דעם דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער וועלכער דערזעט, (ווי ער דערציילט אין זײַנס אַ ליד) אין אַ צעשניטענעם וואָרעם די קדושה פֿון לעבנס־ווילן. וואָס שייך זײַן דערזען די מיסטעריע הינטער דער רעאַליטעט, קומט עס צום אויסדרוק אין די ווײַטערדיקע שורות פֿון דעם זעלביקן אַרײַנפֿיר־ליד אַווו ער ווענדט זיך צו דעם ׳מאָרגנקינד׳ און דאָס הייסט: צו דעם ייִדישן פֿאָלק פֿון מאָרגן:

דו מאָרגנקינד! קום נענטער און איך וועל
פֿון ווערטערפֿאַרבן מאָלן דיר אַ ווינקל
פֿאַרנאָגלט אין דער וואָר. און זאָל ס׳געמעל
אין דײַנע חושים געבן אַ צעפּינקל,

אַנטפּלעקן די נשמה, ווי אַ קוואַל
אַנטפּלעקט דעם אוראַלט ריזלענדיק דורך היילן.
אָ, ווערטער, שאַטנס פֿון מײַן בלוט און גאַל,
איך קלאַמער זיך אָן אײַך און פּרוּוו דערציילן:

דער פֿאַנטאַסטישער ווינקל וואָס דער פּאָעט מאָלט אונדז אין זײַן פּאָעמע איז פֿאַרנאָגלט אין דער וואָר פֿון דער געטאָ. ריכטיקער: אין די קאַנאַליזאַציע־רערן פֿון ירושלים־דליטא, ווען די געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן. און סע שפּיגלט אָפּ בזעיר־אַנפּין די געטאָ אונטער דער ערד מיט איר מענטשן־צוזאַמענשטעל און מיט אירע קאָשמאָרן און אַפֿילו מיט איר תּלין־הומאָר. דערבײַ ברענגט דער דיכטער אַרויס בילדער וואָס זענען לא מעלמא הדין, ניט פֿון דער רעאַלער וועלט און מיר דערפֿילן תּיכּף אַז מיר זענען אַרײַן אין אַ וועלט פֿון ערשטמאָליקייט, אין אַ וועלט וואָס האָט פֿריִער, פֿאַר דער געטאָ, ניט געקענט פֿאַרויסגעזען ווערן.

געדענקסטו די האַרבסטזון, וואָס האָט אירע שפּינען
געשיקט צו פֿאַרוועבן די הײַזער מיט שׂרפֿות?
געדענקסטו די מענטשן אין יענעם באַגינען,
צעשויבערט ווי ניט קיין דערקוילעטע עופֿות?
אין טיגל פֿון ייִדפֿאַרגאַנג האָט זיך געשמאָלצן
אַ זילבערנער לײַכטער, אַ קוימען, אַ רינגע,
צעשפּליטערטע שויבן, פֿאַרסאַזשעטע האָלצן,
דער שולהויף, די בוינע, דער צאָרן, די שׂינאה,
די ביקס אויפֿן טורעם, דאָס קינד אינעם וויגל,
און אַלע געשטאַלטן דערטרונקען אין שפּיגל.

די בילדער זענען גענומען פֿון דער געטאָ־רעאַליטעט און דאָך שוועבט איבער זיי די מיסטעריע וואָס נאָר דער דיכטער האָט זי אַזוי ממשדיק דערשפּירט אין דעם חורבן פֿון זײַן ייִדנוועלט. פּאָעזיע איז אָפּט קפֿיצת־הדרך בײַם ברענגען צום אויסדרוק די געפֿילן און די דערזעונגען וואָס דער פּאָעט וויל איבערגעבן זײַן לייענער. אָט דעם געדאַנקלעכן און בילדערישן קפֿיצת־הדרך האָבן מיר אין די ציטירטע שורות וועגן דער האַרבסטזון וואָס האָט געשיקט אירע שפּינען צו פֿאַרוועבן די הײַזער מיט שׂרפֿות. מיר האָבן דאָ אַן אַסאָציאַציע מיט חורבן־ירושלים, וואָס לויט דער פֿאָלקס־לעגענדע האָבן די שפּינען געטראָגן פֿײַער צו דעם בית־המקדש. אַזעלכע קפֿיצת־הדרכדיקע אַסאָציאַציעס זענען בײַ סוצקעווערן אין זײַן פּאָעמע און אין זײַנע לידער פֿאַראַן אויף טריט און שריט.
כאָטש דער פּאָעט זאָגט בײַם סוף פֿון דער פּאָעמע אַז ער האָט 'ניט געזונגען סתּם', נאָר ער האָט געמוזט 'אַרויסוויִען פֿון זיך די קאַנאַליאַדע', איז אָבער דווקא דאָס געזאַנג דאָס ניכּרדיקסטע אין זײַנע פֿערזן און דווקא דאָס דאָזיקע געלײַטערטע געזאַנג וואָס פֿאַרוואַנדלט פּײַן אין שײַן מאַכט אַזאַ גרויסן אײַנדרוק

אויפֿן לייענער. פֿון דעסטוועגן איז ניט מעגלעך ניט צו באַמערקן די עפּישע עלעמענטן אין דעם ווערק, וואָס אין אַ באַשטימטער מאָס שטײַגן זיי אַפֿילו אַריבער די עפּיק פֿון זײַן פּראָזע. אויסן בין איך דאָ בעיקר סוצקעווערס שילדערן די באַוווינערס פֿון דער געהיימשטאָט וואָס געפֿינט זיך אין די שטאָטישע קאַנאַלן, ווי אויך די טוונגען און האַנדלונגען וואָס דער פּאָעט ווײַזט אונדז אין גאַנג פֿון זײַן סיפּור־המעשׂה. יאָ, די פּאָעמע געהיימשטאָט פֿאַרמאָגט אַ סיפּור־המעשׂה מיט איבעראַשנדיקע ווענדונגען און שפּאַנונגען; זי פֿאַרמאָגט אַפֿילו שילדערונגען פֿון אַ שטייגער וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר צײַט און אָרט. אָבער דאָס עיקרדיקסטע: זי פֿאַרמאָגט געשטאַלטן, טיפּן און אַפֿילו העלדן וואָס יעדער פֿון זיי האָט ניט נאָר זײַן אייגן פּנים, נאָר אויך זײַן אייגענעם כאַראַקטער און זײַן באַזונדערן גורל אין דעם געוועב פֿון אַלגעמיינעם ייִדישן גורל:

מיר זענען געווען זאַלבע צענט אונטערערדיק,
נאָר איטלעכער שאָטן — געחלומט באַזונדער.

סוצקעווער דערציילט אונדז אָבער — ניט בלויז וועגן די באַזונדערע חלומות פֿון איטלעכן פֿון זײַן ׳זאַלבע צענט׳־מדינה, נאָר דער עיקר וועגן דעם וואָס פֿאַראייניקט זיי, און דאָס וואָס פֿאַראייניקט זיי איז דער קאַשמאַר אין וועלכן זיי לעבן און אין וועלכן זיי האַנדלען כּדי צו בלײַבן לעבן. דעריבער זעען מיר אין די דאָזיקע טיפּן און געשטאַלטן סײַ זייער רעאַל פּרצוף־פּנים, סײַ זייער סימ־באָלישע צורה וואָס איז ערגעץ ווו איבער דער צײַט און איבער די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין וועלכע זיי געפֿינען זיך. אוודאי וואָלט מען געקענט איטלעכן איינעם פֿון זיי אַנאַליזירן און, אַזוי צו זאָגן, פּסיכאָגראַפֿירן און עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּאָעט האָט אויף אַ מײַסטערדיקן אופֿן געשאַפֿן פֿאַר אונד־זערע אויגן אַ פֿאָלק אין מיניאַטור, וואָס האָט אָבער אין זיך אַלע שטריכן פֿון דעם פֿאָלק וואָס איז פֿאַרטיליקט געוואָרן דאָרטן אויבן אין געטאָ.
אין סוצקעווערס אונטערערדישער קאַנאַלן־שטאָט געפֿינט זיך די שארית־הפּליטה פֿון אַ פֿאָלק וואָס באַשטייט פֿון צען מענטשן, אָבער זי איז כּולל אין זיך דאָס זעקס־מיליאָניקע פֿאָלק, וואָס איז אַזוי מערדעריש אומגעבראַכט געוואָרן.

□

אויך די געשעענישן וואָס קומען פֿאַר אויפֿן שטח פֿון דער צײַט וועגן וועלכער די פּאָעמע דערציילט, שילדערט און באַזינגט, זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון די אומקומיאָרן. און דאָך אַנטפּלעקן זיי (ווען מע באַנעמט זייער טיפֿערן באַטײַט) די סימבאָליק פֿון אונדזער גלות־געשיכטע אין וועלכער אונדז איז אַ סך, אַ סך מאָל אויסגעקומען צו פֿאַרשווינדן פֿון דער אייבערפֿלאַך און צו פֿאַרגראָבן זיך אין דער אונטערערד בכדי איבערצודויערן די סכּנה וואָס די שׂינאה האָט אויף אונדז געבראַכט.

שמעון דובנאָוו האָט געהאַלטן, אַז דער גרעסטער וווּנדער פֿון אונדזער געשיכטע־לעכער עקסיסטענץ איז דאָס, וואָס מיר האָבן אין די אומנאָרמאַלסטע באַדינגונגען אויפֿגעהאַלטן אונדזער נאָרמאַליטעט ווי אַ פֿאָלק. אין סוצקעווערס געהיימשטאָט זעען מיר בפֿירוש דעם דאָזיקן פֿענאָמען: אין דער אונטערערד פֿון דער קאַנאַליזאַציע באַהאַלטן זיך די אַנטרונענע פֿון טויט וואָס די טויט־סכּנה לאַקערט אויף זיי איטלעכע מינוט, און דאָך לעבן זיי אַ נאָרמאַלן לעבן, אין דעם זינען וואָס זיי האַנדלען און רעאַגירן ווי מענטשן (ווי מענטשן אין זייער סיטואַציע) און חוץ־לזה הערן זיי ניט אויף צו זײַן אַ פֿאָלק אַפֿילו דעמאָלט ווען זיי זענען זאַלבע צענט און זיי זענען בלויז די שארית־הפּליטה פֿון סבֿיבֿות אינעם פֿאָלק וואָס זענען אין אַמאָליקן לעבן אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון דער ערד געווען ווײַט איינער פֿון אַנדערן:

> אַ פֿאָלק זאַלבע צענט! און מיט אײַנזען און כּבֿוד
> האָט פֿאַליע אַ פֿונקציע פֿאַרטיילט יעדער איינעם,
> צו אויספֿילן פּינקטלעך ביז קומען די שעה ווען
> פֿון אויסלייז פֿאַר אַלע קאַנאַלענע שכנים.

עס וואָלט זיך בפֿירוש געוואָלט רעדן און אַרומרעדן יעדן איינעם פֿון די קאַנאַל־באַוווינערס און דאָס וואָס ער שטעלט מיט זיך פֿאָר (די פֿונקציע וואָס ער פֿילט אויס) אין דעם 'פֿאָלק זאַלבע צענט'; עס וואָלט זיך אויך געוואָלט אָפּשטעלן אויף די געשעענישן וואָס דער פּאָעט דערציילט וועגן זיי און שילדערט זיי אינעם ריטעם פֿון זײַן פּאָעמע. דאָס איז אָבער אַן אַרבעט וואָס פֿאָדערט אַ סך הרחבֿת הדעת און איך וועל זי איבערלאָזן אויף אם ירצה השם. דאָ וויל איך בלויז דערמאָנען, אַז אין דער פּאָעמע הערן מיר נאָך דעם אָפּקלאַנג פֿון די דיסקוסיעס אין געטאָ, וואָס האָבן אויך אַ היפּשע צײַט שפּעטער באַשעפֿטיקט די מוחות פֿון טראַכטערישע ייִדן. עס האַנדלט זיך אין דער דיסקוסיע וועגן דעם ציל דער אויפֿגאַב פֿון דער ייִדישער יוגנט אין די געטאָס איז געווען צו מאַכן אויפֿשטאַנדן אין די געטאָס גופֿא, אָדער זי האָט געדאַרפֿט שטרעבן (דאָרטן ווו עס זענען געווען די מינדסטע מעגלעכקייטן דערצו) זיך אַרויסצורײַסן אין וואַלד אַרײַן כּדי אַקטיוו צו העלפֿן שלאָגן די נאַציס מיט געווער אין די הענט. סוצקעווער אַליין, וואָס האָט זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעריסן פֿון געטאָ אין פּאַרטיזאַנישן וואַלד, האָט אין געהיימשטאָט באַרירט די דאָזיקע דיסקוסיע און זײַן אויספֿיר איז, אַז כאָטש פֿאַליע בלײַבט מיט דער קליינער גרופּע ייִדן אין דער קאַנאַלן־שטאָט, פֿילט ער אָבער פֿאַר זײַן ייִדיש־מענטשלעכן געוויסן־חובֿ עפּעס צו טאָן כּדי צו העלפֿן דעם קאַמף קעגן די דײַטשן, און דעריבער פּראָוועט ער טעראָר ביחידות מיט זײַן אַליין געשאַפֿענער באָמבע. דער אמת איז, אַז בײַם הײַנטיקן טאָג וואָלט סוצקעווער געקענט קומען צום אויספֿיר, אַז דאָס ראַטעווען ייִדן אין דער געהיימשטאָט איז אַליין און פֿאַר זיך באַרעכטיקט ווי אַ ציל אין קאַמף קעגן דעם היטלעריזם.

אַז סוצקעווערס פּאָעמע געהיימשטאָט איז אַ ווערק פֿון גרויסן קינסטלערישן פֿאַרנעם און ווערט, דאָס האָב איך שוין פֿריִער געזאָגט און איך וואָלט דאָ געדאַרפֿט ציטירן הונדערטער און הונדערטער שורות, בילדער, מעטאַפֿערס און אויסדרוקן וואָס באַווייַזן עס. גענוג איז אָבער איבערצולייענען דאָס קאַפּיטל וואָס שילדערט ווי אַזוי דער רעגן אין דרויסן ענדערט דעם פּלייץ פֿון די וואַסערן אין דער קאַנאַלן־שטאָט און ווי דער פּאָעט דערהערט אָט דעם פּלייץ ווי אַ מין מיסטעריעזע, אייגנאַרטיקע און טראַגישע סימפֿאָניע וואָס ווערט אויסגעשפּילט אויף די אָרגלען פֿון די קאַנאַל־רערן, כּדי צו קומען צו דער מסקנא, אַז אַזאַ הויך־קינסטלערישע שילדערונג איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט בנימצא און ווער ווייסט צי זי איז יאָ בנימצא אין אַנדערע גרויסע ליטעראַטורן.

□

בייַם לייענען אַבֿרהם סוצקעווערס געהיימשטאָט, מיט צוויי און דרייַסיק יאָר שפּעטער ווי זי איז געלייענט געוואָרן צום ערשטן מאָל, גלייַך ווי זי איז אַרויס אין בוכפֿאָרעם, איז מייַן אויספֿיר, אַז דאָס דאָזיקע ווערק געהערט צו די אייביקייט־אוצרות אין אונדזער ליטעראַטור און וואָס מער מיר וועלן די פּאָעמע לייענען, אַלץ מער וועט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקן איר גרויסקייט, איר שיינקייט און איר ווערטיקייט. ס׳איז אַ ווערק וואָס איז אייגנאַרטיק אין סוצקעווערס שאַפֿן און אייגנאַרטיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

פּרקים אין דער פּאָעטישער מסכתּא: אַבֿרהם סוצקעווער

הקדמה

ס׳איז אָנגענומען, אַז די זריעה פֿון איבערלעבענישן און זכרונות דאַרף ליגן לאַנגע ווינטערס אינעם אינגעווייד פֿון דעם דיכטערס ערד, כּדי אין איינעם אַ פֿרילינג אויפֿצוגיין מיט שאַפֿערישן צוויט. דאָס איז מסתּמא דער זינען פֿון רײַנער מאַריִאַ רילקעס אַרויסזאָג, אַז ׳דיכטן הייסט — זיך דערמאָנען׳ און דאָס איז אויך דער מיין פֿון הײַנעס באַרימט וואָרט, אַז די שענסטע מײַלידער שרײַבט מען ווינטער בײַם וואַרעמען אויוון, בעת אין דרויסן איז אַ שאַרפֿער פֿראָסט.
וויל עס זאָגן, אַז אויך אין דער קונסט איז די מעוברתדיקייט אַן אומבאַדינגטער פּראָצעס צווישן דער באַפֿרוכפּערונג און דאָס געבוירן. פֿון דעסטוועגן, כאָטש ס׳איז אמת אַז דער בעל־יצירה מוז האָבן אַ באַשטימטע צײַטדיסטאַנץ צווישן דער איבערלעבונג און דער קינסטלערישער אויספֿורעמונג, איז אָבער אויך אמת אַז אין דער פּאָעזיע (אַ סך מער ווי אין דער פּראָזע) איז אַ באַלדיק שאַפֿעריש רעאַגירן אויף איבערלעבנישן און אײַנדרוקן אַ מעגלעכע און אַפֿילו געוווּנג אָפּטע אַנטפּלעקונג. ווייסן מיר דאָך, אַז אין דער וועלט־ליטעראַטור זענען פֿאַראַן באַרימטע לידער, וואָס זענען נולד געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן. דאָס הייסט: זיי זענען געוואָרן אויסגעפֿורעמט, ניט געקוקט דערויף וואָס צווישן דער אינספּירירנדיקער איבערלעבונג און דעם אַקט פֿון שאַפֿן איז דער מרחק פֿון צײַט געווען לגמרי ניט קיין גרויסער.
בײַ אַבֿרהם סוצקעווער זענען פֿאַראַן פּאָעטישע ווערק פֿוןביידע מינים: צווישן זיי געפֿינען מיר די פּאָעמע «סיביר» און צווישן זיי געפֿינען מיר די פּאָעמע «צו פּוילן». אויף וויפֿל דער מקור פֿון דער ערשטער פּאָעמע זענען די זכרונות פֿון דער קינדהייט, אויף אַזוי פֿיל איז די צווייטע פּאָעמע אַ דיכטערישע רעאַגירונג אויף דער אַקערשטיקער שעה. ס׳איז דערבײַ איבעריק צוצוגעבן, אַז אלו ואלו, סײַ די ווערק פֿון ערשטן, סײַ די ווערק פֿון צווייטן מין זענען פֿון אַ גרויסן פּאָעטישן באַטײַט און זיי האָבן ניט בדעה צו פֿירן צווישן זיך קיין פֿאַרמעסט וועגן דער פּריִאָריטעט אין דער ווערטן־סקאַלע פֿון זײַן דיכטונג.
דאָס וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט איז גענוג קלאָר און סע פֿאָדערט ניט קיין באַזונדערע דערקלערונגען. צוגעבן דאַרף מען אָבער, אַז בעת מיר דערמאָנען די פּאָעמע «סיביר», צי די פּאָעמע «צו פּוילן», טוען מיר עס נאָר, פֿאַרשטייט זיך, לדוגמה. וואָרעם יצירות וואָס וואָרצלען אין די פֿריִע איבערלעבענישן זענען בײַ סוצקעווערן פֿאַראַן אַ סך, ווי למשל, «מײַן זיידנס פֿעדער», «די ציגעלניע»,

«מיין טאַטנס פֿידל» — אָנצורופֿן בלויז די דריי פּאָעמעס. פּונקט אַזוי געדענקען מיר, בעת מיר דערמאָנען די יצירות וואָס זענען געבוירן געוואָרן ווי באַלדיקע רעאַגירונגען אויף די איבערלעבענישן און איינדרוקן פֿונעם דיכטער, אַז צו זיי געהערן זיינע מערסטע געטאַלידער, ווי אויך די לידער געשריבענע אין מדינת־ישראל אונטערן דירעקטן רושם פֿון די היסטאָרישע געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט פֿאַר זיינע אויגן אין לאַנד.

ניט נייטיק צו באַטאָנען אויף וויפֿל די איבערלעבענישן פֿון דער קינדהייט פֿאַרמירן דעם דיכטערס 'איך' און אויף וויפֿל די זכרונות פֿון דעם דיכטערס בראשית אינטערוועניִרן אינעם אויפֿנעם, ווי אויך אינעם באַנעם פֿון די געשעענישן און איינדרוקן אין לעבן פֿון דעם דערוואַקסענעם קינסטלער. נאָך אַ פֿאַרטיפֿטן נאָכטראַכט קאָן מען דעריבער קומען צום אויספֿיר, אַז יעדער ליד וואָס אַ פּאָעט שרייבט אָן האָט הינטער זיך אַ 'היסטאָריע' וואָס איז אַ סך עלטער פֿון דער איבערלעבונג וואָס האָט זי אינספּירירט און טאַקע די אַ 'היסטאָריע' באַשטימט עס אַז דאָס ליד זאָל אויסגעפֿורעמט ווערן אַזוי און ניט אַנדערש. דאָס 'דערמאָנען זיך' אין פּראָצעס פֿון קונסט־יצירה האָט דעריבער ניט בלויז אַ שייכות צו דער אינספּיראַציע פֿון דער אָקערשטיקער איבערלעבונג, נאָר האָט אויך אַ שייכות און אַ גורלדיק־וואָגיקע, מיט די ווייטע איבערלעבענישן פֿון די קינדער־יאָרן וואָס האָבן געבערענגט דערצו, אַז דער פּאָעט זאָל פֿעיִק זיין זיך צו אינספּירירן פֿון די אַמאָליקע איבערלעבענישן. אָטאָ וויינינגער זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז אין דעם קליינעם מיידעלע לאָקערט שוין די דערוואַקסענע פֿרוי. דערקעגן אין דעם דערוואַקסענעם מאַן דרעמלט נאָך אַלץ דאָס קליינע יינגעלע... נעמט אָוועק דעם אַנטיפֿעמיניסטישן גיפֿט אין וויינינגערס באַהויפּט און איר וועט אים קאָנען אָנווענדן אויף איטלעכן שאַפֿערישן מענטש.

אין איטלעכן קינסטלער הויערט און לויערט דאָס קינד וואָס בלייבט אייביק; דאָס קינד וואָס זיין ערשטער חידוש פֿאַר דער אַנטפּלעקטער וועלט און זיינע ערשטע עמאָציעס און דערקענטעניִשן ביים אָנטרעפֿן זיך מיט דעם סודותדיקן אַרום פֿון דער קינדהייט, פֿאַרמירט זיין מהות, האָט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף זיין גאַנץ דערוואַקסן לעבן און בלייבט אויך דעצידירנדיק אַ גאַנץ לעבן. כּדאַי דאָ צו ציטירן פֿון ה. לייוויקס באַרימט ליד «דרעמלענדער יינגעלע»: "דרעמלענדער יינגעלע, / יינגעלע מיין, / קוק ניט צו מיר / אין די אויגן אַריין. — — / איך בין געשטאָרבן / און זע דורכן טויט: / דו—גאָר דער ערשטער / דער לעצטער פֿאַרגייט".

□

די גאַנצע מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע שטעלט דעם טראָפּ אויף די פֿריִע איבערלעבענישן און באַווירקונגען ווען עס גייט וועגן דעם גורל און כאַראַקטער פֿון מענטש און איבערהויפּט פֿון קינסטלער און דערפֿאַר זוכט אויך די ליטעראַטור־קריטיק דעם סוד פֿון שאַפֿן אין די ערשטיקע איבערלעבענישן פֿון דעם שרייבער.

לאָמיר איצטער פֿאַרענדיקן די אַבסטראַקטע חקירה, כּדי איבערצוגיין צו באַשטימטע קאָנקרעטע ווערק פֿון אַבֿרהם סוצקעווער און קודם־כּל צו זיין פּאָעמע «סיביר».

אויב מע זאָל וועלן, רעדנדיק פיגוראַטיוו, באַצייכענען סוצקעווערס שאַפן ווי אַ מאָנומענטאַלן, פילשטאָקיקן בנין, דעמאָלט וועט מען מוזן אָנבעמען, אַז די פּאָעמע «סיביר» איז דער פונדאַמענט פון דעם אַ קונסט־בנין. די פּאָעמע איז, קאָן מען אויך זאָגן, דער שליסל צו זיין פּאָעטישער וועלט און צו זיין אָריגינעלער, פילפאַרביקער פּאָעטישער פערזענלעכקייט.

די פּאָעמע «סיביר» איז די ׳טערא אינקאָגניטאַ׳ וואָס פּסיכאָלאָגן און מאָדערנע קונסטקריטיקער באַמיִען זיך צו פאָרשן ווען זיי גרונטעווען זיך אינעם פענאָמען וואָס הייסט: קינסטלער, גראָבנדיק דערבײַ אין די פאַרהוילענישן פון זײַן קינד־הייט, אין די ערשטע אײַנדרוקן און איבערלעבענישן פון זײַנע ווײַטע, פאַרנעפּלטע קינדעריאָרן.

נימצא, אַז ווער ס׳וועט זיך דערגראָבן צו דעם תּוך פון דער פּאָעמע, צו דעם קוואַל פון איר שיינקייט און אָריגינאַליטעט, וועט זיך אויך דערגראָבן צו דעם כּישוף־סוד פון סוצקעווערס פּאָעזיע, צו דעם סוד פון זען די וועלט אַזוי ווי ער, דער פּאָעט, זעט זי.

״דיכטונג — האָט איבסען געזאָגט — הייסט אָפּהאַלטן אַ מישפּט״. איבסען וויל האָבן, אַז דער דיכטער איז דאָס געוויסן פון דער וועלט און ער איז דער, וואָס מיט זײַן פּאָעטישער יצירה מישפּט ער, אי זיך, אי די וועלט. ווער האָט אָבער מחבר געווען דעם געוויסן־קאָדעקס וועדליק וועלכן דער אַ מישפּט ווערט געפירט? הוי אומר אַז אים האָט מחבר געווען גאָט אַליין איידער ער האָט אונדז פאַרטריבן פון דעם גן־עדן, פון דער קינדהייט.

אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע «סיביר» איז די פּאָעמע וועגן דעם פאַרלוירענעם גן־עדן. איר גרויסקייט באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ניט בלויז די פּאָעמע זינגט וועגן גן־עדן, נאָר זי פירט אונדז אין אים אַרײַן אויף אַ היפּשער צײַט און לאָזט אונדז זען די וועלט מיט יענעם אורבראשית, וואָס איז נאָך ניט פאַרטונקלט געוואָרן מחמת דעם חטא הקדמון.

□

ס׳איז כּדאַי זיך צוצוהערן צו דעם וואָס עס דערציילן מענטשן וועלכע האָבן סוצקעווערן געקענט נאָך דעמאָלט ווען ער איז געווען גאָר יונג, דעמאָלט ווען ער האָט נאָר וואָס געשטעלט זײַנע ערשטע דיכטערישע טריט.

מיכאל אַסטור, דעם דיכטערס אַ נאָענטער יוגנט־חבֿר, דערציילט אַז סוצקעווער האָט שוין ווי אַ זיבעצן־יעריקער בחור זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרײַבן די פּאָעמע «סיביר». ער האָט אַ סך דערציילט וועגן זײַנע סיבירער קינדעריאָרן און האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער פּאָעמע. צום סוף, אַזוי דערציילט אַסטור, האָט ער די דרויסנדיקע מאַטעריאַלן אָפּגעוואָרפן און האָט די פּאָעמע אָנגעשריבן, אַרויסברענגנדיק אין איר זכרונות וועלכע זענען פאַר אים אַליין געווען אַן אַנטפּלעקונג און וואָס ער האָט אפשר פריִער ניט געוווסט אַליין, אַז די זכרונות געפינען זיך אין זײַן זכרון:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פּידעלע פֿון וואַנט. און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ.
שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
איבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.
דורך אַן אײַזיק אָנגעפּעלצטן שײַבל
שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש פֿון דער מוזיק.
שטיל. אין אונדזער טויבנשלאַק אַ טײַבל
פּיקט זיך פֿון אַן אייעלע, פּיק־פּיק.

אין דער פּאָעמע איז אַבֿרהם סוצקעווער אַ ייִנגל פֿון זיבן יאָר. מיר קומט אָבער אויס, אַז ער איז ייִנגער ווי זיבן, וואָרעם ווערליק די ׳זיסע דרעמלפֿאַרבן אין געמיט׳ און ווערליק דעם, ווי דער וואָלף שמעקט צום ׳פֿלייש פֿון דער מוזיק׳, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פֿריִערדיקער צײַט אינעם לעבן פֿון דיכטער. מיר דרינגען עס אויך דערפֿון וואָס אינעם ליד זײַנס «די פֿאַרפֿרוירענע שיף», געשריבן אין 1956, צוואַנציק יאָר נאָך «סיביר», זינגט דער פּאָעט אַזוי:

איך האָב זי דערזען און געבענטשט אין סיביר,
אַט נעכטן — ווען איך בין געווען אַ יאָר פֿיר,
באַגלייט פֿון אַ הונט איבער שנייענס געשליף.
בלויהאָריקע וויוגע, אַנטפּלעק מיר די שיף!

ס׳געדענקט זיך, אַז בעת יעקבֿ גלאַטשטיין האָט געוואָלט אַרויסברענגען צום באַוווסטזײַן אַ ריי מאָמענטן פֿון דער קינדהייט, פֿאַרשאַטענע מיט דעם שיכּחה־שטויב פֿון אונטערבאַוווסטזײַן, האָט ער עס געטאָן מיט דער מאַגיע פֿון די צעשטאַמלטע קלאַנגען פֿון קינד אײדער עס באַהערשט דאָס לשון. סוצקעווער איז יענע פֿאַזע שוין אַדורכגעגאַנגען. זײַן זיבן־יעריק ייִנגל איז אפֿשר ייִנגער ווי זיבן יאָר, אָבער די זכרונות וואָס שטראָמען־אָן אין זײַן זכּרון מיט דער האָס־טיקייט פֿון אַן אַנטפּלעקונג זענען שוין געפֿאָרעמט דורך אַ קינסטלער וואָס האָט דעם טאַלאַנט צו שילדערן און מאָלן דאָס פֿאַנטאַסטישע מיט אַלע מיטלען פֿון פּאָעטישן אויסדרוק.

□

ווי יעדער גרויסער פּאָעט איז אויך סוצקעווער רײַך מיט פֿאַנטאַזיע, אָבער וואָס נאָך וויכטיקער איז די רײַכקייט זײַנע אין וויזיע. די פֿאַנטאַזיע מוז ניט אָפּהיטן די דימענסיעס פֿון דער רעאַליטעט. דערקעגן די וויזיע מוז דאָס אויסטערלישע (די מעשׂי מרכּבה בײַ דעם נבֿיא יחזקאל) אַרויסברענגען מיט אַדעקוואַטע רעאַ־ליסטישע מיטלען:

די סימנים־לאַפּעס, וואָס אַ חיה
האָט פּאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי,
ווען די זון, אַן אומבאַקאַנטע, נײַע,
האָט דערלאַנגט איר שפּיזיקן געשריי —
זענען קוים באַגילדט פֿון אויבן. אונטן
פֿינצטערט נאָך. די וואָרצלען פֿונעם וואַלד
קריצן מיט די ציין אין טיפֿע גרונטן.
פֿונעם הונט, געשפּאַנט אין שליטן, פּראַלט
לעבעדיקער דאַמף. דער דאַמף באַגעגנט
שטײַגנדיק אַ קוימענרויך וואָס העלט
און אַ מענטשן־אָטעם פֿון דער געגנט —
ביז אין לופֿט בלײַבט הענגען אַ געצעלט.

ס'איז גענוג צו אַנאַליזירן די צוועלף שורות כּדי צו קומען אויף די שפּורן פֿון סוצקעווערס פּאָעטישער אָריגינעלקייט און זײַן שאַפֿערישן כּוח. די בילדער זענען דאָ געמאָלן מיט אַ שאַרפֿער רעאַלקייט, מיט אַלע פּרטים — אַזש ביז צום פּרט פֿון דער פּאַרע וואָס גייט אויף אין דער הויך פֿון דעם הונט בײַם שלעפּן דעם שליטן אין פֿראָסט, אָבער דאָס וואָס ווערט געמאָלן און געשילדערט מיטן קינסטלערישן רעאַליזם, איז די וויזיע אין וועלכער די זון שרײַט און די וואָרצלען קריצן מיט די ציין. ס'איז די וויזיע פֿון אַ וועלט און אַ צײַט וואָס איז מחוץ דער רעאַליטעט און וואָס איז אפֿשר די צווייטע זײַט פֿון דער רעאַליטעט, וואָס מיר נעמען אויף מיט דער שפּירעוודיקייט פֿון אונדזערע חושים.

און מערקווערדיק: כאָטש סוצקעווערס דערמאָנונג איז פֿון אַ וועלט פֿון 'חיהשע לאַפּעס', זעט ער אָבער אין דער פּערספּעקטיוו פֿון צײַט זייערע טריט ווי פּאַרזייטע רויזן אין שניי. אַזעלכע בילדערישע פֿאַרוואַנדלונגען זענען כאַראַק־טעריסטיש פֿאַר דער גאַנצער פּאָעמע און אפֿשר אויך פֿאַר סוצקעווערס גאַנצן פּאָעטישן שאַפֿן. ס'איז אַ פּאָעמע וועגן סיביר וואָס דער בלויזער קלאַנג פֿון וואָרט רופֿט אַרויס אַן אומהיימלעך געפֿיל, סײַ בײַ דעם ייִד פֿון אַמאָל, סײַ בײַ דעם ייִד פֿון הײַנט. דאָס לעבן פֿון דעם דיכטער, וואָס איז דאָרטן פֿאַרוואָגלט געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ניט געווען צו פֿריילעך. דערצו איז אין אָט דעם סיביר געשען אַזוינס וואָס האָט זיך אײַנגעקריצט מיט זײַן טרויער אין דער נשמה פֿונעם קינד: זײַן פֿאָטער, דער פֿידל־שפּילער, איז געשטאָרבן צו דרײַסיק יאָר, און פֿאַר דעם דיכטערס אויגן וועט אייביק בלײַבן דאָס בילד פֿון זײַן שטאַרבן און ווי מע פֿירט אים אַוועק צו דער קבֿורה. און דאָך איז אין דער פּאָעמע ניט פֿאַראַן קיין איין שורה פֿון לאַמענטירנדיקן געוויין. די גאַנצע פּאָעמע לייענט זיך ווי אַן אידיליע און בלויז אַן אונטערטאָן פֿון עלע־גישקייט באַגלייט דעם דיכטערישן געזאַנג וואָס איז כּולו שיינקייט. נאָך מער, די שיינקייט וואָס דער פּאָעט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אין זײַנע געוויגענע און געמאָסטענע צוועלף־שורותדיקע סטראָפֿעס ווייעט אויף אונדז אַן אַ בענקשאַפֿט

וואָס איז גובֿר דעם טרויער מיט עפּעס אַ פֿאַרכּישופֿטער ווײַסקייט וואָס אירע 'דין־דין־דינע שנייענקלאַנגען' זינגען פֿאַר אונדז מיט אַ שטילער פֿרייד. יאָ, פֿרייד אין טרויער־אַרויסרופֿנדיקן־סיביר. פֿרייד וואָס דערמאָנט אונדז אין מאָטל פּייסי דעם חזנס: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום"...
אויך סוצקעווערן איז גוט: ער איז אַ פּאָעט, דערצו אַזאַ מקורותדיקער פּאָעט, וואָס האָט זיך מיטן כּוח פֿון זײַן וויזיע, מיטן כּוח פֿון זײַן טאַלאַנט, מיטן כּוח פֿון זײַן וואָרט — אומגעקערט צוריק אין דעם פֿאַרלוירענעם גן־עדן פֿון זײַן קינדהייט און מיר ווייסן דאָך אַז דער דאָזיקער גן־עדן בליט פֿאַר איטלעכן מיט די שענסטע רויזן — אַפֿילו אין דעם שניי פֿון סיביר.

□

דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער ועט זיך אין זײַן שאַפֿעריש לעבן נאָך אַ סך מאָל אומקערן אין דעם גן־עדן, ווײַל דאָ, אין דעם גן־עדן פֿון דער קינדהייט, איז געפֿאָרעמט געוואָרן זײַן וועלטבילד, זײַן טאַלאַנט.
אין יאָרן, יאָרן אַרום, נאָכן איבערגיהנומען די חורבן־יאָרן, נאָכן געלײַטערט ווערן אין גרויסן פֿײַער, וועט אַבֿרהם סוצקעווער, אַנטקעגן חרמון אין ארץ־ישׂראל, פֿרעגן און ענטפֿערן:

מאי קאָ משמע לן דער שניי, וואָס אויפֿן חרמון אויבן?
ער אַנטפּלעקט מיר אַ באַשנייטע, אָוונטיקע כאַטע,
ווען באַגאַרטלט מיט אַ זעג עס קומט אַרײַן מײַן טאַטע,
און די זון, וואָס בלאַנדזשעט אינעם וועלדל אויף די שויבן,
פֿינקלט אין זײַן באָרד זײַן אַנגעאײַזיקטע, אין כאַטע.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין זײַן פּאָעזיע אַ סך מאָל זיך אומגעקערט צו דעם ווונדער פֿון שאַפֿן. דאָ, אין דער פּאָעמע «סיביר», איז ער געקומען אויף די שפּורן פֿון זײַן שאַפֿן, אָדער בעסער געזאָגט: דאָ איז ער דערגאַנגען צום סאַמע מקור פֿון זײַן שאַפֿן. דאָ, אין סיביר, געפֿינט זיך דעם דיכטערס חלום־לאַנד וואָס ווערליק דער עצה פֿון ווײַמאַרער גאָון, דאַרף מען אַהין גיין, ווען מע וויל דעם דיכטער פֿאַרשטיין.

צו פּוילן /1946/

די פּאָעמע «צו פּוילן», איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1946, אין יאָר ווען דער פּאָעט איז געקומען פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אין דעם חרובֿן פּוילן און האָט זיך געגרייט פֿון דאָרטן אָוועקצופֿאָרן אין דער וועלט אַרײַן, זיך געגרייט עולה צו זײַן קיין ארץ־ישׂראל.
אַבֿרהם סוצקעווער איז איינער פֿון די סאַמע אייגנאַרטיקסטע דיכטער־אינדי־ווידואַליטעטן אין אונדזער ליריק, אָבער אײַנצײַטיק איז ער דער פּאָעט אין

װעמעס געזאַנג סע שפּיגלט זיך אָפּ די צײַט װאָס איז געװען אַזוי גורלדיק פֿאַר די ייִדן פֿון דעם דור.

דורך זײַן אינדיװידואַליסטישער פּאָעזיע זינגט אַרױס דער ייִדישער פֿאָלקס־קאָלעקטיװ אין גרעסטן חורבן און גרעסטן נס און נסיון פֿון זײַנע דבֿרי הימים. אַבֿרהם סוצקעװער איז אײנער פֿון די סאַמע בולטסטע זינגענדיקע 'היסטאָריקערס' פֿון דער תּקופֿה. װאָרעם אין זײַן דיכטונג געפֿינען מיר דעם עכאָ אויף די װיכטיקסטע צײַט־געשעענישן װאָס דער דיכטער — און צוזאַמען מיט אים דאָס גאַנצע פֿאָלק — האָבן איבערגעלעבט.

אַזאַ װערק איז די פּאָעמע «צו פּױלן». זי איז אַ פּאָעטישער חשבון־הנפֿש װאָס דער דיכטער מאַכט ערבֿ זײַן איבערלאָזן דאָס פּױלישע לאַנד אויף אײביק, נאָך דעם װי זײַן פֿאָלק איז דאָרטן פֿאַרברענט געװאָרן. זי איז אָבער אויך דער חשבון־הנפֿש פֿון דעם שארית־הפּליטה־ייִד, װאָס האָט זיך געראַטעװעט פֿון פֿײַער און אַנטרינט פֿון דער ערד װאָס איז געװאָרן דער בית־עלמין פֿון זעקס מיליאָן ייִדן.

אויף װיפֿל איך געדענק אַבֿרהם סוצקעװערן פֿון יענער צײַט, פֿון פֿאַר און נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם, װײס איך אַז ער האָט ניט געהאַט קײן גרױסע אילוזיעס װעגן צוריק אױפֿבױען אַ ייִדישן ייִשובֿ אין דעם נאָכמלחמהדיקן פּױלן װאָס האָט זיך שױן דעמאָלט געפֿונען אונטער דעם סאָװעטישן פּראָטעקטאָראַט. מיר דאַכט, אַז שױן דעמאָלט װען דער דיכטער איז צוריקגעקומען קײן מאָסקװע, נאָך זײַן עדות־זאָגן פֿאַרן נירנבערגער טריבונאַל, װאָס האָט געמישפּט די נאַצישע הױפּט־מערדערס, האָט ער פֿאָרױסגעפֿילט, אַז די געשיכטע פֿון ייִדן אין מיזרח־אײראָפּע האָט אונדז געזאָגט דעם ביטערן 'עד־כּאן' און קײן שום אַפּעלאַציע װעט דאָ ניט העלפֿן װײכער מאַכן דעם געשיכטלעכן פּסק־דין.

אַ סך ייִדן אין פּױלן, װי אויך אַ סך פּױלישע ייִדן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד װאָס האָבן זיך געגרײט צוריקצופֿאָרן קײן פּױלן, האָבן דעמאָלט שױן געװוּסט, אַז אין פּױלן װעלן זײ ניט קאָנען בלײַבן, װײַל דער פֿאָדעם פֿון דער ייִדישער עקסיסטענץ אין יענעם לאַנד מיט אַ טױזנט־יאָריקער געשיכטע האָט זיך איבערגעהאַקט און װעט מער ניט קאָנען צוזאַמענבינדן דעם עבֿר מיטן עתיד. דאָך איז דאָס געזעגענען זיך מיט פּױלן געװען פֿאַר זײ אַ גרױסע איבערלעבונג און האָט אַרױסגערופֿן חשבון־הנפֿשדיקע רעיונות.

די דאָזיקע רעיונות און געפֿילן ברענגט דער דיכטער אַרױס אין זײַן פּאָעמע «צו פּױלן» און ער קאָן דעריבער זאָגן אויף זיך, אַז ער פֿילט פֿאַר אַ מיליאָן און טראַכט פֿאַר אַ מיליאָן װי דאָס האָט אויף אַן אַנדערן אופֿן געזאָגט דער גרױסער פּױלישער דיכטער אַדאַם מיצקעװיטש.

□

אין אָט דער גורלדיקער צײַט פֿון יציאת־פּױלן מאַכט דער דיכטער אַ חשבון מיט די פּאָליאַקן און אויך מיט זיך אַלײן. דער דיכטער װאָס רופֿט זיך אָן דער 'פֿאַרבענקטער ציגײַנער' פֿרעגט די שאלה: 'װאָס איז געשען דאָ?' ער, װאָס איז

אַזוי פֿאַרליבט געווען אין דער שפּראַך פֿון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי (דער רעפֿריין פֿון סלאָוואַצקיס «הימען ביים זונפֿאַרגאַנג» 'סמוטנאָ מי באָזשע' פֿאַר־ענדיקט יעדער קאַפּיטל פֿון דער פּאָעמע); וואָס איז אַזוי באַגייסטערט געווען פֿון נאַרווידס משיחישע לידער, פֿילט זיך איצטער אין דעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן ווי אַ פֿרעמדער און קאָן מער ניט בלייבן אויפֿן בית־הקבֿרות פֿון מיזרח־אייראָ־פּעישן יידישן פֿאָלק. ד'ערבײַ ווערט דער חשבון פֿאַרטיפֿערט און פֿאַרלענגערט און ציט זיך איבער דורות און תּקופֿות פֿון דער אַלטער יידישער געשיכטע אויף דער פּוילישער ערד (פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז נאָך איידער פּוילן איז געוואָרן קריסטלעך, דאָס הייסט: נאָך איידער עס הייבט זיך אָן די אָפֿיציעלע געשיכטע פֿון פּוילישן קיניגרייך זענען שוין דאָרטן געווען יידן). אין מײַסטערדיקע פֿערזן אין וועלכע סע פֿלאַמט אַ בלוי בענקשאַפֿט־פֿײַער זינגט סוצקעווער:

דאָס ווײַסל פֿון אייביק איז געווען מיר דײַן ווײַסל!\
און וויפֿל געטרער האָט געשטראָמט פֿונעם ווײַסל\
אין וואַסער אַרײַן דורך די דורות געשליפֿן.\
און אויבן — די שיפֿן, די גילדענע שיפֿן.\
אַ, ברעגן בײַטײַכיקע, פֿאַרביק און ראַשיק,\
ווו חתונות ווירבלען אַרום שלום־אַשיק.\
ווו ס'פֿינקלען נאָך בענטשליכט אין באָבעשע לײַכטער,\
ווו גוייִשער ווינט איז אַ יידישלעך־פֿײַכטער!\
מײַן שטאַם האָט מיט גלויבן די וואָרצלען געלאָדן\
ווען ער איז אַרײַן אין דײַן פֿרוכטיקן באָדן.\
פֿאַר דײַנטוועגן האָט ער געשאַפֿן, געמײַסטערט,\
אין יאָרן פֿון קנעכטשאַפֿט — דערהויבן, באַגײַסטערט.

פֿון דער ווײַטער און אַלטער געשיכטע פֿון יידן אויף דער פּוילישער ערד קומט דער דיכטער צו די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער זינגט וועגן די יידן וואָס זענען געפֿאַלן אין דער דאָזיקער מלחמה כּדי 'דײַן אַדלער זאָל שטאָלץ זײַן'. געשען איז אָבער:

נאָר קוים האָט פֿאַרקנעכט דיך דער קנעכטישער שונא —\
האָסטו שוין בײַם טרײַבן די יידן אין בוינע\
אַ שרעקלעכע פֿרײַהייט באַקומען ווי קיין מאָל,\
און האָסט אויפֿן פֿײַער געגאָסן נאָך בוימל.

ניט געקוקט דערויף, זאָגט אָבער דער דיכטער, האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואָלט אַרויסרײַסן פֿון זײַן האַרץ די ליבשאַפֿט צו פּוילן און האָט כּסדר געדענקט צום גוטן און מיט בענטשונג די יעניקע פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן. ער קאָן אָבער ניט פֿאַרגעסן און קאָן ניט מוחל זײַן די אַנדער זײַט:

נאָר זע איך די קויל די צעגליטע פֿון וואַרשע,
וואָס האָט זיך אין האַרץ מיר געטאָן אַ פֿאַרזײַרשע —
דערמאָנט זיך מיר אויך, ווי עס האָבן געשליידערט
מיט שיכּורן חוזק די לײַט פֿון דער פּרײַ דאָרט
ווען ס'האָבן אין געטאָ ווי ברעניקע לייבן
געקעמפֿט מײַנע ברידער, דעם כּבֿוד צו הייבן
פֿון לאַנד און זײַן פֿאָלק, ווּ מע וועט עולה רגלען
צו שעפּן דעם רום. "ווי זיי טוען זיך פּרעגלען",
געשפּאָט האָבן דײַנע געפּודערטע דאַמען
און דורך די לאָרנעטן געקוקט אויף די פֿלאַמען.

דער אונטערשטער שטריך אין דעם לאַנגן און טרויעריקן חשבון איז דער קעלצער פּאָגראָם, ווײַלכן דער דיקטער האָט צוזאַמען מיט אַלע גרעסטעוועטע פֿון גרויסן פֿײַער, צוזאַמען מיט אַלע אומגעקערטע פֿון סאָוועטישן נע־ונד, איבערגעלעבט תּיכּף נאָך דעם ווי היטלערס טומאה־מאַכט איז צעבראָכן געוואָרן דורך אַ בלוטיקן קאַמף אין וועלכן ייִדן האָבן געהאַט ניט קיין קליינעם חלק און האָבן צוגעטראָגן ניט קיין קליינע צאָל קרבנות.
דער דיכטער פֿרעגט מיט פּײַן און מיט צאָרן:

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאָך דער עדות
פֿון דײַנע פּאָגראָמען אויף קינדער און זיידעס.
איך האָב דאָך געזען, ווי מיט פּרענטן און פֿלעקער
עס מאָרדט דײַן המון אונטער קופּערנע גלעקער.
און שפּעטער — געזען דײַנע פֿרויען און מענער
אין שטומען באַגלייט אונטער בלוט־רויטע פֿענער
די לאַנגע לוויה, די פֿרײַע, די נײַע.
שאָפֿען האָט געוויינט און געפֿירט די לוויה.
און אויבן — די פֿענער ווי פֿייגל געפֿאַנגען
זיי האָבן אַנטלויפֿן געוועלט פֿון די שטאַנגען.

און דער דיכטער קומט צום אויספֿיר:

און כאָטש מיר איז שווער צו דערטראַכטן זיך סטראָפֿיק
דײַן צוקונפֿט — דאָך איז שוין בײַ מיר ניט קיין ספֿק,
אַז ווּ נאָר עס וועט זיך איר מזל ניט ריכטן —
ס'געוועזענע וועסטו ניט קענען פֿאַרריכטן.

פֿאַר דעם דיכטער ווי פֿאַר זײַן פֿאָלק, דער שארית־הפליטה, שטעלט זיך דעמאָלט די פּראָבלעם ווי אַזוי צו פֿאַראייביקן דאָס געשעענע, דאָס געוועזענע, סײַ די טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין פּוילן, סײַ דעם טרויעריקן סוף: ייִדן אויף פּוילנס ערד.
ער זינגט ווײַטער אין דער פּאָעמע:

ס׳איז אומעטיק, גאָט מײַנער! ווי לאָזט מען איבער
דעם עמק הבכא, די שטיבער, די גריבער?
ווי שטעלט מען דער פוסטקייט אַ דענקמאָל, אַ צייכן,
עס זאָל צו מײַן אייניקלס אייניקל גרייכן?
וואָס טוט מען, דער נעכטן זאָל ווערן נתגלה
דעם מאָרגן? ווי פֿאַנגט מען דעם עכאָ פֿון אַלע
פֿאַרשניטענע תּפֿילות? ווי טרינקט מען פֿון לאָגל,
פֿון וואַנען דער טויט האָט געטרונקען? איך וואָגל
און פּרוּוו די אַנצאָליקע קבֿרים פֿאַרשטעמפּלען
מיט לידער. איך שפּרײַז דורך די מירמלנע טעמפּלען
פֿון דײַנע בית־עלמינס לובלינער און קראָקער,
אַהינטער אַ בערגל פֿאַרשרומפּ איך זיך, לאָקער,
און ס׳דאַכט: עלעהיי איך בין ווידער אין יענעם
שוואַרצבערדיקן פּוילן אַ טאָג פֿאַרן גיהנום.

דאָס שטעלן דעם חורבֿ־געוואָרענעם לעבן אַ דענקמאָל, אַ צייכן, וואָס זאָל דער־גרייכן צו אייניקלעך און אוראייניקלעך, איז שפּעטער געוואָרן דער וויכטיקסטער חובֿ פֿון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, אין דער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע און אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט קיין קליינעם חלק אין דער אָ פֿאַראייביקונג. לעת־עתּה, בײַם שרײַבן די פּאָעמע, געזעגנט זיך דער דיכטער מיט פּוילן און מע פֿילט אַז די געזעגעניש איז ניט קיין גרינגע. ס׳איז ניט גרינג זיך צו געזעגענען מיט אַ ליבשאַפֿט וואָס האָט אַנטוישט; ס׳איז ניט גרינג צו אַנערקענען אַז אַן אילוזיע איז צערונען געוואָרן. אָבער דער פּראָצעס פֿון יציאת־פּוילן איז אין פֿולן גאַנג. די ייִדן פֿון פּוילן, די גראַטעוועטע פֿון די געטאָס און לאַגערן, די צוריק־געקומענע פֿון דער וואַנדערונג איבערן ראַטן־פֿאַרבאַנד, די אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זײַט, פֿון די פּאַרטיזאַנער־וועלדער, אַלע, אַלע הייבן איצטער אָן אַ נײַעם וואַנדער וואָס וועט זיי סוף־כּל־סוף דערפֿירן צו דער אייגענער היים, צו יענער היים פֿון וואַנען דער וואַנדער האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און אפֿשר נאָך פֿריִער.

□

דער דיכטער און צוזאַמען מיט אים די מערהייט פֿון זײַן געראַטעוועטן שטאַם גייען אַוועק פֿון פּוילן און פֿון איר ייִדישער טויזנט־יעריקער געשיכטע, אַ געשיכטע פֿון בלוט פֿאַר פּוילנס פֿרײַהייט און אַ געשיכטע פֿון גײַסט־אַרײַנגעוועבטקייט אין דער פּוילישער קולטור. זיי גייען אַוועק און זיי נעמען גאָרנישט מיט אַחוץ די אוצרות פֿון גײַסט, אַחוץ דעם נוסח־אַשכּנז וואָס האָט דאָ אַ געפֿורעמט אַ נײַע און דאָך אַלטאייביקע ייִדישע ציוויליזאַציע: איר פֿולער אויסדרוק איז די ייִדישע ליטעראַטור און דער גײַסט פֿון איר געשטאַלטיקער י.־ל. פּרץ. מיטן סימבאָלישן פּרץ־אוהל אויף זײַן פּלייצע וואַנדערט דער דיכטער אַוועק ׳מיט זײַן ניגון׳ —

וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן:
— "אָט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!"

העלפֿאַנדן בײַ נאַכט /נסיעה איבער אַפֿריקע, 1950/

פֿאַנטאַסטיש, שפּילעוודיק און גראָטעסק, פֿון איין זײַט און פֿאַטאַל, מיסטיש און אַכזריותדיק, פֿון דער אַנדערער זײַט, דאָס איז די אַפֿריקאַנער וועלט ווו אַבֿרהם סוצקעווער פֿירט אונדז אַרײַן מיט זײַן לידער־ציקל «העלפֿאַנדן בײַ נאַכט». שוין אינעם ערשטן ליד ווערן מיר געפֿאַנגען פֿון דער דזשונגל־מיסטעריע:

אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפֿן.
אונטער זיבן שטראָמען שלאָפֿט די שרעק.
און דער העלפֿאַנד שלאָפֿט אַזאַ מין שלאָפֿן,
אַז מען קאָן אים אָפּשנײַדן דעם עק.
אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפֿן.
זיי ניט אויפֿצוועקן מיט קיין העק.
אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפֿן
אין די אויגן צוויי וואָס זענען אָפֿן —
אויגן צוויי פֿון גאָט וואָס זענען אָפֿן.

אַבֿרהם סוצקעווער איז שוין אויסגעווען ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק (דערמאָנט זיך זײַן דערציילונג «אַ שמייכל אין עק וועלט»); ער האָט שוין געמאַכט נסיעות איבער אַלע פֿינף קאָנטינענטן און איבער אַ גוזמא שטעט און לענדער. דאָך, אינספּירירט אַנצושרײַבן אַ לידער־ציקל — איינעם פֿון די שענסטע אין זײַן שאַפֿן — האָט אים אַפֿריקע, און דאָס ניט די שטאָטישע אַפֿריקע, נאָר ס׳רובֿ די דזשונגלישע, ווו "אונטער זיבן שטראָמען שלאָפֿט די שרעק".

אין דעם דיכטערס נסיעה איבער די לענדער פֿון אַפֿריקע, האָט ער אַנטפּלעקט ניט נאָר אַ פּאָר אים נײַ לאַנד, נאָר עפּעס אַ מין עקזאָטישן פּלאַנעט וואָס האָט צעפּלאָמט זײַן דיכטערישע פֿאַנטאַזיע און האָט אים געבראַכט חזיונות וואָס זענען לא מעלמא הדין, ווי גאָרניט פֿון אונדזער דרײַ־דימענסיאָנאַלער און פֿינף־חושים־דיקער ווירקלעכקייט.

כּדאַי בײַ דער געלעגנהייט צו באַטאָנען, אַז אין סוצקעווערס שאַפֿן באַוועגן מיר זיך איבער דרײַ עיקר־לאַנדשאַפֿטן: איבער דער שנייִיקער לאַנדשאַפֿט פֿון סיביר, איבער דער זאַמדיקער לאַנדשאַפֿט פֿון ארץ־ישׂראלדיקן מידבר, ווי אויך איבער דער לאַנדשאַפֿט אונטער דער ברענענדיקער זון פֿון אַפֿריקאַנער דזשונגל.

אַוודאי איז אין זײַנע יוגנטלידער אויך פֿאַראַן דער פּייסאַזש פֿון ליטע. אַוודאי

רוישן אין יענע שאָפּונגען די סלאַווישע וועלדער און עס מורמלען די שטילע טײַכן און אָזערעס פֿון רײַסן. אָבער דאָמינירנדיק אין זײַן שאַפֿן זענען זיי ניט. דערקעגן איז נאָכן לייענען זײַן לידער־ציקל «העלפֿאַנדן בײַ נאַכט» שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דעם דיכטערס פּאָעטישער אַפּשפּאָר וואָלט געווען גאַנץ, ווען דער אָ ציקל זאָל אין אים פֿעלן.

דורך די לידער פֿון «העלפֿאַנדן בײַ נאַכט» פֿירט אונדז סוצקעווער אַרײַן אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט, אין אַ וועלט ווו דומם און צומח, בעל־חי און מענטש זענען נאָך אָרגאַניש געבונדן צווישן זיך ווי מיט אומזעיִקע אָדערן. מענטש און חיה אָטעמען דאָ אין די פֿינצטערע נעכט מיט דער סטיכיע פֿון בראשית, מיט דעם קדמונישן כּוח וואָס באַלד נאָך די ששת ימי המעשׂה. זיי פֿירן צווישן זיך אַ שטענדיקן אַכזריותדיקן געראַנגל און דערבײַ זענען זיי ווי היפּנאָטיזירט קעגנ־זײַטיק. אָט ווי דער דיכטער זעט און שילדערט און זינגט־אויס דעם געראַנגל צווישן בן־אדם און בעל־חי:

— — — פּלוצעם שײַטערט צווישן גראָז אַ לייב,
אַזוי ווי ס׳וואָלטן
אַרויסגעשפּרונגען זײַנע ריפּן ברומענדיקערהייט.
אַ לאָז מײַן שפּיז,
און מיטן שפּיז אין ברוסט — אויף מיר דער קיניג.
מיר קנוילן זיך אין גראָז.
צוזאַמען שטראָמט
מענטשנבלוט און לייבנבלוט,
ביז וואַנען ס׳האָט דער לייב
אַנטליִען מיר זײַן מאַכט
אים צו באַזיגן.

דער מענטש האָט באַזיגט דעם לייב: דער לייב האָט אים אַנטליִען זײַן, דעם לייבס, מאַכט אים צי באַזיגן. דער לייב איז אָבער פֿון אים אין אַן אַנדערן זינען באַזיגט געוואָרן: די מאַכטיקע פֿאַרצוקנדיקע חיה האָט אים גורם געווען דאָס, וואָס מע רופֿט אָן אַן אָבסעסיע. ער האָט געפֿילט און געזען דעם לייב אויף דער וואָר און אין חלום. בײדע האָבן אים באַגלייט אין זײַן שׂינאה און אין די פֿאַרכאַפּנדיקסטע מינוטן פֿון ליבשאַפֿט:

שפּעטער, אויף זײַן פֿעל דער אָפּגעשונדענער,
אין שטיבל,
האָבן מיר אַזוי געליבט זיך, — אַז דער טויטער לייב
איז לעבעדיק געוואָרן און מיט בײדן אויפֿן קאָרק
אַנטלאָפֿן אין דער פֿינצטערניש אַ פֿײַערדיק צעהיצטער.
די פֿרוי האָט מיך געביסן: האַלט מיך שטאַרק!
און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אויפֿן לייב מיר רײַטן נאָך ביז איצטער.

אזוי אַרויסבררעגנגען, אי דעם הייסן טעמפּעראַמענט פֿון דעם דזשונגל־באַווינער אין זײַן צעשטורעמטן עקסטאַז פֿון ליבע און אי די אָפּהענגיקייט פֿון דעם זולו־נעגער פֿון דער חיה וואָס ער האָט באַצווּנגען און איז דערנאָך דורך איר באַצוווּנגען געוואָרן, האָט נאָך בײַ אונדז ביז איצטער קיינער ניט אַרויסגעבררעגנגט. בילדער פֿון אַזאַ רײַכקייט, וויזיעס פֿון אַזאַ כּוח, טרעפֿן מיר בלויז בײַם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער.

פֿאַראַן, ווי געזאָגט, אַ פֿאַנטאַסטישע שפּילעוודיקייט אין די אַפֿריקאַנער לידער פֿון אונדזער פּאָעט און פֿאַראַן אין זיי אויך טראַגיק: די טראַגיק פֿון פֿאַטום. צו די לידער פֿון ערשטן מין וואָלט איך צוגערעכנט דאָס ליד «העלפֿאַנדן בײַ נאַכט» וואָס דער דיכטער באַצייכנט ווי אַ יעגערליד און וואָס איז איינס פֿון די שענסטע אינעם ציקל (עס דערמאָנט, מתּוך אַסאָציאַציע, די וווּנדערלעכע פֿאַנטאַסטיק פֿון ערנסט־טעאָדאָר אַמאַדעוס האָפֿמאַן). איך וועל זיך דערלויבן צו ציטירן דאָס ליד אין גאַנצן:

העלפֿאַנדן בײַ נאַכט

יעגערליד

העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, ווי שווערע גײַסטער
וואָס קומען איינער נאָכן צווייטן
באָדן זיך אין טײַך,
זענען ניט קיין העלפֿאַנדן,
זיי טראָגן בלויז אַ מאַסקע.
איך, דער יעגער פֿון די נעכט,
וואָס האָב געזען ווי שטערן
פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַנטילאָפּן —
האָב אַ מאָל בײַם וואַסער
נאָכגעלויערט, צווישן גראָז, אויף זיבן
לבֿנהדיקע העלפֿאַנדן
וואָס ציִען זיך צום ברעג.

יעדער האָט אַ ווײַל באַטראַכט דעם טײַך
צי קיינער זעט ניט,
און אויסגעטאָן די העלפֿאַנדישע מאַסקע.
אויסגעטאָן די אויערן, די ציין, די לאַנגע נעזער —
און ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מײַנע אויגן
זיבן מיידלעך.
זיבן מיידלעך שנײַדן־אויף דאָס וואַסער מיט די בריסט,
בייגן זיך ווי רייצנדיקע שטראַלן,
שווימען, שווימען.

כ'האָב געוווסט: זיי וועלן באַלד צוריקשווימען, און אָנטאָן
די אויערן, די נעזער — ווערן העלפֿאַנדן אויף ס'ניַי.
און שטילער פֿון אַ שלאַנג בין איך דערקראָכן צו די מאַסקעס,
מיטגענומען איינע און באַהאַלטן זיך צוריק.

און ווען די זיבן מיידלעך, אין אַ הילעניש פֿון פּערל,
האָבן זיך גענומען אָנטאָן אין די העלפֿאַנדקליידער —
האָט פֿאַר איינער אויסגעפֿעלט אַ מאַסקע, און פֿאַרבליבן
איז זי נאַקעט אויף אַ שטיין, מיט ציטעריקער הויט,
אָן אַ פֿריַינד, אָן צערטלעניש, אָן לאַסקע.

און איך, דער יעגער,
האָב חתונה געהאַט מיט איר — אַ מיידל אָן אַ מאַסקע.

□

דאָמינירנדיק אין אָט דעם זעלטענעם לידער־ציקל איז אָבער די טראַגיק פֿון מענטש און פֿון דער חיה דורך דעם, וואָס זיי ווערן געטריבן דורך עפּעס אַ בראשיתדיקן מאַכטיקן כּוח און זיי קאָנען דעריבער גאָרנישט ניט ענדערן אין זייער עקסיסטענץ. די טראַגיק באַשטייט אויך דערין, וואָס דאָס לעבן און דער טויט זענען אין דעם דזשונגל אַזוי נאָענט צווישן זיך, אַזוי געקניפּט און געבונדן, אַז גאָר שווער איז צו געפֿינען די דינע גרענעץ־ליניע וואָס טיילט זיי פֿונאַנדער. אויסטערליש זענען די בילדער און די מעטאַפֿאָרן פֿון סוצקעווערס זעונגען אין דער אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט:

דאָרטן, ווו דער פֿיַיעראָקס — די זון —
שלעפּט אַ רויטן וואָלקן ווי אַ ריזיק אַקער־איַיזן,

אָדער:

דער טאָג ליגט אויסגעצויגן ביַים געצעלט,
ווי אַ שטאַרבנדיקער העלפֿאַנד מיט די פֿיס צום הימל.

אין דעם שווערן העלפֿאַנד זעט סוצקעווער דעם סימבאָל פֿון דער קרעאַטור אויפֿן שוואַרצן קאָנטינענט. דער העלפֿאַנד איז אַ פֿרידלעך באַשעפֿעניש אין דזשונגל. ער לעבט ניט פֿון בלוט־פֿאַרגיסונג און איז, ווי לוצקי האָט אים אָנגערופֿן, אַ חיה אַ צדיק. דאָך קאָן ער מאַכן אַ חורבן ווען ער קומט אַריַין אין כּעס און ער איז אין זיַין סטיכיע גליַיך צו אַ טיַיפֿון, אָדער אָן אַנדער מין נאַטור־צעשטערע־רישן כּוח. זיַין גאַנצע גרויסקייט און מאַכטיקייט העלפֿט אים אָבער ניט קעגן דעם טויט און ווי קיין שום באַשעפֿעניש אויף דער ערד, קאָן ער ניט אויסמיַידן זיַין באַשערטקייט ווען ס'קומט די ציַיט פֿון פֿאַרגיין. דער טויט פֿון אָט דעם חיה־גיגאַנט שטריַיכט אונטער פֿאַרן דיכטער די פֿאַטאַליטעט פֿון דער עקסיסטענץ. סוצקעווער קאָן זיך ניט באַפֿריַיען פֿון דעם בילד ווו די טויטע העלפֿאַנדן ליגן

׳ווי שיף־סקעלעטן אויפֿן דעק פֿון ים׳ און ער ווערט אויפֿגעטרייסלט ווען ער דערזעט ווי אויפֿן רוקן פֿון אָט דער פֿרידלעכער און מאַכטיקער חיה גרייט זיך שוין צו איר מאָלצײַט ׳די געשטרײַפֿלטע היענע׳.

□

ווי אין יעדער גרויסער קונסט איז אויך אין סוצקעווערס פּאָעזיע פֿאַראַן אַ ניגלה און אַ ניסתּר. צווישן זײַנע אַפֿריקאַנער לידער זענען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס זענען ספּעציפֿיש און דורכויס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם טייל וועלט און פֿאַר די מענטשן וואָס באַפֿעלקערן איר ערד. פֿאַראַן אָבער לידער וואָס כאָטש זיי זענען אַפֿריקאַניש, אָדער זולו־שטייגעריש, איז אָבער אין זיי אויך פֿאַראַן אַ ניסתּר און דער דאָזיקער ניסתּר איז ניט בלויז אויסן דעם בחיר־היצירה אין אַפֿריקע, נײַערט אַלע מענטשנקינדער אונטער דער זון. אַזאַ, למשל, איז דאָס ליד «פּיגמייען־טאַנץ». לכאורה — אַ ליד וועגן אַן אַפֿריקאַנער שבֿט וואָס טאַנצט בײַ נאַכט אין דעם ׳לבֿנה־צירק׳ פֿון דזשונגל. קוקט מען אָבער אַרײַן אַ ביסל טיפֿער, געפֿינט מען מער ווי רמזים אויף עפּעס וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מענטש. לאָמיר ציטירן דאָס ליד «פּיגמייען־טאַנץ» כּדי דער לייענער זאָל אַליין אויס־געפֿינען די ניסתּרדיקייט און די ניגלהדיקייט און דערפֿון הנאה האָבן:

ווי לעבעדיקע שאָכפֿיגורן דיריזשירט פֿון אומזין —
טאַנצן אין לבֿנה־צירק פּיגמייען פֿון סאַכאַרע,
מיט מעסערס בלישטשענדיק פֿון בלוט,
שוואַרצזילבערדיקע לײַבער —
טאַנצן־אויס נקמה קעגן הויכקייט:

הויכקייט מוז צעשניטן ווערן מיט די רויטע מעסערס.
הויכקייט איז די נאַרישקייט, וואָס וויל דערגרייכן גאָט.
מיר, די קליינגעוויקסיקע, ווי היישעריקן־פֿרעסערס —
וועלן אַלע הויכקייטן צעפֿרעסן ביזן טראָט.

די פּיגמייען אין סאַכאַרע זענען קליין און דערפֿאַר האָבן זיי פֿײַנט ביז בלוט די הויכקייט. אָבער דאָס ליד איז סימבאָליש ניט נאָר פֿאַר די פֿיזישע קאַרליקעס, דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ געוויסן מין מענטש בכלל, וואָס האַלט אַז יעדע הויכקייט, יעדע גרויסקייט ׳איז די נאַרישקייט וואָס וויל דערגרייכן גאָט׳ און דערפֿאַר האָט ער זי אַזוי בלוטיק פֿײַנט.

□

דער וואָס שרײַבט וועגן סוצקעווערס לידער און בפֿרט וועגן זײַן לידער־ציקל «העלפֿאַנדן בײַ נאַכט», שטייט פֿאַר אַ גרויסן נסיון: עס ווילט זיך אים ציטירן און ציטירן כּמעט אַלע לידער און עס ווילט זיך אים וועגן איטלעך ליד באַזונדער

און וועגן אָן אַ צאָל שורות אין זיי עפּעס זאָגן. מיט איטלעכן ליד וואָס ער ציטירט ניט דאַכט זיך אים, אַז ער און דער לייענער האָבן היזק געהאַט. נו, דאָס ציטירן האָט אָבער אַ גרענעץ. דאָס ציטירן דאַרף ניט און טאָר ניט באַפרייַען דעם לייענער צו לייענען אַליין די לידער, נאָר פאַרקערט, ס'דאַרף און ס'מוז אים אינספּירירן דערצו. איז וועלן מיר טאַקע פאַרענדיקן דעם קורצן עסיי מיט אַ וווּנדערלעך טיפזיניק ליד, וואָס כאָטש דאָס ליד איז אינספּירירט פון די אַפּרי־קאַנער איבערלעבונגען פונעם פּאָעט איז עס אָבער אַ ליד וואָס איז נוגע און רירט אָן די מענטשן אויף אַלע לענגען און ברייטן פון אונדזער כדור־הארץ:

דאָס גראָע פייַער

ווער באַשאַפט דאָס גראָ אין דייַנע האָר?
דו ווייסט ניט, ברודער:
צווישן ערד און הימל הענגט אַ שפינראָד,
אויפן שפינראָד הענגט דאָס גראָע פייַער,
דערנעבן, אויף אַ וואָלקן,
זיצט דייַן אייגענער סקעלעט,
וואָס בלויז די גסיסה דייַנע איז אים טייַער,
און שפינט פאַר דייַנע האָר
דאָס גראָע פייַער.

וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע זעונג! דער וווּנדערלעכער זעער איז דער גרויסער פּאָעט אַברהם סוצקעווער.

די פּאָעמע אָדע צו דער טויב /1954/

דער סוד פון שאַפן, בעסער געזאָגט: דער נס פון שאַפן, פאַראינטריגירט צום שטאַרקסטן דעם שאַפער גופא. ניט זעלטן געשעט, אַז דער דיכטער שרייַבט פּלוצעם אָן אַ שורה וואָס איז פאַר אים אַליין אויסטערליש און דווקא די פּלוצעמדיקע אויסטערלישע שורה איז די קרוינפּערל אינעם ליד. ס'אייגענע געשעט מיטן מאָלער, מיטן קאָמפּאָזיטאָר און אַפילו מיטן אַקטיאָר: פּלוצעם ברענגט דער מאָלער אַרויס אויף זייַן לייַוונט אַ פאַרב און אַ ליניע; פּלוצעם פאַרצייכנט דער קאָמפּאָזיטאָר אויף זייַן נאָטן־פּאַפּיר אַ מוזיקאַלישע פראַזע און פּלוצעם הערט דער אַקטיאָר זיך זאָגן זייַן רעפּליק אויף אַזאַ אופן וואָס איז אַ ווייַלע פריִער אים געווען אומבאַקאַנט. ווער האָט אַרויפגעגעבן דאָס פּלוצעמדיקע וואָרט אויף דער צונג פון דיכטער? פון וועלכן קוואַל שטראָמען די נייַע טענער און פאַר וואָס הערן זיי אויף?

די אַלטע גריכן האָבן געגלייבט, אַז דער סוד פון יצירה געפינט זיך בייַ די מוזעס, די געטינס. אָט יענע קלייַבן עס אויס דעם באַזונדערן בן־אָדם און גיבן

אים דעם גאָב פֿון קינסטלערישער שאַפֿערישקייט אויף דעם זעלביקן, אָדער ענלעכן אופֿן ווי גאָט האָט געגעבן, ביַי אונדז, ייִדן, דאָס וואָרט אין מויל פֿונעם נבֿיא. און ווי באַלד אַזוי, ווי באַלד דער סוד פֿון יצירה איז אָפּהענגיק פֿונעם חסד פֿון די מוזעס, האָבן די גריכישע פּאָעטן געדינט מיט זייער געזאַנג צו די אַ געטינס און ס׳איז ביַי זיי געווען אַ גאַנצער צערעמאָניאַל ווי צו דאַנקען די העכערע כּוחות און כּדי ביַי זיי צו פּועלן זיי זאָלן וויַיטער אַרויסוויַיזן זייער גוטגעניגטקייט און גוטגינציקייט צו די אויסדערוויילטע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מ׳האָט מער ניט געגלייבט אין קיין געטער און געטינס אויפֿן אָלימפּישן באַרג, האָבן אַ סך פּאָעטן געהאַלטן אַז דער כּוח פֿון זייער אינספּיראַציע קומט פֿון אַן ערדישער געשטאַלט, פֿון אַן ערדישן מהות וואָס פֿאַרמאָגט די געבענטשטע קראַפֿט צו אינספּירירן. פֿאַר אַ דוגמא לאָמיר זיך דערמאָנען אין בעאַטריטשע ביַי דאַנטע און לאָמיר אויך געדענקען וואָס ד״ר הערצל דערציילט: אַז בעת ער האָט געשריבן זיַין יודענשטאַט האָט ער געהערט ווי אָדלער־פֿליגל וואַלטן די גאַנצע ציַיט גערוישט איבער זיַין קאָפּ.

□

דעם דיכטערישן כּוח־ההשראה, דער מקור פֿון זיַין אינספּיראַציע און כּוח פֿון זיַין שאַפֿערישקייט, זעט אַבֿרהם סוצקעווער אין דער געשטאַלט פֿון אַ טויב. ריכטיקער: די טויב איז דער סימבאָל פֿון דער מוזע און דורך דער אָדע צו איר פֿאַרטיפֿט זיך דער פּאָעט אין דעם סוד פֿון זיַין יצירה, אין דעם כּוח פֿון זיַין שאַפֿן און אויך אין דער שליחות פֿון זיַין שאַפֿן.
אָט ווי דער פּאָעט שילדערט אין זיַין אָריגינעלער סימבאָליק דעם געבענטשטן מאָמענט פֿון צוזאַמענטרעף מיט זיַין מוזע, דער טויב:

קלאַנגען אין ליפּן געפֿאַנגען, ווי פּערל אין יַמיקע שלעסער,
שטומען שוין טויזנטער יאָרן, און איבער דער שטומקייט — אַ מעסער.
— טיַיבעלע, קינד פֿון דער קינדהייט, גיב לשון די ליפּן, גיב לשון,
הער דאָס געוויין פֿון די קלאַנגען, אַניט איז אַ חלום פֿאַרלאָשן...

פּלוצעם — אַ קוש מיַינע ליפּן, ווער בין איך, ווו בין איך ? די שלעסער
שליסן אַליין זיך פֿונאַנדער. די שטומקייט — צעשניטן פֿון מעסער.
פּערל און פּערל און פּערל, מיט יַמיקע רוישן געהיימע,
רעגענען שוין פֿון די ליפּן, ס׳באַפֿאַלט מיך אַ פּערלנע אימה.

...גרילן, ווי שוסטערלעך, קלאַפּן די גראָזן אַריַין אין מיַין שטערן,
ס׳קומט אויפֿן בוידעם אַ לאָנקע און לאָזט אויף מיַין באַק אירע טרערן.
ס׳קרייען געקוילעטע הענער לכּבוד אַ רגע פֿון טרויער.
שנייען צעגאַנגענע גיסן געצונדענעם ספּירט אין מיַין אויער.

ווער האָט פֿאַרשיכּורט די פֿינגער, זיי זאָלן באַשאַפֿן אַ שורה:
״אַלע וואָס ענדיקן לעבן פֿאַרזייען אין מיר זייער גבֿורה?״
— טײַבעלע, האָסט מיר געשאָנקען אַ בלעטל פּאַפּיר ווי אַ שפּיגל,
האָסט מײַנע ווערטער וואָס בלאָנקען מיר איבערגעשפּרייט
מיט די פֿליגל!

מע קאָן אָן מורא פֿאַר גוזמא זאָגן, אַז פֿון אַלע וואָס האָבן, פֿון אַ מאָל ביז הײַנט, באַשריבן, באַזונגען און געשילדערט דעם מאָמענט פֿון דער קינסטלערישער אינ־ספּיראַציע, האָט עס קיינער ניט געטאָן מיט אַזאַ פּאָעטישער טיפֿקייט און אייגנאַר־טיקייט ווי דאָס האָט געטאָן דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער אין דעם ציטירטן ליד פֿון דער פּאָעמע «אָדע צו דער טויב». (אַרײַן אין בוך מיטן זעלבן נאָמען). אין דער אָ פּאָעמע, וואָס באַשטייט פֿון צען זעכצן־פֿערזיקע לידער, איז פֿאַראַן דער גאַנצער רעגן־בויגן־פֿעכער פֿון סוצקעווערס פּאָעטישער גרויסקייט. דאָ האָט אים די טויב, זײַן מוזע, באמת אַ קוש געטאָן אין די ליפּן און ס'האָבן זיך פֿאַר אים געעפֿנט אין וויזיאָנערער התגלות די שלעסער פֿון אונטער־יַמיקע טיפֿן וואָס צויבערן מיט פֿאַנ־טאַסטישע פּערל; די פּערל פֿאַרוואַנדלען זיך אין ווערטער וואָס איבער זיי שוועבט דער טויבס פֿליגל אויף דעם בלעטל פּאַפּיר — דעם שפּיגל פֿון דעם דיכטערס אינ־ספּירירטער, באַגײַסטערטער נשמה.
לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט אין איינער פֿון זײַנע טיפֿע באַטראַכטונגען וועגן אַלערליי קונסטן, זיך באַמיט אויפֿצווײַזן, אַז די פּלאַסטישע קונסט שטייט העכער ווי די פּאָעזיע־קונסט און ווי די מוזיקקונסט. אַבֿרהם סוצקעווער אין זײַן פּאָעמע «אָדע צו דער טויב» איז, ווי סע זעט אויס, מחולק מיט דעם גאון פֿון רענעסאַנס. אליבא ד'סוצקעווער געהערט די קרוין פֿון דער קונסט דווקא דער דיכטונג, וואָס אין איר איז אײַנגעזאַפּט דער חן און די שיינקייט פֿון אַלע קונסטן.
ער זינגט:

בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב אין דײַן חומר,
בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אייביק דאָס פּנים פֿון טרוימער.
דאָ, צווישן אָפּקלאַנגען רויע, פֿאַרזונקענע, ליימיקע פֿאָרמען,
זאַמל איך זילבערנע זילבן, צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען.

און ווײַטער:

זונפֿאַרגאַנג זינגט אין אַ לעמפּל. און אונטערן מאַגישן לעמפּל
בוי איך פֿון ביינערנע קלאַנגען, באַגאָסן מיט בלוט מײַנס, — אַ טעמפּל.
ער האָט דאָס וואָרט ניט דערזונגען, אַזוי איז דאָס וואָרט ניט־דערשליפֿן!
גליט דער ווולקאַן פֿון פּאָעזיע פֿאַרזיגלט אין בראָנדזענע טיפֿן.

און ווײַטער אין דעם זעלביקן ליד:

דאָ, מיט דער פּען, דיריזשיר איך אָן אייגענע, שטילע קאַפּעליע:

אין דעם זעלביקן ליד זינגט אויך דער פּאָעט וועגן דעם צעשטערערישן וואָרעם וואָס באַוויזט זיך אין דעם פּאָעטס טעמפּל, דער וואָרעם וואָס די שיינקייט פֿון דער ווערטער־מוזיק איז אים פֿרעמד. ניט געקוקט דערויף, הייסט עס, וואָס דער דיכטער איז באַשיצט און געהיט פֿון זיין טויב, מיידן אים ניט אויס קיין יִיאושדיקע נסיונות.

בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!
קומט אין אַ פֿייַער דער טייַוול צו ברענגען מיין טויב צום נסיון.
גראָ איז די זון. אַלע פֿאַרבן פֿאַרשפּינט ער מיט גראָע לישייַעס,
איבערגעברענט איז דער טעמפּל, ס׳אַנטלויפֿן די זייַלן ווי חיות.

קינדער, ווי גאָלדענע פֿייגל, צעלייגט ער אַצינד אין סקעלעטן,
סם אויף די ליפּן פֿון קלאַנגען, זיי זאָלן פֿאַרסמען פּאָעטן.
פּנימער שטעקן אויף העלדזער ווי שאָטנס פֿון העק אין דער נידער.
גליקלעכע זענען די טויטע ווען אייַזן און פֿליש זענען ברידער.

זומפּיק די ערד און דער הימל, און איך ביזן האַלדז בין געזונקען.
פֿייַער — און מיר אַזוי פֿינצטער. אַ שטיין מיט פֿאַרלאָשענע פֿונקען.
בלויז אין די גלייביקע פֿינגער דאָס בלעטל פּאַפּיר דאָס פֿאַרהיטע,
מוזן די פֿייַערן קניִען, זיי האָבן אויף דעם ניט קיין שליטה.

אין דעם דראַמאַטישן געראַנגל איז צום סוף מנצח דער פּאָעט:

ווייס איך: די טויב איז דאָס בלעטל, וואָס לאָזט ניט פֿאַרגליווערן פֿינגער,
ווערטער, ווי אייביקלעך, זאָלן געדענקען די צייַט פֿון באַצווינגער.
טעג אָן דער טויב זענען מילבן, אַ לויב צו די לויטערע פֿאָרמען!
זאַמל איך זילבערנע זילבן צו קענען מיין טייַבעלע קאָרמען.

ס׳איז ניט שייך צו טייַטשן קיין פּאָעזיע און דערצו נאָך אַ פּאָעזיע וואָס איז פֿול מיט סימבאָלן. יעדער איינער דאַרף זיי דעשיפֿרירן מיט זיין אייגענעם שליסל און לויט זיין אייגענעם געמיט. סוצקעווערס פּאָעמע «אָדע צו דער טויב» איז אַן אָדע צו דער מאַגישער יצירה פֿון דיכטער, וואָס קומט פֿון סודותדיקע הויכקייטן און נידערט צו תהומיקע טיפֿענישן. די הויכקייטן און טיפֿענישן זענען פֿול מיט פֿאַנטאַסטישע געהיימע געשטאַלטן און מהותן וואָס סימבאָליזירן דעם קינסטלערס געראַנגל ביים בויען ׳מיט זוניקן שׂכל׳ דעם טעמפּל פֿון דיכטונג. און ס׳איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סוצקעווערן, וואָס דווקא אין דער אַ אייביקער מיסטעריע פֿון יצירה צילט ער אַרייַנצוברענגען דאָס ליכט פֿון ׳זוניקן שׂכל׳ און ער ווייס, אַז ״טעג אָן דער טויב זענען מילבן, אַ לויב צו די לויטערע פֿאָרמען״. אַגב האָבן מיר שוין געהאַט געזאָגט, אַז סוצקעווער פֿאַרטונקלט אַ מאָל בכיוון דאָס ליכט פֿון זיין וואָרט, אָדער פֿון זיין ווערטער־געֿרעם, כּדי מ׳זאָל נאָך בולטער דערזען די פֿינקלדיקע שייַן פֿון זיין פּאָעטיש בילד, פֿון זיין פּאָעטישן פּערל וואָס איז איינגעפֿאַסט אין דער בראָש פֿון ׳לויטערע פֿאָרמען׳.

□

כ'האָב געטראָפֿן לייענערס וואָס האָבן געפֿרעגט: אויב די טויב איז די געטלעכע השראה פֿונעם דיכטער, טאָ וועך איז די טענצעריןן צו וועלכער דער פּאָעט ווענדט זיך כּסדר אין זײַן אָדע? זאָל די טענצערין זײַן דער סימבאָל פֿון לעבן, פֿון ליבע? ווער ס'וואָלט וועלן אויף דער שאלה קאָנקרעט ענטפֿערן און אָנווײַזן מיטן פֿינגער דעם נימשל צום משל, וואָלט געזינדיקט מיט ריזיקאַלישער פּרשנות, וואָס די קונסט פֿאַרטראָגט ניט.

וואָס מע קאָן און מע דאַרף יאָ טאָן, איז אָנווײַזן אויף דער שײנקייט פֿון די פֿערזן אין דער אָדע: זיי איבערראַשן אונדז — אַפֿילו בײַ אַזאַ איבערראַשנדיקן דיכטער ווי ס'איז אַבֿרהם סוצקעווער:

טענצערין, זאָג מיר ווו ביסטו? די האָר מײַנע פֿילן דײַן פֿלאַטער...
ענטפֿערן קאָן מיר די טויב ניט: וווּ איז דײַן היים, דײַן טעאַטער?
ס'ברענגט מיר אַ מאָל דײַנע אויגן אַ סאַרנע אין זוניקע טויען,
ווער איז דער ציטער אין גאָרטן ווו ס'בליִען שאַגאַלישע בלויען?

הינטערן וואָלד אין אַ רעגן ווער אָטעמט מיך אײַן רעגנבויגיק?
ווער איז די נאַקעטע כוואַליע — אָן גלידער און דאָך אַזוי בויגיק?
ווער איז די שנייען־לאַווינע צעגליט איבער פֿעלדזענע ראַנדן?
קושן די בריסט וויל אָן אַדלער, באַשיט זי אים באַלד מיט גירלאַנדן.

ווער איז דער שפּיגל אין טרערן? ווער זענען די פּנימער נײַע?
ווער איז די פֿרוי אינעם אָרון, די רויזן־באַדעקטע לוויה?
ס'דרייען זיך, דרייען די רעדער און שלינגען און וויקלען מײַן שאָטן,
הײַנטיקן טאָג האָט אַ רידל אַליין זיך אין קבֿר פֿאַרשאָטן.

ווער איז די ווײַסע פֿאַרוואַנדלונג, וואָס קאָן ניט אַרויס פֿון בעריאָזע?
ווער איז דער אָפּהילך פֿון שטילקייט און ווער איז די שטילקייט די ראָזע?
וועט מיר ניט ענטפֿערן קיינער? צי ברענען אין מיר משוגעתן?
הײַנטיקן טאָג האָבן שטיינער אַליין זיך פֿאַרשטיינט אין די גאַסן!

דער דיכטער פֿרעגט אַ סך שאלות וואָס צערודערן דאָס געמיט. צי ענטפֿערט ער אויף די שאלות? צי איז בכלל פֿאַראַן אַן ענטפֿער אויף די אייביקע שאלות פֿון בן־אדם? ס'קאָן זײַן, אַז דער וואָס האָט אין זײַן פּאָעטישן חזיון דערזען דאָס בילד, ווי אַ רידל האָט זיך אַליין פֿאַרשאָטן אין קבֿר, אָדער ווי שטיינער אין די גאַסן האָבן זיך אַליין פֿאַרשטיינט, וועט אויך זוכה זײַן צו געפֿינען אַ באַשייד אויף די רעטענישן וואָס מאַטערן אויך אונדז, זײַנע לייענערס.

פֿון אַלע דראַמאַטישע געראַנגלען, ספֿקות און שאלות קומט אָבער דער פּאָעט צו איין גרויסן אמת און דעם גרויסן אמת אַנטפּלעקט ער פֿאַר אונדז אין זײַן «אָדע צו דער טויב»:

העי, איר פּאָעטן, פּאָעטן, אָן אײַך איז דאָס לעבן אַ דרעמל,
ס'וואָלט דאָך שוין לאַנג אָן פּאָעזיע געקניט פאַרן טויט ווי אַ קעמל.
ס'וואָלטן סײַ מענטש און סײַ חיה געפּײַניקט זיך עלנטער, פרעמדער,
ס'וואָלט ניט מײַן טויב מײַן געטרײַע באַגלייט מיט אַ פליט איבער לענדער...

□

נאָך אַלע זײַנע איבערלעבענישן, ווען דער דיכטער פרעגט בײַ דער טויב לעבן ים-סוף, צי ער זאָל ווײַטער בויען זײַן טעמפּל — פאַרנעמט ער אַ דערפרייענדיקן און בענטשנדיקן קול:

בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!

און דאָס טוט אַבֿרהם סוצקעווער אין זײַן גאַנצער יצירה.

גײַסטיקע ערד /1958—1960/

בעצם וואָלט מען וועגן דער פּאָעמע «גײַסטיקע ערד» באַדאַרפט אָנשרײַבן אַ גרעסערע אַרבעט, ווײַל ס'איז אַ ווערק וואָס פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין אַבֿרהם סוצקעווערס שאַפן. איך וועל אָבער לעת-עתה בלויז מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער פּאָעמע, האָפנדיק אַז דער וואָס איבער אונדז וועט מיר געבן כּוח צו שרײַבן אויספירלעכער דערוועגן בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

לויטן זשאַנער איז «גײַסטיקע ערד» זייער נאָענט צו «געהיימשטאָט». ליריש געזאַנג, עפּישע שילדערונג און אינטערעסאַנטע נאַראַציע פורעמען דאָ אַן אייגנדיקן פּאָעטישן נוסח, וואָס סוצקעווער האָט אַזוי ווונדערלעך מאַניפעסטירט אין דעם ווערק וועגן דער קאַנאַלן-שטאָט אונטער דער ווילנער געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז דער אונטערשייד אין דער טעמאַטיק ברענגט אויך אַן אונטערשייד אין דער געמיטפאַרב פון די ביידע ווערק. פאַרט, ווען מע לייענט דאָס ערשטע קאַפּיטל פון «גײַסטיקע ערד» — דאָס קאַפּיטל «אויפן ים בײַם געבורט פון לעגענדעס», — דאַכט זיך אונדז, אַז מיר האָבן דאָ אַ המשך פון דעם חורבן-מאָטיוו וואָס אַבֿרהם סוצקעווער האָט אים געשילדערט אין זײַן «געהיימשטאָט».

כ'האָב שוין אַ מאָל געשריבן, אַז יעדער פּאָעט איז דער העלד פון זײַן לידער-ראָמאַן. וואָרעם יעדער פּאָעט ווערט דאָך אינספּירירט צו שרײַבן דורך זײַן איבערלעבונג, דורך זײַן שטימונג, אָדער דורך זײַן געדאַנק. אין איטלעכן ליד איז, בכן, פאַראַן אויטאָביאָגראַפיע און אַפילו אין דעם לירישסטן ליד שפּיגלט זיך אָפּ דעם דיכטערס לעבן.

די עפּישע באַזונדערקייט פון דער פּאָעמע «גײַסטיקע ערד» באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ניט בלויז דערציילט זי אונדז וועגן די פּנימיותדיקע ראַנגלענישן און איבער-לעבונגען פון פּאָעט, נײַערט אויך וועגן די דרויסנדיקע געשעענישן וואָס האָבן אָט די איבערלעבונגען גורם געווען. זי דערציילט אונדז אין דעם ערשטן קאַפּיטל

וועגן דעם פּאָעטס נסיעה מיט דער שיף ׳פּאַטריאַ׳ קיין ארץ־ישראל און וועגן די מיטפּאָרערס וואָס ער האָט באַגעגנט אויף יענער שיף, בעת אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען דערציילט די פּאָעמע וועגן סוצקעווערס ערשטע איבערלעבונגען בײַם קומען אין לאַנד אַרײַן און זי שילדערט אַ ריי געשטאַלטן מיט וועלכע דער פּאָעט האָט זיך באַגעגנט.

□

די פּאָעמע «גײַסטיקע ערד» איז געטיילט אין דרײַ קאַפּיטלען מיט אַן עפּילאָג. זי איז געשריבן אין העקסאַמעטרישן פּערזנפּוס און יעדער קאַפּיטל באַשטייט פון אַ צאָל צען־שורהדיקע לידער. די פּאָעמע צייכנט זיך אויס מיט אַ רײַכפּאַרביקער און וויזיאָנערישער בילדערישקייט. ווי אויך מיט איר דינער מוזיקאַלישקייט. זי באַשטייט, צו באַניצן אַן אויסדרוק פונעם דיכטער, פון ׳דינסטע קלאַנגען, אויס־געבענקטע פּאַרבן׳. אירע גראַמען זענען, ווי דאָס רובֿ בײַ סוצקעווערן, איבער־ראַשנדיקע און דאָך — נאַטירלעכע און אומבאַדינגטע ווי זיווגים מן השמים.
אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון «גײַסטיקע ערד» נעמט אונדז דער דיכטער מיט אויף זײַן שיף־נסיעה קיין ארץ־ישראל. ס׳איז דאָס יאָר 1947. דער דיכטער לאָזט איבער איירעפּע און פּאָרט בויען זײַן דיכטערנעסט אין לאַנד פון די אָבֿות. דער פּאָעט שווימט אויף דער שיף ׳פּאַטריאַ׳ קיין ארץ־ישראל. ער פּאָרט אָנהייבן אַ נײַ קאַפּיטל אין זײַן לעבן, אָבער דער נעכטן, די ווילנער היים און די חורבן־קאַשמאַרן שווימען מיט אים מיט און ער קען נישט און וויל נישט זיך מיט זיי צעשיידן. אָט ווי סוצקעווער באַזינגט זײַן דעמאָלטיקע נסיעה אויפן ים און די שטימונגען און געדאַנקען וואָס דער ים וועקט אויף אין אים:

איינזילביק וואָרט מײַנס: ים! ווי קאָן דיך פאַנגען
אַ זילב? ווי קאָן פאַרזיגלען דײַן סטיכיע
אַ קלאַנג, וואָס איז אַ קינד פון דײַנע קלאַנגען,
געבוירן אין אָרקעסטער פון דער שקיעה?
ניט איך — נאָר וווּנדן זינגען דיר אַ הימען,
ווי מושלען, וואָס געדענקען נאָך די דנאָען.
ווײַל אין דײַן קעניגרײַך ניטאָ קיין סימן
פון אַשמדאי, וואָס האָט אין זײַן שגעון
געצוונדן מענטשן אויף דער ערד ווי סמאָלע.
צי האָסטו דעמאָלט ניט געקאָנט פאַרפלייצן זײַן ממשלה?

דאָ, אויף דער שיף ׳פּאַטריאַ׳, וואָס דער דיכטער זאָגט, אַז ״פאַרגלײַכן קען מען זי צו אַ קענטאַוור, / וואָס האָט אַראָפּגעשלונגען פּאַסאַזשירן״, שווימט מיט אים אויך זײַן פאַרברענטע היים און ער זעט זי אומעטום:

דער זונפאַרגאַנג — מײַן שטאָט! איך זע זי בולט.
האָב זי געקושט אין פײַער, איצט — אין וואַסער,
און יעדע מאָל איז זי אין מיר געקוילעט — — —

דער עיקר וואָס דער דיכטער וויל אונדז דערציילן פֿון דער נסיעה זײַנער איז אָבער וועגן די פּאַסאַזשירן וואָס פֿאָרן מיט אים צוזאַמען אויף דעם זעלביקן וועג צום זעלביקן לאַנד. זעקס פֿאַרשוינענע זענען זיי און דער פּאָעט זאָגט וועגן זײַנע העלדן: זיי זענען ״אַ בינטל אותיות־פּורחות פֿון אַ תּפֿילה״. זיי זענען, פֿראַזאַיִשער גערעדט, זעקס שׂרידי החרבֿ פֿון דער היטלעריסטישער רציחה; זעקס ניט־דערברענטע האַלעוועשקעס, וואָס איטלעכער האָט זיך געראַטעוועט אויף אַן אַנדערן אופֿן און מיט אַנדערע נסים. איצטער האָבן זיי זיך אַלע פֿאַרזאַמלט אויף דער שיף ״פּאַטריאַ״ און זיי פֿאָרן אַנהייבן פֿון דאָס נײַ אין דעם לאַנד וואָס וועט אין אַ קורצער צײַט אַרום ווערן אַ ייִדישע מדינה (דערווײַלע ווייס עס נאָך קיינער ניט אויף זיכער, כאָטש די בשׂורה טראָגט זיך שוין אין דער לופֿטן). זיי שווימען אויף דער ״פּאַטריאַ״ צו דער נײַער היים און פֿירן איר מתּנות — די גרויליקע און אויס־טערלישע איבערלעבונגען זייערע, אָבער אויך די נסים פֿון זייערע אַנטרינונגען.

דאָס קאַפּיטל «אויפֿן ים בײַם געבורט פֿון לעגענדעס» דערמאָנט, ווי געזאָגט, אין דער פּאָעמע «געהיימשטאָט». דער דיכטער באַקענט אונדז מיט אַ צאָל פֿון זײַנע מיטפֿאָרערס און איטלעכער דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פֿון גרויסן פֿײַער. מיר זעען דאָ דעם מתים־ברענער פֿון בערגן־בעלזן גערשוני, וואָס אים איז ״אין מלכות פֿון טויט געגאַנגען אין לעבן צו וויסן וויפֿל מינים בלומען עס באַצירן די געגנט״ פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער (גרשוני איז אַ באָטאַניקער). ער האָט בײַם ברענען די מתים געפֿונען אויפֿן קערפּער פֿון אַ טויט מיידל אַ מעדאַליאָן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ זעלטענער בלום. ווען ער האָט גענומען דעם מעדאַליאָן אין האַנט, האָט ער דערזען, אַז דאָס מיידל איז גאָר זײַן כּלה וועמען ער האָט געשאָנקען דעם מעדאַליאָן. איצטער פֿירט ער אין ייִדישן לאַנד אַרײַן דעם דאָזיקן מעדאַליאָן פֿון זײַן פֿאַרברענטער כּלה, ווי אַ מתּנה.
דער צווייטער פּאַסאַזשיר אין סוקצעסיע אויסטערלישער שיף־סבֿיבֿה איז לוקאַ, ״מיטן פּנים פֿון אַ וואָלף און מיט לאַקן וואָס פּאָספּאַריזירן״. ער איז זיבן יאָר געווען פֿאַרשיקט אין אַ סאָוועטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעץ אין ווײַטסטן צפֿון, בײַ די עסקימאָסן. ווען ער האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרפֿרוירן ווערן און די וואָך פֿון לאַגער וואָס פֿלעגט די אַרעסטאַנטן באַגלייטן צו דער אַרבעט, האָט אים געלאָזט ליגן אויפֿן אײַז, אַז ער זאָל שוין דערפֿרירן ביז צום סוף, האָט אים געפֿונען אַן עסקימאָסיש מיידל און זי האָט אים אָפּגעראַטעוועט בײַ איר טאַטן, דעם עסקימאָס אין יורטע. איצט שווימט לוקאַ צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, לענאַ, דער יונגער עסקימאָסקע, זײַן רעטערין, קיין ארץ־ישׂראל און לוקאַ פֿירט קיין ארץ־ישׂראל זײַן מתּנה: דאָס קינד אין דער טראַכט פֿון זײַן לענאַ.
שולמית איז די דריטע פּאַסאַזשירקע וואָס פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל מיט דער ״פּאַטריאַ״־שיף. זי איז אַ געוועזענע אַקטריסע. זי האָט אונטער דער ממשלה פֿון די נאַציס דערזען אין טעאַטער־זאַל, אָנשטאָט מענטשן — ביקסן. צו מאָרגנס, דערציילט זי, האָבן די געפֿאַנגענע געזאָגט קדיש נאָך זיך אַליין און דעמאָלט זענען אירע גרויע האָר צוריק שוואַרץ געוואָרן. אָט די צוריק־שוואַרץ־געוואָרענע האָר, ווי אַ סימבאָל, איז מסתּמא איר מתּנה פֿאַר דער נײַער היים.

מאיר גאַליצקי איז געווען אַ פּאַרטיזאַן. ער רעדט ווייניק. ער קלימפּערט בלויז מיטן קייטל פֿון אויסגעשאָסענע גילזן. מיט אַזאַ צאָל קוילן האָט ער שטיל געמאַכט נאַצי־שדים אין וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד. ס'איז צו פֿאַרשטיין, אַז קיין ארץ־ישׂראל פֿירט ער די גילזן פֿון די אויסגעשאָסענע קוילן, ווי אַ מתּנה.

פֿאַראַן אויך אויף דער שיף אַן אַלטע פֿרוי, מאַטלע, וואָס פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל צו איר קרובֿ וואָס מען רופֿט אים 'כּבֿיכול'. איר פּשוטער תּמימותדיקער גלויבן איז אפֿשר די שענסטע צווישן די אַלע מתּנות, וואָס האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען אַנטקעגן די דרײַ מתּנות פֿון אונדזער גרויסן י.־ל. פּרץ.

□

דאָס צווייטע קאַפּיטל, וואָס דער דיכטער רופֿט אָן «די סאַבּרעס בלײַען», פֿירט אונדז אַרײַן קיין ארץ־ישׂראל און ס'לעבן פֿאַר אונדז אויף די ערשטע אײַנדרוקן פֿון פּאָעט בײַם באַגעגענען זיך מיט דער לאַנדשאַפֿט און דער עיקר — מיט די ארץ־ישׂראל־מענטשן:

ס'איז נאַכט. אַ הויז בײַ שייך־אַברעק. דאָ וווין איך
בײַם ברודער. אייגן בלוט און היימיש נענטסטער.
זײַן יום־טובֿ מיט אַ הויפֿן אַש באַלוין איך...
בלחש קומט אין צימער דורכן פֿענצטער
אַ פֿײַגנבוים. ער ברענגט מיר אַ מתּנה
אַ זיסן מילכוועג. יע, אַ גוטער סימן.
— שהחיינו, ברודער, פֿײַגנבוים — שהחיינו!
אַזאַ מין בוים איז ווערט אַ ליד, אַ הימען.
אַ פֿײַגנבוים? דאָס איז דער עץ־החיים,
באַבלעטערט מיט אַ לעבעדיקן יידן־דור אַ נײַעם.

צווישן אָט דעם לעבעדיקן יידן־דור, דעם נײַעם, באַגעגנט דער פּאָעט פֿאַרשיידענע געשטאַלטן. זײַן בליק פֿאַרהאַלט זיך אָבער לענגער אויף די אומגעוויינטלעכע צווישן זיי. אַזאַ איז די געשטאַלט זמירי. אָט ווי דער פּאָעט שילדערט אים:

מײַן חבֿר זמירי שטאַמט פֿון אוקראַיִנע.
שוין צענער יאָר אין לאַנד, נאָר אונטער וועגנס
צו זיך אַליין. עס רוט אויף אים די שכינה
בײַם שילדערן די אייגנשאַפֿט פֿון רעגנס
און היגעביימער. אַז די ביימער שווײַגן
מוז ריידן זמירי: "אָט איז מײַן אידעע —
געהער צו דער פּאַרטיי פֿון זיסע פֿײַגן,
און בלויז אַ בוים זאָל זאָגן דיר אַ דעה".
מײַן חבֿר זמירי גיט זיך ניט קיין וואַקל:
— אַ באָמבע? ניט קיין חידוש. אַ געוויינטלעכער ספּעקטאַקל.

יאָ, ס׳איז די צײַט פֿון אַראַבישן טעראָר און אויך פֿון ייִדישן קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט וואָס האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו די אַראַבער און וויל צו נישט מאַכן די לעצטע רעשטלעך פֿון דער הבֿטחה וואָס איר אַ מיניסטער האָט אַ מאָל אַזוי פֿײַערלעך געגעבן די ייִדן. סוצקעווער וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אָט דעם קעסלגרוב פֿון ערבֿ דער מדינה, פֿון קאַמף צווישן ייִדן און ענגלענדער, צווישן ייִדן און ייִדן, איז אַ ביסל מבֿולבל און ער פֿרעגט:

איז דאָס די קליינע גרויסע ערד אָן מעסטונג?
איז דאָס די ערד, וואָס גייט אַרײַן אין סידור?
ווּ דער באַשעפֿער האָט געבויט זײַן פֿעסטונג,
צעשפּליטערט זי און פּלאַנט צו בויען ווידער?
איז דאָס די ערד פֿון זונגען און טראַנסן,
ווּ אויך דער טויט איז ניט רעאַל? דערווײַלע
פֿאַרשיכורן איינמאַליקע ניואַנסן,
און ערגעץ מאָנט אַ שאלה נאָך אַ שאלה — — —
איך טרינק דעם ווילדן, גרויען ווײַן פֿון שטיינער,
ווי ס׳וואָלט אַ זעג מײַן פֿינצטערניש געזעגט מיט אירע ציינער.

פֿאַרשיכורט פֿון אָט די ׳איינמאַליקע ניואַנסן׳ און זוכנדיק אָן ענטפֿער אויף די מאָנענדיקע ׳שאלה נאָך אַ שאלה׳, באַגעגנט דער פּאָעט אינטערעסאַנטע טיפּן און פּערזענלעכקייטן אין לאַנד. ער טרעפֿט דעם מחבר פֿון פּרוזשאַנט גרישע וואָס האָט דאָ אין לאַנד זיך געראַטעוועט פֿון היטלערן, אָבער זיך ניט אײַנגעוואָרצלט אין דער היגער סבֿיבֿה. שפּעטער באַגעגנט דער דיכטער די שרײַבער־־סבֿיבֿה אין תּל־אָבֿיבֿ און ער שילדערט אייניקע פֿון אירע טיפּן. מיט באַזונדערער ליב־שאַפֿט שילדערט ער דעם פּאָעט שׂימחה (אײַזן) ווי אויך דעם ,זקן׳ ווי מ׳האָט גערופֿן דעם אָנפֿירער פֿון פּלמ״ח יצחק שׂדה און וואָס איז דעמאָלט קוים אַלט געווען אַ יאָר פֿופֿציק. רירנדיק איז די באַגעגעניש פֿון סוצקעווערן מיט מאַניע שוחט וואָס איז געקומען אים זען פֿון איר קיבוץ אין אויבער־גליל. אָט ווי סוצ־קעווער זינגט וועגן דער באַגעגעניש:

דערווײַל קומט אָן אַ ווײַסע פֿרוי פֿון אויבער־
גליל. דאָס פּנים שלאָגט מיט האַרעוואַניע.
אַ זילבער־פֿעכער איז דער טשוב, דער שויבער,
געננוג צו זאָגן בלויז איר נאָמען: מאַניע.
און ווי עס טריקנט אַ מאַלאַריע־באָדן
דער אייקאַליפּטוס־בוים און ווערט ניט זעטיק.
אַזוי איז מאַניע מיטן לאַנד געלאָדן.
אַ נײַע מאָס פֿאַר ייִדישער עסטעטיק.
זי ברענגט מיר פֿון גליל אַ הענגל טרויבן.
אַזעלכע פּערל זענען בלויז בײַ איר אין קיבוץ, אויבן.

□

כ׳וועל מער ניט נאָכדערציילן די אַלע אײַנדרוקן און איבערלעבונגען וואָס דער פּאָעט שילדערט אין דעם שפּעטערדיקן קאַפּיטל «אַ חלום פֿון אַ גאָלדשמיד» און אין דעם «עפּילאָג». כאָטש די דערציילונג איז ביז גאָר וויכטיק אויף וויפֿל זי אַנטפּלעקט וויכטיקע מאָמענטן אין דעם פּאָעטס ביאָגראַפֿיע, איז אָבער נאָך וויכטיקער דאָס געזאַנג וואָס ברענגט אַרויס דאָס געמיט פֿונעם פּאָעט, זײַנע שטימונגען און מחשבֿות בײַ דער קאָנפֿראָנטאַציע מיט אָט דער נײַער צײַט און רעאַליטעט פֿון ערבֿ־מדינה. סוצקעווער האָט שפּעטער אין אַ סך לידער געזונגען וועגן דער מדינה און אירע קאַמפֿן, דער מדינה און אירע ראַנגלענישן. אין זײַן שאַפֿן, קאָן מען זאָגן, געפֿינט מען די זינגענדיקע געשיכטע פֿון מדינת־ישׂראל, פֿון אירע מלחמות און בויונגען, פֿון אירע דערגרייכונגען און דורכפֿאַלן. אָבער די פּאָעמע «גײַסטיקע ערד» איז און בלײַבט אַ גרויסער קנין אין זײַן שאַפֿן און זי וועט דינען אי ווי אַ באַווײַז פֿון סוצקעווערס גרויסע פּאָעטישע יכולתן און אי ווי אַ קינסטלערישער דאָקומענט וואָס אָן אים וועט שווער זײַן צו פֿאַרשטיין די צײַט וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט היסטאָרישע ווענדונגען.

נײַע לידער /1978—1980/

וואָס איז אַזוינס פּאָעזיע בכלל און גרויסע פּאָעזיע בפּרט? צענדליקער און הונדערטער האָבן שוין געפּרוווט אויף דער שאלה געבן אַן ענטפֿער. דאַרף מען דאָ אויסרעכענען זייערע נעמען? כ׳מיין, אַז דאָס איז ניט נייטיק, מחמת עס גייט דאָך ניט אין דעמאָנסטרירן ערודיציע. אַ פֿאַקט איז, אַז פֿון זינט פּלאַטאָ און אַריסטאָ אָמפּערט מען זיך וועגן דעם ענין, מע וויל פֿאַר אים געפֿינען אַ גענויע דעפֿיניציע און מע קאָן ניט קומען צו קיין טאָלק. ס׳ווײַזט זיך תּמיד אַרויס, אַז וויפֿל כּללים מ׳זאָל ניט אויפֿציילן בײַם באַשטימען דעם מהות פֿון פּאָעזיע, קומען תּמיד אַרויס נײַע כּללים וואָס זענען ניט ווייניקער וויכטיק ווי די אויפֿגעציילטע. אחוץ דעם דאַרף מען אויך געדענקען, אַז יעדער גרויסער קינסטלער, יעדער גרויסער פּאָעט ווײַכט אָפּ פֿון די אָנגענומענע כּללים און שאַפֿט זײַנע אייגענע. מע קאָן דעריבער באַשטימען ווי אַ כּלל, אַז יעדער גרויסער פּאָעט שאַפֿט פֿריִער פֿאַר אַלעם זײַנע אייגענע יוצא־מן־הכּללס.
וואָס איז אַזוינס גרויסע פּאָעזיע? אין אַלגעמיינע שטריכן קאָן מען ענטפֿערן, אַז גרויסע פּאָעזיע איז דאָס, וואָס ברענגט צום קינסטלערישן אויסדרוק שטאַרקע, גרויסע געפֿילן (עזה כּמות אהבה, קשה כּשאול קינאה). גרויסע פּאָעזיע דערציילט וועגן טיפֿע איבערלעבונגען, שטימונגען און דערקענטענישן. אין גרויסער פּאָעזיע איז פֿאַראַן דער פֿלאַטער פֿונעם בן־אָדם צו דערגרונטעווען זיך צו דעם סוד און דעם זינען פֿון זײַן; דעם אַלטן מה יתרון לאדם מכּל עמלו; די שײַכות פֿון מענטש צו גאָט אָדער צו דאָס געטלעכע, צו דאָס מיסטעריעזע, וואָס געפֿינט זיך אויף

יענער זײַט פֿאַרהאַנג פֿון אונדזער ערדישן לעבן; גרויסע פּאָעזיע שפּיגלט אָפּ די צײַט און דאָך ווירקט זי אויף אונדז אייביק. ועל כּולם: גרויסע פּאָעזיע טראָגט אויף זיך דעם יחידישן חותם פֿון דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זי געשאַפֿן און דאָך רעדט זי צו אַ סך מענטשן וואָס האָבן אַ חוש, אַ טאַלאַנט פֿאַר פּאָעזיע. נאָך מער: וואָס אָריגינעלער, יחידישער ס'איז דער פּאָעט, אַלץ מער אַפּעלירט זי צום געמיט און צו דער מחשבֿה פֿון אַנדערע מענטשן; וואָס מער זי איז 'איך', אַלץ מער איז זי 'דו'. אָדער ווי לאַמאַרטין האָט געזאָגט: וואָס מער זי רעדט וועגן זיך, אַלץ מער מיינט זי — דיך.

גרויסע פּאָעזיע איז אין דער אמתן אויך גרויסע פֿילאָסאָפֿיע. ווי אַנדערש אין דער פֿאָרעם ס'זאָל ניט זײַן שיר השירים פֿון קהלת זענען זיי אָבער ביידע גרויסע פּאָעזיע, הגם ס'איז אָנגענומען, אַז שיר השירים איז פּאָעזיע און קהלת איז פֿילאָסאָפֿיע. וואָרעם גרויסע פּאָעזיע שטעלט שאלות העומדות ברומו של עולם און כאָטש זי פֿאַרענטפֿערט זיי ניט, טוט זי, אויף אַן אַנדער אופֿן, דאָס זעלביקע וואָס די פֿילאָסאָפֿיע: זי צווינגט אונדז צו טראַכטן — ניט נאָר וועגן דעם שטייגער פֿון אונדזער לעבן, נאָר אויך וועגן דעם זינען פֿון אונדזער לעבן.

ס'איז אמת, אַז 'וואָס מער סע בײַט זיך, אַלץ מער בלײַבט עס בײַם אַלטן', ווי ס'גייט די באַקאַנטע פֿראַנצייזישע מימרא. ס'איז אָבער אויך אמת אַז 'אַלץ שטראָמט', ווי עס לערנט אונדז דער אַלטער העראַקליט. פֿאַראַן גרונטיקע געפֿילן וואָס זענען אייביק. פֿאַראַן שאלות וואָס פֿאַרגייען ניט, זענען תּמיד גילטיק און זיי מאַטערן דעם בן־אָדם מאז ועד הנה. פֿון דעסטוועגן ווייסן מיר דאָך, אַז די לעבנס־פֿאָרמען בײַטן זיך פֿון דור צו דור. ס'בײַטן זיך אונדזערע באַגריפֿן וועגן שיינקייט, ס'קומען אויף נײַע ניואַנסן אין אונדזער באַנעמען גוטס און שלעכטס; ס'בײַטן זיך אויך די ווערטער־סימבאָלן וואָס זענען די סמנים פֿון אונדזערע דער־קענטעניש און מיט וועלכע מיר קאָמוניקירן זיך מיט אַנדערע מענטשן. קאָן זײַן, אַז אין תּוך גענומען רעדט האָמער וועגן דאָס אייגענע וואָס אַ הײַנטיקער פּאָעט, אָבער אויב מיר, הײַנט, זאָלן רעדן מיט די זעלביקע וואָרטסימבאָלן וואָס האָמער, אויב מיר זאָלן באַניצן די זעלביקע סינאָנימען, אימאַזשן און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, וואָלט אַ הײַנטיקער מענטש זיך אפֿשר ניט דערקענט אין אַזאַ פּאָעזיע און מיר וואָלטן אויף אים ניט געווירקט מיט איר. דאָס וויל זאָגן, אַז הגם אין דער פּאָעזיע פֿון דעם אַלטן לעגענדאַרן גריך קומען צום אויסדרוק די געפֿילן און אַנטפּלעקונגען וואָס זענען אַקטועל אויך הײַנט, איז אָבער פֿאָרט פֿאַראַן אַ גרונטיקער ניואַנסן־אונטערשייד צווישן דעם אַמאָל און דעם הײַנט און מיט דעם אַ אונטערשייד איז אויף אונדז משפּיע דער פּאָעט פֿון הײַנט.

יעדער גרויסער פּאָעט ברענגט מיט זיך אַ נײַעם וואָרטגעצײַג און אַ נײַע פֿאַר־מולירונג פֿון באַגריפֿן, ווײַל אין יעדער צײַט לעבט דער מענטש איבער דאָס זעלביקע, נאָר אַנדערש און אין יעדער צײַט פֿרעגט ער די זעלביקע שאלות, נאָר אַנדערש. גרויסע פּאָעזיע ברענגט מיט זיך די אַ אַנדערשקייט און דערמיט רעדט זי צו דעם דור און דערמיט רעדט דער דור דורך איר.

□

דאָס אַלץ וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן איז אינספּירירט פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס נײַע לידער וואָס ער האָט געשריבן אין די יאָרן 1978—1980 און האָט זיי פּובליקירט אין די גאָלדענע קייט און אין בײַ זיך. די לידער און לידער־סעריעס וואָס וועלן מסתּמא בקרובֿ אַרויס אין בוכפֿאָרעם, געהערן בלי־ספֿק צו דעם וואָס מיר רופֿן אָן און צו דעם וואָס מיר דעפֿינירן ווי גרויסע פּאָעזיע. דערבײַ איז דאָ ניט נייטיק צוצוגעבן, אַז אויך אין זײַנע פֿריִערדיקע ביכער זענען פֿאַראַן געניגוג שאַפֿונגען וואָס געהערן צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע און טאַקע אין זייער זכות באַשטימען מיר אַבֿרהם סוצקעווערן ווי אַ גרויסן פּאָעט אין דער הײַנטצײַטיקער, ניט נאָר ייִדישער, ליריק.

זענען אין סוצקעווערס לידער פֿון די לעצטע פּאָר יאָר פֿאַראַן מאָטיוון וואָס מיר האָבן ביז איצטער ניט געטראָפֿן אין זײַן פּאָעזיע? אונדז דאַכט: אין די אָ לידער זענען פֿאַראַן נײַע וואַריאַציעס אויף טעמעס וואָס מיר האָבן שוין פֿריִער געטראָפֿן אין סוצקעווערס פּאָעטישן קאַלײדאָסקאָפּ. נאָר די לידער באַזונדערן זיך אויס מיט זייער פּאַרטיפּטקייט אין דעם חשבון־הנפֿש וואָס דער דיכטער מאַכט מיט זיך און מיט דער וועלט. זיי צייכענען זיך אויס, די נײַע לידער, אויך מיט זייער דערוועגטקייט אויפֿצוהייבן אַ שפּיץ פֿאָרהאַנג פֿון איבער דער געטלעכער און מענטשלעכער מיסטעריע און דערפֿון — די פֿאַרכאַפּנדיקע וויזיעס דורך וועלכע ס'ווערט אונדז קלערער די איינזאַמקייט, די ציטערניש און דאָס פּײַנגעפֿיל פֿון דעם בן־אָדם אין אונדזער דור — אַ דור וואָס לעבט אין אַ צײַט ווען די קאַנטראַסטן זענען קיין מאָל ניט געווען אַזוי שאַרף און אַזוי אימהדיק ווי איצטער.

□

פֿאַראַן אין סוצקעווערס נײַע לידער אַן עמקותדיקער טאָן פֿון חשבון־הנפֿש. דאָס איז ניט קיין חשבון־ אָדער השתּפּכות־הנפֿש וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די פּאָעטן פֿון די פֿריִערדיקע דורות. אַבֿרהם סוצקעווער איז תּמיד געגאַנגען און ער גייט ווײַטער זײַן אייגענעם וועג און זײַן וועג מײַדט אויס לאַמענטאַציע, אַ פּשיטה שוין — סענטימענטאַליזם. סוצקעווערס כּוח איז — צו בלײַבן 'מיט זיך אַליין אין צווייען'; צו פֿירן מיט זיך אַליין אַ דיאַלאָג דורך בילדער און דורך דערזעונגען דורך וועלכע מיר דערפֿילן זײַן חשבון מיט זיך און מיט גאָט. אין דעם פּרט גייט דער מאָדערנער פּאָעט אפֿשר ווײַטער פֿון איובֿן, ווײַל איובֿ האָט בלויז געהאַט אַ טענה צו גאָט, דער הײַנטיקער אמתער דיכטער האָט אויך אַ טענה צו זיך אַליין און ער וואַרט אויף אַ תּשובֿה ניט נאָר פֿון גאָט, נײַערט אויך פֿון זיך און פֿון זײַנע ברידער און שוועסטער — די מענטשן.

אין סוצקעווערס אויסדרוק, אין זײַן ליד וועגן אַהרן צייטלין, אַז דער שרײַבטיש איז דער 'מזבח פֿון פּאָעטן', איז פֿאַראַן אַ סך אמת קודם־כּל וועגן סוצקעווערן גופֿא. מע זעט בחוש אַז בײַם שרײַבן דאָס ליד האָט דער פּאָעט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט די קאָשמאַרן פֿון יענער צײַט ווען דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר. די אָ בילדערישע קאָשמאַרן קערן זיך כּסדר און כּסדר אום צום דיכטער, אפֿשר דערפֿאַר וואָס ער אַליין איז צו זיי כּסדר עולה־רגל, ווי ער זינגט עס אין

ערשטן ליד פֿונעם ציקל זײַנעם «לידער פֿון טאָגבוך 1980» (די גאָלדענע קייט נומ׳ 103:

און װעל איך צו מײַן היימשטאָט עולה־רגל־זײַן אום װינטער
מיט זיך אַליין אין צװייען, װי אַצינד אין דער מחשבֿה,
דורך שװאַרצע שנייען װעל איך עולה־רגל־זײַן צום צװינטער
װוּ ס׳הױערן די קנײטשן פֿון מײַן רעטערין יאַנאָװע.

יעדער דיכטער האָט זײַן אַרכימעדעס־פּונקט פֿון װעלכן ער קערט איבער, אַזױ צו זאָגן, די װעלט. סוצקעװערס אַרכימעדעס־פּונקט איז די איבערגעקערטע חורבן־װעלט. ניט בלױז איז ער עולה־רגל צו יענער צײַט, נאָר ער גייט גאָר פֿון איר ניט אַװעק. די איבערלעבונגען פֿון חורבן זענען די פּריזמע דורך װעלכער ער קוקט, זעט און נעמט אויף אַלצדינג װאָס עס געשעט אַרום אים און אין אים. סוצקעװער זעט דעם חורבן װי אַ קאָסמישן אומגליק, װי אַ קאָסמישע קאַטאַס־טראָפֿע, װאָס איז אַ פּגם אין דער יצירה. און װײַל ס׳איז אַזױ געשען, לעבט ער כּסדר מיטן אימה־געפֿיל, אַז אַזױ װעט װידער געשען, אַז װידער דערנענטערט זיך דער טאָג װען —

די צײַטראָד װעט געשװינד זיך טאָן אַ דריי צוריק, נאָך שנעלער,
קאַשמאַרישער, װי מײַן געדריי דורך פּעטליעס און דורך נעגל.
און דו, מײַן רעטערין, װעסט מיך באַהאַלטן אין אַ קעלער,
דו־דו, װאָס אין געדאַנק בין איך צו דיר שוין עולה־רגל.

ס׳װעט זיך איבערחזרן די סכּנה, די אימה, אָבער מערקװערדיק: ס׳װעט זיך אויך איבערחזרן דאָס גוטס, די גוטסקייט: זײַן רעטערין װעט װידער אים ראַטעװען. סוצקעװער ראַנגלט זיך אָפֿט אין זײַן ליד מיטן פּעסימיזם, מיט דער שװאַרצ־זעונג און ער קלאַמערט זיך אין זײַן אָפּטימיזם, אין זײַן גלױבן װאָס אים האָט ער מאַניפֿעסטירט אין די אימהדיקסטע מאָמענטן אין געטאָ און אין װאַלד. דער זעלביקער גלױבן לײַכט אין זײַן ליד אויך הײַנט, כאָטש דאָס געמיט אין דעם שימערירט אויך מיט ניואַנסן פֿון טונקלעניש.

☐

דאָס געראַנגל צװישן יִיאוש און האָפֿענונג איז דער דואַליזם װאָס צערודערט און באַצװינגט אונדז אין סוצקעװערס יצירה. זײַן דואַליזם באַצייכנט ער אַזױ פּאָעטיש־װוּנדערלעך מיטן זאָג: ׳מיט זיך אַליין אין צװייען׳. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַראַן מאָמענטן װען דער יִיאוש, די אימה איז גובֿר, אָבער קיין מאָל ניט אָן געראַנגל, קיין מאָל ניט אויף אַזױ פֿיל, זײ זאָלן פֿאַרלעשן דעם דיכטערישן שײַן פֿון האָפֿענונג און גלױבן.

אַפֿילו װען סוצקעװער זינגט ׳מיר זענען אין אָרקעסטער בלױז די נאָטן׳, װײס ער אײנצײַטיק, אַז ״פֿאַראַן אַ דיריגענט און ס׳קען אונדז אויסװייניק בלױז יענער״. בײַ אַלע יסורים, און אַלע גרױלן — פֿאַרלירט ניט דער דיכטער דעם גלױבן, אַז

פֿאַראַן עמעץ איבער אונדז, אין אונדז, וואָס גיט אַ זינען און אַ טעם דער טראַ־גישער מוזיק פֿון אונדזער לעבן.

סוצקעווערס וויזיעס רודערן אונדז אויף ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דער נשמה. זיי אָטעמען מיט אַ קאָסמישן גרויל, וואָס איז חל ניט בלויז אויפֿן בן־אָדם, נאָר אויך אויף דער אַזוי גערופֿענער טויטער נאַטור, אויף דעם צומח און דומם. אַזוי דערציילט ער אונדז, אַז אים איז באַקאַנט אַ וואַלד: אַ משוגעים־הויז פֿאַרביימער. לאָמיר ציטירן דאָס גאַנצע ליד, ווײַל איבערדערציילן איז ניט מעגלעך:

אונטערוואַלדיש געלעכטער

באַקאַנט איז מיר אַ וואַלד: אַ משוגעים־הויז פֿאַר ביימער,
פֿאַרשלאָסן זענען זיי אין וואַלד. ביים וועכטער איז דער שליסל.
זיי רײַסן זיך פֿון קאָפּ די פֿייגל, רוישן צו דער שטילקייט
און בעת אַ שטורעם טרינקען זיי דעם ווײַן פֿון זײַנע בליצן.

דורך זייערע ווי ערבֿ־קופּער גרינע קאָרידאָרן
שפּאַצירן דאָ די טעג. זיי קומען איינציקווײַז אין ווײַסע
כאַלאַטן. דורך די זעלביקע, די גרינע קאָרידאָרן
אַנטרינען זיי מיט זידנדיקע פֿלעקן אויף דער ווײַסקייט.

ס'איז יעדער בוים אַ תּפֿיסה אין אַ תּפֿיסה. נאָר די וואָרצלען
צעשטראָמען זיך מיט מאָכיק אונטערוואַלדישן געלעכטער.
זיי נישטערן און זוכן און דערטאַפּן ביינער, שאַרבנס,
אַרײַנצובויערן אין זיי: דאָס משוגעת פֿון לעבן.

מיר איז ניט באַקאַנט נאָך איין ליד אין דער פּאָעזיע אין וועלכן דאָס 'משוגעת פֿון לעבן' (אָדער די אימה פֿאַר דעם דאָזיקן משוגעת) זאָל זיך האָבן 'אַרײַנ־געבויערט' מיט אַזאַ אָריגינעלער בילדערישקייט און מיט אַזאַ סוגעסטיוון כּוח ווי אין די צוועלף שורות פֿון דער אַ אומפֿאַרגלײַכלעכער פּאָעטישער שאַפֿונג.

בעת מיר לייענען סוצקעווערס נײַע לידער האָבן מיר אָפֿט דעם אײַנדרוק, ווי די פֿילם־טאַשמע פֿון צײַט וואָלט געלאָפֿן אויף צוריק און פֿון דאָרטן געבראַכט בילדער, געפֿילן, איבערלעבונגען, וועלכע זענען שוין געווען. דאָס איז פֿריִער אויך פֿאָרגעקומען, ווײַל ווי געזאָגט, קערט זיך דער דיכטער תּמיד אום צו דער חורבן־צײַט ווי צו דעם ברענפּונקט אין זײַן לעבן. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן, אַז בשכבו ובקומו געדענקט ער דעם אומקום און די פֿאַרשטאָרבענע. דאָס דאָזיקע געדענקען קומט אויך צום אויסדרוק אין אַזאַ ליד ווי «חלום־צײַט»:

מײַן שוועסטער וואָלט פֿון מיר געווען שוין עלטער,
נאָר זי איז דרײַצן יאָר און ווערט ניט עלטער.

צעטיילט האָט זי איר צײַט פֿאַר די וואָס האָבן
קיין צײַט ניט, און דעם רעשט פֿון אירע גאָבן —

די רינגלטויבן אויפֿן אַלטן בוידעם.
איר חלום־צײַט — פֿאַר מיר געלאָזן קודם.

און ער ענדיקט דאָס ליד אַזוי:

איך טרינק איר חלום־צײַט אַן אויפֿגעהעלטער,
נאָר זי איז דרײַצן יאָר און ווערט ניט עלטער.

דאָס האַלטן אין זכרון די פּײַן פֿון יענע וואָס זיי איז ניט באַשערט געווען צו ווערן עלטער, באַגלייט סוצקעווערן דאָס גאַנצע לעבן און רײַסט זיך אַדורך דורך אַלע שפּאַרונעס פֿון זײַן יצירה. ניטאָ בײַ אים קיין איין בוך אין וועלכן די אָ פּײַן זאָל ניט קומען צום אויסדרוק, זאָל ניט אַרויסזיינגען.
דאָס מערקווערדיקסטע אין סוצקעווערס דיכטונג און אין סוצקעווערס פּערזענלעכקייט איז דאָס, וואָס ער האָט זיך ׳אויסגעלערנט׳ פֿון דער פּײַן, פֿון דיליידן אַרויסצוציִען אַ מין שעפֿערישן כּוח, אַ מין שעפֿערישן ווילן, וואָס פֿאַרשיכּורט אים און אינספּירירט אים צו שאַפֿן. אין דעם בוך «פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים» זינגט ער וועגן דער ׳מוזיק פֿון יסורים׳. דאָס קאָנען אויפֿנעמען די מוזיק פֿון יסורים איז אַ מין באַזונדערער עלעמענט אין סוצקעווערס פּאָעזיע און געפֿינט אויך אַן אויסדרוק אין זײַנע נײַע לידער און באַזונדערש אין דעם ליד וואָס מיר ברענגען דאָ:

דערקענטעניש

איצטער דאַנק איך און לויב דעם סקאָרפּיאָן
פֿאַרן שענקען אַ שיכּורן ווייטיק.
איידער מאָנבלומען צינדן זיך אָן
און די נעפּלען צעבליִען זיך קווייטיק.

אינעם שטאָך ביזן סאַמע יסוד,
אינעם סם פֿון דער נאָדל, איןביידן
איז פֿאַרהוילן דער אייביקער סוד
וואָס דער ווייטיק אַליין קען באַשיידן,

אַז צו ערשט איז געווען דער סקאָרפּיאָן
און געזוכט פֿאַרן לעבן אַ נאָמען.
איידער מאָנבלומען צינדן זיך אָן
איז ער האַר איבער אַלע אַטאָמען.

בעתן ציטירן דאָס ליד זײַנס «דערקענטעניש» גיב איך זיך אָפּ אַ חשבון, אַז איך טו אַן עוולה דעם דיכטער, וואָרעם אין דער אמתן וואָלט מען וועגן דעם אײנעם ליד געקענט און באַדאַרפֿט אָנשרײַבן אַ פֿאַרטיפֿטע אַרבעט, וואָס זאָל באַטראַכטן

די פּראָבלעם פֿון יסורים אינעם באַשאַף — אַ פּראָבלעם וואָס הערט ניט אויף צו מאַטערן דעם דענקענדיקן מענטש אַזש פֿון דער צײַט פֿון איובֿ.
אַבֿרהם סוצקעווער, דער פּאָעט וואָס קאָן אויף זיך זאָגן דעם פּסוק 'אני הגבֿר', איז אָבער ניט קיין שילטער און ניט קיין לעסטערער. פֿאַרקערט, אין זײַנע ערגסטע מינוטן, אין זײַנע ברענענדיקסטע יסורים ראַנגלט ער זיך מיט זיך אַליין כּדי צו דערהאַלטן זײַן אמונה, זײַן גלויבן, אַז די פּײַן און דאָס לעבן האָבן אַ זינען.
און וואָס איז דער דאָזיקער זינען? דאָס איז די פּאָעטישע יצירה, דאָס מענטשלעכע וואָרט, דאָס דיכטערישע וואָרט. דאָס דאָזיקע שאַפֿערישע וואָרט האָט אים כּוח געגעבן זיך צו ראַנגלען אין געטאָ און בלויז דאָס דאָזיקע וואָרט גיט אים ווײַטער כּוח זיך צו ראַנגלען פֿאַרן אייביקן מאָרגן. דער גלויבן אין וואָרט דערגייט בײַ אים ביז דער מדרגה פֿון אַ גלויבן אין אַן אחרית הימים. אַט ווי ער זינגט:

און ס'וועט זײַן בײַם אויסלאָז פֿון די טעג,
דעמאָלט וועט געשען: דער בן־אָדם
וועט ניט מער דערנענטערן צו זײַן הונגעריק מויל
ניט קיין ברויט, ניט קיין רינדפֿלייש,
ניט קיין פֿײַג, ניט קיין האָניק:
פֿאַרזוכן וועט ער בלויז אַ וואָרט אָדער צוויי
און ווערן געזעטיקט.

אַבֿרהם סוצקעווערס נײַע לידער, געשריבן אין די יאָרן 1978—1980, געהערן צו פּאָעזיע של מעלה, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. ס'איז אַ פּאָעזיע פֿון די העכערע גײַסטיקע רעגיאָנען, ווו די קלאַנג־ און פֿאַרב־סימפֿאָניעס פֿון וואָרט ווערן דיריגירט דורך אַ מײַסטער, וואָס האָט אויפֿן וועג צו זײַן לײַטערונג און דערגרייכונג דורכגעשפּאַנט דעם פּײַנלעכסטן נסיון פֿון זײַן דור און פֿון זײַן פֿאָלק.
לאָמיר אַלע בעטן בײַ דעם שר־של־שירה, אַז אַבֿרהם סוצקעווער זאָל נאָך לאַנג־לאַנג שפּאַנען אויפֿן וועג צו נײַע פּאָעטישע דערגרייכונגען, צו וועלכע בלויז ער איז מסוגל...

יאַנואַר, 1981

גרינער אַקוואַריום /1953—1975/

דער וואָס האַלט, אַז אַבֿרהם סוצקעווער איז אין זײַן פּראָזע אַ פּאָעט איז געוויס גערעכט, וואָרעם סוצקעווער איז אַ פּאָעט און קאָן ניט זײַן עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער איז. פֿון דעסטוועגן מיין איך, אַז די וואָס באַצייכענען זײַן בוך גרינער אַקוואַריום ווי פּאָעזיע אין פּראָזע מאַכן אַ טעות, כאָטש ס'איז אמת אַז מע קאָן אין זײַנע באַשרײַבונגען און דערציילונגען געפֿינען אַ גאַנצע ריי עלע־מענטן מיט וועלכע ער האָט זיך קונה־עולמו געווען אין זײַן פּאָעטישן שאַפֿן.

בכלל איז הײַנטיקע צײַט שווער צו דעפֿינירן וואָס אַזוינס עס מיינט די באַצייכענונג 'פּאָעזיע אין פּראָזע'. בײַם אָנהייב פֿון יאָרהונדערט, לאָמיר זאָגן, איז דער דאָזיקער באַגריף נאָך געווען, מער־ווייניק, קלאָר און מע האָט געוווסט אַז מיט 'פּאָעזיע אין פּראָזע' ווערט געמיינט אַ געזעמל לירישע פּראָזעס, על־פּי־רובֿ מיט אָנזעעוודיקע אויסרוף־צייכנס, וואָס דער פּאָעט האָט זיי באַפֿרײַט פֿון יעדער מעטרישער קאָנטראָל און פֿון יעדן גראַם־חיובֿ. בײַם הײַנטיקן טאָג אָבער, נאָך דעם ווי דער פֿרײַער פֿערז האָט שוין אין זײַן פֿרײַקייט אַפֿילו מוותר געווען אויף די געזעצן פֿון סינטאַקסיס, מוז שוין דער דיכטער ניט אָנקומען צו אָט דער פֿאָרעם, אויב ער וויל אָפּווײַכן פֿון קלאַסישן וועג אין דער פּאָעזיע.
אין סוצקעווערס פּראָזע קאָן מען אויף איטלעכן שפּאַן טרעפֿן דעם אָריגינעלן פּאָעט און זיך אַפֿילו דערמאָנען אין זײַנע לידער. פֿאָרט איז דאָס בוך זײַנס גרינער אַקוואַריום אַ בוך פּראָזע. אמת, זייער אייגנאַרטיקע פּראָזע, כ'וואָלט אַפֿילו געזאָגט: ערשטמאָליקע פּראָזע (אין אונדזער יִדישער ליטעראַטור), אָבער פֿאָרט פּראָזע וואָס ווײַזט אונדז מענטשן אין באַשטימטע סיטואַציעס און ווײַזט אונדז סיטואַציעס ווי גורל־קנופּן אין מענטשלעכן לעבן. ניט נאָר אין די גרעסערע דערציילונגען, וואָס גייען אַרײַן אין דעם אָפּטייל «משיחס טאָגבוך», נאָר אַפֿילו אין די «קורצע באַשרײַבונגען» (ווי דער מחבר רופֿט זיי) פֿון דעם אָפּטייל «גרינער אַקוואַריום», ווערן געשילדערט געשטאַלטן און געשעענישן, וואָס ווי יוצא־דופֿנדיק זיי זאָלן ניט זײַן, זענען זיי דאָך געניוג רעאַל, כּדי מיר זאָלן אין זיי דערקענען די צײַט מיט איר משוגע־געוואָרענעם שטייגער. וואָר איז, אַז אַזעלכע שורות ווי: "דײַנע ציין זענען ביינערנע קראַטן, הינטער זיי, אין אַ קרישטאָלענער צעל, דײַנע געשמידטע ווערטער" זענען עלול צו מאַכן דעם אײַנדרוק אַז דער שאַפֿער האָט זיי פֿאַרגעסן אויסצושטעלן אין דעם גראַ־פֿישן סדר אין וועלכן זיי זאָלן קאָנען אַוועקגיין אין דער וועלט אַרײַן צוזאַמען

מיט זייַנע לידער. אָבער כאָטש מע קאָן אַזעלכע שורות אָנטרעפֿן אויף כּמעט יעדן זייַטל פֿון בוך, שוואַכט דאָס לחלוטין ניט אָפּ אונדזער טענה, אַז סוצקעווערס גרינער אַקוואַריום איז אַ בוך פֿון עכטער ביז גאָר אָריגינעלער פּראָזע וואָס געשריבן האָט זי אַ ביז גאָר אָריגינעלער און אייגנציקאַרטיקער פּאָעט.

□

בכלל: אויב מע זאָל זיך אַרייַנלאָזן אין דעפֿיניציעס וועלן אַפֿילו אַזעלכע פּשוטע ענינים ווי פּאָעזיע און פּראָזע אויך קאָמפּליצירט און אומקלאָר ווערן. אויף יעדן פֿאַל וועט זיך גיך אַרויסווייַזן, אַז די גרענעץ צווישן זיי איז אַ זייער דינע. יעקבֿ גלאַטשטיין האָט געהאַלטן אַז יעדער פּאָעזיע דאַרף אין זיך פֿאַרמאָגן אַן עלעמענט פֿון פּראָזע (ער האָט דאָס באַצייכנט ווי אַן עלעמענט פֿון 'געזאָג' אינעם 'געזאַנג'). אונדזער מחבר, סוצקעווער, האַלט אַז יעדער פּראָזע דאַרף האָבן אין זיך פּאָעזיע, אָט אַ שטייגער ווי די פּראָזע פֿון ספֿר שמות האָט אין זיך די פּאָעזיע פֿון אָז ישיר, אָדער די פּראָזע פֿון ספֿר דבֿרים האָט אין זיך דאָס געזאַנג פֿון האַזינו. בכל אופֿן איז, ווי געזאָגט, זייער שווער צו דעפֿינירן די גרענעץ צווישן פּאָעזיע און פּראָזע און איר צו געבן אַ סטאַבילע געזעצלעכקייט. מע קאָן בלויז רעדן וועגן אייגנשאַפֿטן וואָס שיידן אונטער די צוויי זשאַנערס און דאָס אויך מיט דער באַוואָרעניש, אַז אַפֿילו אין דעם דאָזיקן כּלל זענען פֿאַראַן אַזעלכע יוצא־מן־הכּללס, וואָס ניט רעכענען זיך מיט זיי איז אוממעגלעך.

דאָך, אַז מיר רעדן וועגן פּאָעזיע, האָבן מיר אין זינען די געפֿילן וואָס דער פּאָעט ברענגט אַרויס, די וויזיעס וואָס ער מאַכט אונדז זען און די מוזיק וואָס ער לאָזט אונדז הערן. אוודאי שליסט פּאָעזיע ניט אויס עפּיק, דערציילונג, שילדערונג אאַז״וו א״וו. אָבער די אַלע עלעמענטן זענען פֿאַר איר פֿאַרט ניט די כאַראַקטעריסטישע. דערקעגן אַז מיר רעדן וועגן פּראָזע האָבן מיר בעיקר אין זינען די געשטאַלטיקונג פֿון טיפּן און כאַראַקטערס, די שילדערונג פֿון נאַטור און לעבנסשטייגער, ועל־כּולם האָבן מיר אין זינען, רעדנדיק וועגן פּראָזע, די געשעעניש אָדער די קייט געשעענישן, וואָס וועגן זיי דערציילט און זיי מאַכט פֿאַר אונדז לעבעדיק דער פּראָזאַיִקער אין זייַן ראָמאַן, דערציילונג אאַז״וו א״וו.
פֿון אָט דעם שאָטנדיק־סקיצירטן קוקווינקל איז אַבֿרהם סוצקעווערס גרינער אַקוואַריום — ווי מיר האָבן שוין פֿריִער אונטערגעשטראָכן — אַ בוך עכטע פּראָזע: ס'איז באַפֿעלקערט מיט טיפּן און געשטאַלטן, עס פֿאַרמאָגט שילדערונג פֿון סבֿיבֿה און שטייגער און דער עיקר: עס דערציילט און מאַכט לעבעדיק געשעענישן וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער גורל.
נאָך מער: אַפֿילו אין די פּופּצן «קורצע באַשרייַבונגען» פֿון ערשטן אָפּטייל אינעם בוך, וווּ מיר דערפֿילן זייער אָפּט דעם מיסטעריעזן גלי מיט וועלכן עס אָטעמט אויף אונדז דאָס סוצקעווערישע וואָרט, באַווירקט אונדז אָבער פֿאָרט, מתּוך דער אויסטערלישער פֿאַנטאַסטיק, די רעאַליטעט וואָס דער מחבר שילדערט און דערציילט וועגן איר אויף זייַן אייגנטימלעכן אופֿן. ס'איז דערבייַ געווען צו

פֿאַרגלײַכן סוצקעווערס עפּישע פּאָעמעס און לידער פֿון דער שחיטה־צײַט מיט די באַשרײַבונגען פֿון גרינער אַקוואַריום, כּדי צו זען, אַז כאָטש דער דיכטער באַניצט אָפֿט איןביידע פֿאַלן זייער ענלעכע קינסטלערישע וואָרטמיטלען, איז ער אָבער אין ביידע זשאַנערס גרונטיק־פֿאַרשיידן.

□

אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע פֿאַרשיידנקייט? זי באַשטייט אין דעם, וואָס אין זײַנע פּאָעטישע ווערק איז סוצקעווערס ׳דריט אויג׳, דאָס אויג פֿון שעפֿער, תּמיד אָנגעשטעלט אויף דער אומרעאַליטעט, הינטער אָדער אונטער דער רעאַ־ליטעט. אין דער פּראָזע, דערהויפּט אין אַזעלכע זאַכן ווי «די פֿרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע», «די איובֿטע», «צווישן צוויי קוימענס», «דער פּויער וואָס האָט געזען גאָט», «צום אָנדענק פֿון אַ פּעלצל», «באַמקע» און אַנדערע, איז סוצקעווערס ציל דורך דער אומרעאַלער פֿאַנטאַסטיק צו שילדערן און געשטאַלטיקן די גרויליקייט און די פֿײַנלעכקייט פֿון דער רעאַליטעט. אין סוצקעווערס ליד ווערן קאָנקרעטע געשעענישן פֿאַרוואַנדלט אין סימבאָלן, אין זײַן פּראָזע קריגט ער אַרויס דורך היפּערבאָלן די טיפֿקייט און די וואָג פֿון די קאָנקרעטע געשעענישן. דאָס איז ווען עס רעדט זיך וועגן די «קורצע באַשרײַבונגען» פֿון דעם ערשטן אָפּטייל אין בוך, ווו דער לייענער קאָן אָפֿט מאָל טאַקע מאַכן דעם טעות און אָננעמען די הייס־אָטעמדיקע, בילד־פֿאַרכאַפּנדיקע מיניאַטורן פֿאַר דעם וואָס מע איז אַ מאָל געווינט גערופֿן אָנצורופֿן ׳פּאָעזיע אין פּראָזע׳. ווען אָבער מיר קומען צו די דערציילונגען פֿון דעם אָפּטייל «משיחס טאָגבוך» איז די גאַנצע שקלא־וטריא שוין אַן איבעריקע, כאָטש אויך אין די דערציילונגען פֿון דעם אָפּטייל באַניצט זיך דער מחבר אָפֿט מיט די אינסטרומענטן פֿון דער פּאָעזיע כּדי אַרויסצובאַקומען די קינסטלערישע ווערטן פֿון דער פּראָזע.

□

אויך אין די מערסטע דערציילונגען פֿון דעם צווייטן אָפּטייל אינעם בוך ברענגט סוצקעווער אַרויס די רעאַליטעט פֿון דער שחיטה־צײַט, וואָס אין דער פּערס־פּעקטיוו פֿון יאָרן זעט זי אויס אַזוי פֿאַנטאַסטיש, אַזוי אומרעאַל. עס געהערט צו סוצקעווערס קינסטלערישן כּוח, צו דער אייגנאַרטיקייט פֿון זײַן טאַלאַנט, אונדז לכתּחילה אַרײַנצופֿירן אין דער ספֿערע פֿון דעם אומרעאַלן, פֿאַנטאַסמאַ־גאָרישן און אַפֿילו גראָטעסקן, כּדי מיר זאָלן קאָנען אויפֿנעמען און באַנעמען די רעאַליטעט וואָס שטײַגט איבער יעדער פֿאַנטאַזיע. מיר דאַרפֿן דאָ צוגעבן, אפֿשר ניט דרך־אַגבֿ, אַז אין תּוך גענומען שטרעבט יעדער קינסטלער צו ברענגען דערקענטעניש פֿון דעם וואָס ער איז צום שטאַרקסטן פֿאַראינטערעסירט, אָדער פֿון דעם וואָס האָט אים צום שטאַרקסטן פֿאַרכאַפּט און זעט אויס אין זײַנע אויגן ווי דער עיקר פֿון אַלע וועלט־רעטעניישן. סוצקעווער ווי אַ קינסטלער

וואָס איז באַשאָנקען מיט צוויי ווידעראַנאַנדיקע טאַלאַנט־ברכות: מיט טיפֿער אינטויִציע און מיט שעפֿערישן שׂכל, האָט געפֿילט און פֿאַרשטאַנען, אַז דאָרטן ווו די וואָר שטײַגט איבער די פֿאַנטאַזיע, דאָרטן קאָן די וואָר, די רעאַליטעט באַנומען און דערקענט ווערן נאָר ווען מע ווײַזט זי אין ליכט פֿון פֿאַנטאַסטיק, אין ליכט פֿון מיסטעריע, אין ליכט פֿון יוצא־דופֿן...

□

ווי געזאָגט פֿאַרנעמען זיך די מערסטע דערציילונגען מיט דער חורבן־תּקופֿה און מיט איר גרויל. אַפֿילו אַזאַ דערציילונג ווי «אַ שמייכל אין עק וועלט», וואָס איר פֿאַרלויף קומט פֿאָר העט־העט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט אויך ערגעץ ווו, אין איר אויסקלאַנג, דערפֿירט דורכן שרײַבער צו אוישוויץ און פּאָנאַר. בכלל דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַזאַ מין דערציילונג קומט אונדז אויס צו לייענען אין יִידישן לשון צום ערשטן מאָל. זי איז ניט בלויז ערשטמאָליק אין איר אָריגינאַליטעט, נאָר זי עפֿנט ממש אַ נײַ בלאַט אין דער יִדישער פּראָזע. און ווידער אַ מאָל: די דערציילונג איז דורכויס פּראָזע, כאָטש איר פֿאַנטאַס־טישקייט און איר אופֿן פֿון פֿאַרוועבן וואָר און אומוואָר איז אַזוי נאָענט און אייגן דער פּאָעזיע.

עס מוז אונדז פֿאַרוווּנדערן דאָס וואָס אין דער דאָזיקער דערציילונג, פּונקט ווי אין די מערסטע פֿון די אַנדערע דערציילונגען אין אָפּטייל «משיחס טאָגבוך», איז די פֿאַנטאַסטישע אויסטערלישקייט אַזוי רעאַל געשילדערט און געשטאַלטיקט. ס'איז אַן עקזאָטישע פֿאַנטאַסטיק, אַ סימבאָלישער גראָטעסק דורך וועלכע מיר דערזעען די משוגענע וואָר פֿון דער צײַט ווי אין אַ פֿאַטאַליסטישן כשוף־שפּיגל. «אַ שמייכל אין עק וועלט» פֿאַרמאָגט אַ גרויליקע שיינקייט, אָבער פֿאַרמאָגט אויך אַ טיפֿן רעיון, וואָס כּדי אים מפֿרש צו זײַן דאַרף מען גראָבן זייער טיף, כאָטש דער רעיון גופֿא ליגט, דאַכט זיך, אויבן אויף.

דורך דעם וואָס דער מחבר זעט צו און לעבט איבער אין יענעם עק וועלט, ווו ער איז צופֿעליק און אפֿשר ניט צופֿעליק („אפֿשר — זאָגט ער — האָט דאָ אויך געגאָלטן אַ מין געזעץ פֿון גראַוויטאַציע?") מגולגל געוואָרן, ווערט אים קלאָר ביז ווייטיק און עקל דער מהות פֿון אונדזער קולטור, אָדער קולטור־ירידה, דערהויפּט ווען זי, די קולטור אונדזערע, נעמט אײַנשטיין אין די הענט פֿון די נײַע מושלים פֿון פֿעלקער און לענדער, וואָס זענען אָקערשט באַפֿרײַט געוואָרן, כּדי פֿרײַערהייט נאָכצומאַכן די אַכזריותן פֿון זייערע נעכטיקע פֿאַר־שקלאַפֿערס. און אפֿשר? אפֿשר איז ‚עק וועלט' גאָרניט ערגעץ־ווו, נאָר טאַקע אומעטום? אפֿשר איז ‚עק וועלט' טאַקע די גאַנצע הײַנטיקע וועלט אונדזערע מיט איר מאָראַלישער דעגענעראַציע ווו די אינטעלעקטואַלן, שרײַבערס און פּאָליטיקערס פֿאַרנעמען זיך מיט לעקסיקאָנען און קונסט און איינצײַטיק שמייכ־לען זיי צו די וואָס שפּאַלטן די קעפּ פֿון מאַלפּעס וואָס זייער מוח, אײַנגעטונקט אין אַ ספּעציעלן סאָס, געהערט צו די דעליקאַטעסן פֿון די באַרימטע רעסטאָראַנען?

ס'איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סוצקעווערן, דעם פּאָעט און פּראָזאַיִקער פֿון דער שחיטה־צײַט, וואָס די פּוענטע פֿון דער דערציילונג איז דערפֿירט צו יענעם גרויל וואָס מיט אים איז פֿול זײַן גאַנץ שאַפֿן. ״וואָלטן מיר זיך ביידע געטראָפֿן אין אוישוויץ — שרײַבט ער אינעם בריוו צו וויליאַם בוק, זײַן גאַסטגעבער ערגעץ אין עק וועלט — וואָלט איר זיכער געווען מײַן מערדער״. יאָ, רעדן וועגן ליטעראַטור און אַנדערע הויכע קולטור־ענינים בעת מע עסט דאָס פֿלייש פֿון ברילנשלאַנג און מען שפּאַלט דעם מוח פֿון קליינע מאַלפּעס, כּדי זיך צו קוויקן מיט דעם גוטן טעם פֿון זייער מאַרך, דאָס איז אוישוויץ. דאָס איז די נעסט אין וועלכן דאָס איי פֿון נײַע אוישוויצעס בריען זיך אויס.

□

אין די דערציילונגען «דער צווילינגל», «יאַנינאַ און די חיה», «די ערשטע חתונה אין שטאָט», «משיחס טאָגבוך» און «דער נדר» רופֿט סוצקעווער צוריק די אַמאָ־ליקע קאָשמאַרע איבערלעבונגען אין זײַן איצטיקער ווירקלעכקייט אַרײַן. און כאָטש אַלע דערציילונגען האָבן צו טאָן מיט איין און דעם זעלביקן חורבן־גרויל, אַנטפּלעקט איטלעכע פֿון זיי ניט נאָר אַ באַזונדערן ווינקל פֿון דעם גרויל, נײַערט אויך עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט דער צײַט און דער ווירקלעכקייט אין וועלכער די דערציילונג ווערט געשריבן. יעדער דערציילונג האָט חוץ דעם, עפּעס וואָס קריצט זיך באַזונדערש אײַן אין געמיט ווי אַ מין סימבאָל פֿון קאָנטינויִטעט, אָדער ווי אַ וואָרענונג אַז דאָס איבערגעלעבטע פֿאַרנעמט נאָך אַלץ אַ גרויס אָרט אין דער באַדראָונג פֿון אונדזער לעבן.

די ווילנער געטאָ, פּאָנאַר, אוישוויץ, דער וואַלד, די מאַלינע — זיי זענען פֿאַר סוצקעווערן דעם פּאָעט און פּראָזאַיִקער נאָך אַלץ ניט קיין פֿאַרגאַנגענהייט...

“די נסים־נאַכט — דערציילט סוצקעווער אין זײַן דערציילונג «דער נדר» — האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ קעלער”... כּמעט אַלע דערציילונגען אין דעם אָפּטייל «משיחס טאָגבוך» זענען נסים־עפּיזאָדן פֿון אַ געראַטעוועט לעבן. אָבער דאָס דאָזיקע לעבן האָט צוגעזען די אויסטערלישע טויטן און קאָן זיך פֿון זיי ניט באַפֿרײַען.

□

בלויז אין איינער פֿון די דערציילונגען באַפֿרײַט זיך דער מחבר פֿון די נסים־גרוילן וואָס ער האָט איבערגעלעבט. דאָס איז אין דער חנעוודיקער קינד־צײַט־דערמאָנונג «דעם חלפֿס טאָכטער». סוצקעווער איז אין זײַן פּאָעזיע אַ סך מאָל צוריקגעגאַנגען אויף די שפּורן פֿון זײַנע קינדהייט־זכרונות. אויך אין דער דער־ציילונג גייט פֿאַר אונדז אויף דאָס ליכט פֿון דעם 'פֿאַרלוירענעם גן־עדן' — די קינדהייט און יוגנט און ס'איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין אָפּשײַן פֿון דעם אָ זיסן ליכט דערגרייכט דער מחבר צו אַ מין דינעם הומאָר ווען אַפֿילו אין דער דערציילונג «דער שטרײַק פֿון קברנים» דערגייט דער דאָזיקער הומאָר צו אַ מאַקאַברישן אויסקלאַנג.

אין סך־הכּל דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אבֿרהם סוצקעווער איז מיט זײַן בוך פּראָזע אַרויף אויף אַ נײַעם, בײַ אונדז ניט באַטראָטענעם וועג. מיט זײַנע דער־ציילונגען און בעיקר מיט זײַן אופֿן פון דערציילן, האָט ער ווי פֿאַריונגט אונדזער פּראָזע און זי אײַנגעשלאָסן אין דעם שטראָם פֿון דער מאָדערנער הײַנטצײַטיקער וועלט־ליטעראַטור מיט אירע פּראָבלעמען פֿון אַליינדערקענטעניש און מיט די נײַע קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען.
די ייִדישע ליטעראַטור האָט אויף אַזאַ בוך ווי גרינער אַקוואַריום שוין לאַנג געוואַרט.

דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן /1975—1978/

אין זײַן פּראָזעבוך דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן איז דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער ממשיך דעם אָריגינעלן קינסטלערישן דרך וועלכן ער האָט אויס־געטראָטן אין זײַן פֿריערדיקן פּראָזעבוך גרינער אַקוואַריום.
דער דיכטער שילדערט און דערציילט אונדז כּלערליי עפּיזאָדן פֿון דער געטאָ־רעאַליטעט, אָבער ער שילדערט און דערציילט אויף אַזאַ אופֿן, אַז מיר ווערן תּיכּף אַרײַנגעפֿירט און באַווירקט פֿון דער באַזונדערער פֿאַנטאַסמאַגאָרישער אַטמאָספֿער וואָס כאַראַקטעריזירט די אַ רעאַליטעט; אַן אַטמאָספֿער אין וועלכער מיר לעבן איבער ניט בלויז דעם שוידער, נאָר אויך דעם אומזינען פֿון געטאָ־פּײַן, ניט בלויז די אַכזריות, נאָר אויך דעם אַבסורד פֿון דער געשעעניש.
סוצקעווער, דאַרף מען זאָגן, מאַכט פֿאַר אונדז לעבעדיק די געטאָ־רעאַליטעט. ער ווײַזט אונדז דאַנטישע בילדער פֿון אַ בייזן חלום, אָבער דאָס איז ׳אַ חלום פֿון וועלכן עס רינט בלוט׳.
אונדזער יידיש בלוט!
עמעץ האָט געזאָגט, אַז די חורבן־תּקופֿה איז געווען אַ פֿינצטערער גרויליקער חלום אויף דער וואָר. דער דאָזיקער חלום האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף אַ בינע וואָס געהערט ניט צו דער רעאַליטעט און איז דאָך געווען אמתער ווי די רעאַלע וועלט. אויך דאָס אַלץ וואָס סוצקעווער שילדערט און דערציילט געשעט ערגעץ אויף אַ ווײַטן פּלאַנעט און איז דאָך אַזוי נאָענט — ממש אין אונדז גופֿא...
אין פֿלוג איז עס אַ וועלט, וווּ דער טאָג איז ניט קיין טאָג און די נאַכט איז ניט קיין נאַכט, דער הימל איז ניט אויבן און די ערד איז ניט אונטן. ס׳איז אַ וועלט, וווּ עס הערשט, למראית עין, דער ווילדער כאַאָס און דער צופֿאַל און דאָך, ווײַזט זיך אַרויס, איז אַלץ דאָ דעטערמינירט און פֿאַרויס באַשטימט לויט אַ געטלעכן, אָדער טײַוואָלאַנישן פּלאַן. יאָ, דאָס איז אַ וועלט וואָס אַפֿילו קאַפֿקאַ האָט זי ניט פֿאַרויסגעזען. וואָרעם ס׳איז די וועלט פֿון יידן־חורבן אין מיטן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

□

ווי אין זײַן פּאָעזיע איז אויך סוצקעווער אין זײַן פּראָזע אַ גייער אויף נײַע וועגן, אַן אַנטדעקער פֿון נײַע קונסטמיטלען און אַן אויסגעפֿינער פֿון נײַע, אייגענע וואָרטמעדיומס, אַ דאַנק וועלכע עס געלינגט אים צו געשטאַלטיקן דעם חלום־קאָשמאַר אויף אַ רעאַלן אופֿן.

סוצקעווער באַניצט דאָ די אייגנאַרטיקע, אָריגינעל־בליצנדיקע וואָרטמיטלען מיט וועלכע ער פֿאַנגט אונדז און רודערט אויף אונדזער געמיט אין זײַן וווּנדערלעכער פּאָעזיע:

"ס'איז געווען אַנהייב נאַכט. מיט קרומע קינזשאַלן האָט אַ רעגן זיך אַליין געקוילעט, נאָר פֿון זײַן אָפּענעם גאָרגל האָט געפּליוכעט בלויז וואַסער, בלויז וואַסער".

עס פֿעלט דאָ אַפֿילו ניט די מוזיקאַלישע איבערחזרונג פֿון דער פֿראַזע 'בלויז וואַסער, בלויז וואַסער', נאָך דעם ווי עס גייט פֿאַר אונדז אויף די וויזיע פֿון אַ רעגן וואָס קוילעט זיך אַליין מיט קרומע קינזשאַלן...

אַבֿרהם סוצקעווער איז דער פּאָעט־וויזיאָנער אויך אין זײַן פּראָזע.

ס'איז אָבער פֿאָרט פֿאַראַן אַ מהותיקער חילוק צווישן זײַן פּאָעזיע און זײַן פּראָזע. אין זײַן פּאָעזיע זעט סוצקעווער די מיסטעריע ווי אַ רעאַליטעט, אין זײַן פּראָזע ווײַזט ער אונדז די רעאַליטעט פֿון דער גרויליקסטער פֿאַנטאַסטיק.

שוין אין זײַן ערשטן פּראָזעבוך גרינער אַקוואַריום האָט דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער אויסגעטראָטן זיך אַ וועג וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ קינסטלערישן סינטעז אין וועלכן ס'האָבן זיך באַהאָפֿטן זײַנע בעסטע שעפֿערישע אייגנשאַפֿטן.

אין זײַן קינסטלערישן סינטעז האָט ער צוזאַמענגעבראַכט אונטער איין שעפֿערישן דאַך די פֿאַנטאַסטישע פֿאַרביקייט פֿון דער פּאָעטישער וויזיע מיט דער שטרענג פּרעציזער ליניע פֿון דער פּראָזאַישער געשטאַלטיקונג.

אויף דעם דרך שפּאַנט ער אויך אין זײַן בוך דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן. ס'איז אַן אייגנאַרטיקער סוצקעווערישער דרך, וואָס ער האָט אים אויסגעפֿלאָסטערט מיט זײַנע אייגענע שעפֿערישע יסורים און ער קאָן אויף אים זאָגן מיט די רייד פֿונעם באַרימטן פּאָעט: כ'האָב אים ניט זוכה געווען פֿונעם הפקר...

□

אין דער דערציילונג «לופוס» איז סוצקעווער מחיה־מתים דעם גרויל פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט וואָס צערודערט און צעטומלט זײַן הווה. אין דער דערמאָנטער דערציילונג רעדט דער מחבר וועגן זײַנע "כעמישע און איבערכעמישע עקספּערימענטן צו פֿאַרוואַנדלען אַ פֿאַריתומטן שאָטן אין זײַן געוועזענעם לעבעדיקן בעל־הבית".

צווישן דעם נאַראַטאָר־מחבר און זײַן העלד לופוס, דעם געוועזענעם ציאַנקאַלי־הענדלער אין געטאָ, גייט אָן אַ געפֿעכט וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש: לופוס וויל מע זאָל אים אַנטלעבן, בעת דער נאַראַטאָר־מחבר באַמיט זיך צו טאָן דאָס פֿאַרקערטע: אים אויפֿלעבן.

לופוס וויל, אַז מע זאָל אים און זײַן ציאַנקאַלי־האַנדל פֿאַרגעסן, דער מחבר וויל אַז מע זאָל געדענקען.

געדענקען ניט בלויז אים, נאָר אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אים און מיט דער צײַט ווען ער איז געווען דער הענדלער פֿון דעם ציאַנקאַלי־טויט.

אייגנטלעך באַמיִען זיך אַלע ייִדישע שרײַבערס, די גאַנצע ייִדישע נאָך־חורבן־ליטעראַטור, צו פֿאַרוואַנדלען די שאָטנס פֿון דעם אומגעבראַכטן נעכטן אין דעם לעבעדיקן זכּרון פֿון היינט.
מיט די 'כעמישע און איבערכעמישע עקספּערימענטן' פֿון דער קונסט מאַכט מען צוריק לעבעדיק אַל דאָס פֿאַרגאַנגענע, דאָס וואָס איז אין דער אמתן שוין מער ניטאָ און איז פֿאָרט פֿאַראַן, כּל־זמן אונדז געלינגט עס צו דערהאַלטן אין זכּרון.

די דערציילונג איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סוצקעווערס פּראָזע. צוויי סימבאָלישע געשטאַלטן ראַנגלען זיך אין איר וועגן דעם זינען פֿון דעם וואָס עס איז געשען אין דער שחיטה־צײַט, ווי אויך וועגן דעם אויפֿגאַב פֿון די וואָס האָבן זיך פֿון דער שחיטה געראַטעוועט.
אַנטלעבן, דאָס מיינט: פֿאַרגעסן, אָבער אויפֿלעבן, דאָס מיינט געדענקען.
ס'איז אפֿשר כּדאַי צו זאָגן אַז די צוועלף דערציילונגען אין סוצקעווערס פּראָזע־בוך דאַרפֿן ווי עס נעכטיקן די שטערן זענען פֿאַנטאַסטישע מיניאַטור־דראַמעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער בינע פֿון גרעסטן גרויל אין אונדזער געשיכטע, אָבער וועלכע האָבן אַ דירעקטן שײַכות צו אונדזער לעבן אויך היינט און מאָרגן.
אין יעדער פֿון די צוועלף דראַמעס שפּילן זיך אָפּ די כאַראַקטעריסטישע סצענעס און בילדער פֿון דער טראַגישער גרוילצײַט, וואָס ווערן פֿאַר אונדז פֿונאַנדער־געוויקלט מיט דער געבענטשטער קראַפֿט פֿון דער סוצקעווערישער וואָרטמאַגיק.

□

אַבֿרהם סוצקעווערס פּראָזע איז אמתע, עכטע פּראָזע, ניט געקוקט דערויף וואָס דער דיכטער דערגרייכט אַ טייל פֿון איר ציל און אַ טייל פֿון איר ווירקונג מיט די בעסטע וואָרטמיטלען פֿון זײַן פּאָעזיע.
ס'איז אין זײַן פּראָזע פֿאַראַן די מוזיקאַלישקייט, די פֿאַנטאַסטישקייט און שיינ־קייט פֿון זײַן פּאָעזיע. אָבער דער עיקר איז אין איר פֿאַראַן די איבערראַשנדיקע בילדערישקייט פֿון זײַן ליד, די וויזיאָנערישקייט פֿון זײַן פּאָעזיע.
ווי אין זײַן פּאָעזיע זענען אויך אין זײַן פּראָזע אָנזעעוודיק און ווירקנדיק זײַנע היפּערבאָלן און אַפֿילו זײַנע ווירטואָזישע קאַלאַמבורן.
צו מאָל געלינגט אים אונדז טיפֿער אַרײַנצופֿירן אין דעם קנויל פֿון די געטאָ־איבערלעבונגען מיט אַ ריי אַרויסזאָגונגען וואָס קלינגען ווי סענטענצן.
דאָס זענען סענטענצן, אַפֿאָריזמען פֿון אַן עולם־הפֿוך, פֿון אַ וועלט וואָס האָט זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ און וויל דערווײַזן, אַז אָט די קאַפּויערדיקייט געהערט גאָר צו דער נאָרמאַליטעט.
"די קײַלעכיקע פֿרײַהייט פֿון די רינגען" (פֿון די קייטן אויף זייערע פֿיס — י. י.).
אָדער:
"אַן אַנדערש מאָל האָט ער אײַנגעשלונגען זײַנע אייגענע ווערטער איידער זיי האָבן דערזען די פֿינצטערע שיין".

דער מענטש וואָס האָט אײַנגעשלונגען די אייגענע ווערטער איידער זיי האָבן דערזען ניט די ליכטיקע, נאָר די פֿינצטערע שײַן, דערטראַכט זיך צום געדאַנק אַז:
″אַ מענטש איז פֿאַרט אַ מענטש: ס'איז אים לײַכטער צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ חיה, ווי אַ חיה צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ מענטש″.
און דעמאָלט קומט ער צום אויספֿיר:
″לאָמיך זאָגן באַגלייבטער און גלייביקער: קאָנסט קיין מאָל ניט וויסן וואָס אַ מענטש איז — ניט″.
סוצקעווער זאָגט אויף זײַן שפּראַך אַז די שפּראַך זײַנע איז זײַן ″געראַטעוועט האַלאָוועשקע-לשון″. דער אמת איז אָבער אַז אין אָט דעם 'האַלאָוועשקע-לשון' האָט סוצקעווער פֿאַר אונדז אָפּגעראַטעוועט אַ לשון וואָס פֿאַקלט מיט אַ גוואַלדיקן ליכט, כ'האָב שיִער ניט געוואָלט זאָגן: מיט אַן אור הגנוז...
ווי שוין אָנגעדײַט, זענען סוצקעווערס דערציילונגען דראַמעס אין וועלכע דער מחבר-נאַראַטאָר פֿירט אַ כּסדרדיקן דיאַלאָג מיט אונדזער ייִדיש-מענטשלעכן גורל. אָבער דער דיאַלאָג איז ניט קיין רעטאָרישער. ער פֿירט זיך מיט דער הילף פֿון בילדער וועלכע סוצקעווער ברענגט אַרויס מיט אַן אַנטפּלעקערישן כּוח.
זײַנע בילדער קריצן זיך אײַן אין געמיט און אין זכרון מיט דער קראַפֿט פֿון זייער אָריגינעלקייט און זייער דערזעערישקייט.

□

איינע פֿון די שטאַרקסטע דערציילונגען אין בוך איז «דער שטיוול און די קרוין». מיט גאַנץ נײַע וואָרטמיטלען שניצט סוצקעווער אויס אַ געשטאַלט, פֿינצטער און אורקרעפּטיק ווי דער וואַלד, וואָס אָטעמט מיט רויען כּוח און מיט מאָרדלוסט. סוצקעווער דערגרייכט צו אָט דער סקולפּטורישער געשטאַלטיקונג מיטן ווײַזן אונדז די דרײַ ברענענדיקע אויגן זײַנע אין דער פֿינצטער; (איינס פֿון אָט די ברענענדיקע אויגן איז די אָנגעצונדענע ליולקע); די קופּערנע וואָנצעס וואָס הענגען אַראָפּ ווי 'די וואָג פֿון גערעכטיקייט'. מע זעט בפֿירוש ווי טראָפּים קאַפּעלקאָ 'טאַפּט דעם וואַלד מיט זײַנע נאָזלעכער'. שפּעטער צו, ווען טראָפּים קאַפּעלקאָ ווערט דערמאָרדט דורך זײַנע אונטערטאַנען וואָס האָבן אים געהאַלפֿן מאָרדן, ווערן מיר מערער אויפֿגעציטערט ווען סוצקעווער ווײַזט אונדז ווי זײַנע אַקערשטיקע חבֿרים צערייבן אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט ″און זיי צענעמען אים ווי מוראַשקעס אַ טויטן זשוק″.
ס'איז אַ בילד, אַ מעטאַפֿער, וואָס יעדער גרויסער פּראָזאַיִקער וואָלט זיך געקענט מיט אים איבערנעמען, כאָטש אין אים איז פֿאַראַן דער קינסטלערישער כּוח פֿון סוצקעווערן דעם פּאָעט.
לויט ווי מיר קומט אויס, איז אָבער אַבֿרהם סוצקעווערס גרעסטע קינסטלערישע דערגרייכונג אין דעם בוך דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן די דערציילונג «געטרײַע נאָדלען».
ס'איז אַ דערציילונג וואָס איז אַ פּערל אין אונדזער ליטעראַטור — אין אַלע ליטעראַטורן.

סוצקעווער האָט דאָ באַוויזן צו שאַפֿן אַ קרישטאָל־לויטערע אידיליע, לא מעלמאָ הדין, פֿון אַ שטאָף וואָס עקספּלאָדירט מיט זײַן טראַגיק.

□

כמעט אַלע דערציילונגען אינעם בוך זענען פֿון דער שחיטה־צײַט. בלויז אין איין דערציילונג, «די מטבע פֿון הימל», קערט זיך סוצקעווער אום צו זײַן סיביי־רער קינדהייט: צו דעם קוואַל פֿון די אײַנדרוקן וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף זײַן גאַנצן שאַפֿן.

אין סך־הכל דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס בוך דאַרטן ווי עס נעכטיקן די שטערן איז ניט בלויז אַ נײַער שטאַפּל אין דעם לייטער פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס שעפֿע־רישקייט, נאָר דאָס איז אויך אַ חיכטיקער דערגרייך פֿאַר דער ייִדישער ליטע־ראַטור, וואָס שליסט זיך אײַן מיט אַזעלכע ווערק, וואָס אַ מאָל מער, אין דעם גרויסן היכל, וואָס הייסט: וועלט־ליטעראַטור.

שלמה ביקלס שליסל צו אַבֿרהם סוצקעווערס דיכטערישן היכל

ווען דער קריטיקער און עסייִסט שלמה ביקל איז געלעגן אויפֿן קראַנקנבעט פֿון וועלכן ער האָט זיך שוין מער ניט אויפֿגעהויבן, איז אין תּל־אָבֿיבֿ אַרויס דאָס בוך זײַנס די ברכה פֿון שיינקייט — וועגן אַבֿרהם סוצקעווער.

מע קאָן דעריבער זאָגן, אַז דאָס בוך די ברכה פֿון שיינקייט איז געווען שלמה ביקלס שוואַנען־געזאַנג, כאָטש דער אמת איז, אַז די באַזונדערע קאַפּיטלען פֿון דעם דאָזיקן ספֿר האָט ער געשריבן און פּובליקירט העט־העט פֿאַר זײַן פֿרײ־צײַטיקן טויט. שלמה ביקל האָט אָבער דאָס בוך צוגעגרייט צום דרוק און די קאַפּיטלען האָבן באַקומען זייער לעצטן מײַסטערשליף ווען ער האָט זיך שוין געראַנגלט מיטן אומפֿאַרמײַדלעכן.

אויף וויפֿל איך ווייס איז די ברכה פֿון שיינקייט דאָס אייִנציקע ווערק פֿון שלמה ביקל וואָס איז אָפּגעגעבן איין שרײַבער. ביקל האָט גוואַלדיק פֿאַרערט ה. לייוויקן און האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואו פֿון איציק מאַנגערן. דאָך האָט ער וועגן זיי קיין באַזונדערע ביכער ניט אַרויסגעגעבן. עס איז, בכן, אַ גרויסע זכיה פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווער וואָס די עסייען וועגן זײַן שאַפֿן האָט ביקל יאָ געהאַלטן פֿאַר נייטיק אויפֿצוזאַמלען צווישן די טאָוולען פֿון אַ בוך. פֿון דער אַנדערער זײַט איז דאָס דאָזיקע סוצקעווער־בוך אַ ווערדיקער צייכן אויפֿן דענקמאָל פֿון דעם עסייִסט, מעמואַריסט, פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער שלמה ביקל.

שלמה ביקל אַנטפּלעקט זיך אין דעם אַ עסייען־בוך מיט אַלע מעלות וועלכע האָבן אים געשאַפֿן אַזאַ בכּבֿודיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איר געפֿינט דערין ביקלען דעם גרויסן ערודיט אין ייִדישן גײַסט־אוצר און דעם גרויסן קולטורמענטש וואָס איז באַהאַוונט אין אַלע וועגן און שטעגן פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי דער אמורא שמואל אין די וועגן און שטעגן פֿון הימל; איר זעט דערין אויך ביקלען, דעם טאַלאַנטפֿולן און טיפֿן עסייִסט וואָס אין זײַן עלעגאַנטער און גוט־קאָנסטרויִרטער פֿאָרעם מיניען זיך רעיון און געמיט, שאַפֿנ־דיק זײַן אייגענעם דרך אין דעם דאָזיקן קונסטזשאַנער. ועל כּולם באַגעגנט איר אין דעם בוך שלמה ביקלען דעם אַנאַליטישן ליטעראַטור־קריטיקער וואָס האָט אי געקענט זיך דערגרונטעווען צו די פֿאַרהוילענע אונטערטענער פֿון אַ באַ־האַנדלט ווערק און מאַכן דערין אַן אייגענע ווערטן־אַנטדעקונג און אי האַלטן דערבײַ אין דער האַנט די גילטיקע ליטעראַרישע וואָג און מאָס כּדי ניט ניכשל

צו ווערן מיט אַזאַ מין סוביעקטיוויזם, וואָס שטעלט אונטער אַ ספק די פֿאַרלאָז־לעכקייט אויף דער אָביעקטיוויטעט פֿון דעם אָפּשאַצערישן קריטיק־שרײַבער.

□

ביקל האָט אין זײַן ליטעראַטור־קריטיק זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון זײַנע עסייִסטישע פּריווילעגיעס. ס׳הייסט, ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון זיך כּדי צו זײַן בלויז דער מפֿרש און ווערטן־שאַצער פֿון דעם קריטיקירטן ווערק, אָדער שרײַבער, ווי דאָס האָט געטאָן ש. ניגער. ער האָט אָבער פּונקט ווי ניגער געדענקט, אַז פֿון דעם קריטיקער דערוואַרט מען מער ווי געדאַנקען און מיינונגען, אינספּירירטע פֿון דעם אָפּגעשאַצטן ווערק. ער האָט געוווּסט, אַז אַ קריטיקער איז אי אַן אָריענטירער אין די לאַבירינטן פֿון ווערק און אי אַ שאַצער פֿון זײַן פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער היעראַרכיע פֿון די ליטעראַטור־ווערטן. אַזוי אַרום האָט ביקל אָפֿט מאָל אויסגעפֿירט אַ סקאַרבאָווע פֿונקציע, אָבער קיין מאָל ניט מיט קיין סקאַרבאָווע מיטלען, נאָר מיט אַן אייגענעם און אָריגינעלן צוגאַנג צו איטלעכן ווערק וועגן וועלכן ער האָט געשריבן.
ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער ווערק און יעדער שרײַבער אינספּירירן דעם ליטע־ראַטור־קריטיקער אויף אַן אַנדערן אופֿן און זיי גיבן אים אַנדערע מעגלעכקייטן פֿונאַנדערצוּוויקלען זײַנע אייגענע רעיונות, ווי בכלל דאָס וואָס עס ׳ליגט אים שעפּעריש אויפֿן האַרצן׳. ס׳זענען פֿאַראַן ווערק און שרײַבערס וואָס לעבן זיי באַקומט דער קריטיקער פֿליגל אַרויסצושוועבן מיט זײַן אייגענעם שרײַבערישן ׳איך׳ און עס זענען פֿאַראַן ווערק וואָס מע פֿילט, אַז דער קריטיקער קײַט זיי ווי גומי, כאָטש באַשטימטע ווערטן זייערע האָבן אים באַוויגן וועגן זיי צו שרײַבן. בדרך־כּלל דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז שלמה ביקל האָט כּמעט אין יעדן ווערק וואָס ער האָט ליטעראַטור־קריטיש מפֿרש געווען, תּמיד אויסגעפֿונען עפּעס אַ באַזונדערע נקודה אויף וועלכער ער זאָל זיך קאָנען שטיצן אין זײַן געדאַנקלעכן קלעטער צו העכערע רעגיאָנען און דער דאָזיקער אַנטדעקטער, אָדער אויס־געפֿונענער פּונקט האָט תּמיד געמאַכט אינטערעסאַנט ביקלס ליטעראַטור־קרי־טישע אַרבעטן, כאָטש די אינטערעסאַנטקייט האָט מען צום טייל געהאַט צו פֿאַרדאַנקען ניט דעם קריטיקירטן שרײַבער, נאָר דעם שרײַבער פֿון דער קריטיק.

□

אַבֿרהם סוצקעווער און זײַן שאַפֿן איז, קאָן מען זאָגן, פֿאַר שלמה ביקלען געווען אַן אמתע שעפּערישע גאָלדמינע, וואָרעם ער האָט דאָ געהאַט פֿאַר זיך אַ פּאָעט וואָס האָט אים באַגײַסטערט, אינספּירירט און אויך געגעבן די מעגלעכקייטן אָנצוווענדן גרויסע מאָסן, די מאָסן צו וועלכע ער איז געוווינט געווען אין דער וועלט־ליטעראַטור. ס׳איז דערבײַ כּדאַי צו באַטאָנען: ביקל, ווי אַ טיף ייִדישער מענטש, האָט ניט געהאַט קיין קאָמפּלעקסן ווען ער האָט מפֿרש געווען ייִדיש־ליטעראַרישע ווערק, אָבער ווי אַ בן־בית אין דער ליטעראַטור פֿון די אומות־העולם האָט ער גוט געוווּסט, אַז אין דעם אייגענעם גאָרטן מוז מען אָפֿט

אָנווענדן די מאָס פֿון איַינזעעניש. ביַי אַבֿרהם סוצקעווער האָט ער די דאָזיקע מאָס ניט געדאַרפֿט אָנווענדן, וואָרעם ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ פּאָעט פֿון מאַסשטאַב, אַ פּאָעט וועגן וועלכן ער האָט געקענט שריַיבן ווי וועגן איינעם פֿון די גדולים אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ער, ווי אַ טיפֿער קענער אירער, האָט געוווּסט די מדרגות פֿון זייערע אמתע אַלמענטשלעכע ווערטן.

ואַחרי ככלות הכּל זעט מען בולט, אַז ביקל האָט אַבֿרהם סוצקעווערן ליב געהאַט און האָט זיך טיף־אינטים געקוויקט מיט דער אויסערגעוויינטלעכער הנאָה וואָס זיַינע לידער האָבן אים פֿאַרשאַפֿט. אַז ביקל האָט סוצקעווערן ליב געהאַט זעט מען פֿון דעם אַריַינפֿיר וועגן זיַין ערשטער באַגעגעניש מיטן פּאָעט און זיַין ליד אין ווילנע, אין יאָר 1935, און מע פֿילט בחוש ווי גרויס איז די פֿרייד זיַינע וואָס אָט די ליבשאַפֿט 'אויפֿן ערשטן אויגנבליק' האָט אים ניט אַנטוישט אין די שפּע־טערדיקע יאָרן, ווען אַבֿרהם סוצקעווער איז אויסגעוואַקסן צו אַן ערשטער פֿיגור אין אונדזער ליריק.

□

די ליבשאַפֿט צו סוצקעווערן האָט אָבער בשום אופֿן ניט פֿאַרטונקלט ביקלס קריטישן בליק און אומזיסט וועט איר זוכן אין זיַינע עסייען וועגן דעם פּאָעט יענע אַדיעקטיוון וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם פֿאַרליבטן; פֿאַראַן ערטער אין דעם בוך ווו דער קריטיקער רעדט וועגן פּאָעט מיט באַגיַיסטערונג, אַפֿילו מיט התלהבֿות, אָבער קיין מאָל ניט מיט דער פּאַטעטיק וואָס מסרט די געפֿילן פֿון דעם קריטיק־שריַיבער.

געטריַי זיַין דרך, געפֿינט שלמה ביקל אין איטלעכן פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע־ביכער זיַין אייגענעם אַרכימעדעס־פּונקט אָרום וועלכן ער בויט אויף זיַין באַלויכ־טערישע קריטיק. די געפֿונענע פּונקטן זענען זייער אינטערעסאַנט, וויַיל זיי וויַיזן אונדז די ריַיכקייט פֿון סוצקעווערס געבענטשטער פּאָעטישער יצירה. זיי ווערן אָבער צו מאָל נאָך אינטערעסאַנטער וויַיל זיי צעעפֿענען פֿאַר אונדז די מיס־טעריעזע וועלט פֿון דעם פּאָעט און זיי פֿירן אונדז אַריַין אין די פֿאַנטאַסטישע פֿאַרהוילענישן פֿון זיַין שאַפֿן וואָס וואַרטן נאָך אַלץ אויף נײַע באַלויכטערס און דערקלערערס.

בכלל אָבער באַמיט זיך שלמה ביקל אין אַלע זיַינע סוצקעווער־עסייען צו באַ־פֿעסטיקן דעם געדאַנק, אַז דער דיכטער פֿון אויטענטישן חורבן־גרויל איז דער פּאָעט פֿון שיינקייט און דווקא אין דעם העלענישן זינען. דאָס איז, וואָס אַן אמת, אַ דערוועגטע טעזע, אָבער ס'איז שווער אָפּצופֿרעגן איר ריכטיקייט, וויַיל ביקל איז פֿאַרט גערעכט ווען ער שריַיבט אַז "ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס זאָל אונטערן כּישוף פֿון סוצקעווערס פּערז ניט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿולן יופֿי, דורכויסיקער שיינקייט" און ער איז נאָך מער ווי גערעכט און איבערצײַגעריש ווען ער זאָגט אויף אַן אַנדער אָרט: "וואָס פֿאַר אַ טאָן סוצקעווערס ליד זאָל ניט אָנשלאָגן: דעם טאָן פֿון לעגענדע און השתּפּכות הנפֿש, פֿון געדאַנקלעכן ליריזם און פֿון אידע, אָדער גאָר דעם טאָן פֿון פֿאָלקלאָריסטישער היימישקייט — אַלע

מאָל שפּרייט זיך איבער סוצקעווערס פּערזן אַ קלאַסישע געמאָסטנקייט און עפּעס אַ מין מאָנומענטאַלע שיינקייט״.

□

דאָס יידישע פֿאָלק, האָט אַן אַלטע מחלוקת מיט דעם העלעניסטישן קולט פֿאַר שיינקייט און ס׳ווערט אונדז גאַנץ אָפֿט ניט ניחא ווען מיר הערן זינגען צו אים אַ לויבגעזאַנג. אָבער שלמה ביקל, דער גאַנצער ייִד, האָט פֿאַר דער העלעניסטישער שיינקייט ניט מורא געהאַט און ער האָט אירע ווערטן אָפּגעשאַצט אַן קאָמפּלעקסן. ביקל ציטירט בײַ דער געלעגנהייט עמערסאָנס זאָג: ״די שיינקייט האָט באַשאַפֿן דעם אוניווערס״, כּדי אונדז צו דערמאָנען, אַז די קונסט וואַקסט אַרויס פֿון אָט דער וועלטשפּירונג און וויפֿל מיר זאָלן זיך מיט איר ניט קריגן איז זי פֿאָרט דער וויכטיקסטער פּרווושטיין פֿאַר עכט־קינסטלערישע ווערטן. דאָ איז דעריבער שווער מיט ביקלען זיך מתווכח צו זײַן, ווײַל אי זײַן טענה איז אין סאַמע תּוך אַ ריכטיקע (הגם, אָפֿט, פֿאַר אונדז, יידן, אַ ניט־אײַנגענעמע) און אי ער באַקרעפֿטיקט זײַן טענה מיט ראיות פֿון סוצקעווערס שאַפֿן וואָס לאָזן זיך ניט אָפּפֿרעגן.

□

גאָר אינטערעסאַנט איז שלמה ביקל ווען ער אַנאַליזירט סוצקעווערס וווּנדערלעכן וואָרטמעדיום. איך האָב געהאַט געשריבן, אַז בײַ סוצקעווערן געשעט דער נס פֿון ׳וכל העם רואים את הקולות׳; ער איז דער פּאָעט וואָס פֿאַרוואַנדלט ווערטער אין פֿאַרבן, אין מײַסטערדיקע סקולפּטורבילדער, אין פֿאַנטאַסטישע געמעלן. סוצקעווערס וואָרט פֿאַרמאָגט אַ גאָר באַזונדערע כּישופֿדיקע פּלאַסטישקייט און מע קאָן אויף אים זאָגן דאָס וואָס מע האָט געזאָגט וועגן סעזאַן: אַז קוקנדיק אויף זײַנע עפּל פֿילט מען ניט בלויז זייער טעם און ריח, נאָר אויך זייער וואָג. דערפֿאַר טאַקע איז מיר אַזוי צום האַרצן שלמה ביקלס אַנאַליז פֿון סוצקעווערס פּאָעטישן וואָרטמעדיום אין וועלכן ער איז אונדז מסביר אַז ״סוצקעווערס ווירטואָזישקייט פֿון שפּראַך, פֿערז און גראַם איז ניט קיין דרויסנדיקע מלאכת מחשבֿת; ס׳איז ניט קיין ווערטערשפּיל, ניט קיין וואָרטשניצערײַ, ניט אַזאַ אָדער אַנדער חן־פֿלעסטערל אויפֿן פּנים פֿון וואָרט און אַפֿילו ניט קיין פּלאַסטישע אָפּעראַציע צו מאַכן דאָס וואָרט אַנדערש אויסזען. סוצקעווער, דער וואָרטווירטואָז, איז אין תּוך פֿאַר אַלעמען אַ מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר. זײַנע דיכטערישע רייד שטײַגן אויף פֿון דער מוזיק און ניט די מוזיק ווערט צוגעפּאַסט צו די ווערטער״.

נאָכן דערקלערן דעם אמתן און טיפֿן זינען פֿון סוצקעווערס וואָרטמײַסטערשאַפֿט, קאָנען מיר אויסרופֿן צוזאַמען מיט ש. ביקלען: ״איז געמאָלט אַ שענערע, אַ מער באַרוישנדיקע חתונה פֿון יידיש־לשון ווי עס האָט דאָס אויפֿגעשפּילט דער ווירטואָז איבער ווירטואָזן אַ. סוצקעווער?״.

און כּדי עס זאָל נאָך מער קלאָר ווערן די הויכע מדרגה פֿון סוצקעווערס וואָרט־קונסט, זאָגט שלמה ביקל גאַנץ דײַטלעך: ״אַבֿרהם סוצקעווער רעדט פּאָעטיש מיט אַ קול וואָס קיינעם איז עס ניט געשאָנקען אַחוץ אים. ער איז אין דעם פּרט איינער פֿון די געצײלטע יידיש־דיכטערס״.

□

מיר איז וואָס אָן אמת שווער מסכים צו זײַן מיט שלמה ביקלס דעפֿיניציע וועגן דער שותּפֿותדיקייט צווישן ה. לייוויק און אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס באַשטייט, לויט דעם קריטיקער, אין דעם "אַז פֿון צווישן דעם קליינעם געזעמל גרויסע ייִדיש־פּאָעטן איז סוצקעווער באַגלײַך מיט לייוויקן צו אונדז געקומען ניט מיט קיין ספּעציפֿיש־ייִדישן, נאָר מיט אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן פּאָעטישן מאָטיוו. ווי בײַ לייוויקן איז אויך בײַ סוצקעווערן דאָס ייִדישע פֿינטעלע אַרויסגעוואַקסן פֿון דעם מענטשלעכן און ניט פֿאַרקערט. בײַ פּרצן דערגייען דער נעמיראָווער רבי אין 'אויב נישט נאָך העכער' און ר' שלמה פֿון 'די גאָלדענע קייט' דורך זייער ייִדישקייט צו דעם גרויס־מאָראַלישן פֿײַער וואָס זײַן נאָמען איז מענטש. לייוויק און סוצקעווער קומען פּאָעטיש בײדע פֿון ניט־ייִדישע וועלטן. לייוויקס גאַנג איז דער גאַנג פֿון קאַטאָרגע און סיבירער פֿאַרשיקונג צו די מאָראַליש־ייִדישע לײַדנשאַפֿטן פֿון קידוש־השם און משיחיות. סוצקעווערס — פֿון דער מיטאָלאָ־גישער זעונג וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין דעם דיכטערקינד בײַ די ברעגעס פֿון אירטיש און האָט מיט אים מיטגעשפּאַנט ביז צו די קאַשמאַרבילדער פֿון חורבן".

ווי געזאָגט איז מיר די דאָזיקע דעפֿיניציע ניט צום האַרצן און איך האַלט, אַז דער אָפּגעהיטער קריטיקער איז דאָ פֿאַרפֿירט געוואָרן דורך אַ צו פֿיל סימפּלי־צירטער אָנווענדונג פֿון ביאָגראַפֿישע מאָמענטן צו דער שעפֿערישקייט און דיכטערישער אַנטוויקלונג פֿון אונדזערע צוויי גרויסע. אָבער איך בין פֿולשטענדיק אײַנשטימיק מיט דעם קריטיקער ווען ער זאָגט: "דער דיכטער סוצקעווער האָט די קראַפֿט צו פֿאַרוואַנדלען נאַטוראַליסטיש גראָבעווירקלעכקייט אין סובלימער עסטעטישער מאַטעריע". אַז איר ווילט איז דווקא אין דער דאָזיקער דעפֿיניציע פֿאַראַן די ספּעציפֿישע ייִדישקייט פֿון סוצקעווערן וואָס פֿון דעם איז ער געגאַנגען אין אַלע זײַנע דיכטערישע דערגרייכן אויפֿן אָלימפּ פֿון דער עסטעטיק.

□

אין סך־הכּל איז שלמה ביקל גערעכט ווען ער באַצייכנט סוצקעווערן ווי דעם דיכטער פֿון שיינקייט. מע וואָלט אפֿשר נאָך געדאַרפֿט צוגעבן, אַז שיינקייט דאַרף דעפֿינירט ווערן ניט בלויז אין העלעניסטישע, אָלימפּישע טערמינען. ס'איז אויך פֿאַראַן אַזאַ שיינקייט און אַזאַ עסטעטיק וואָס זי האָט אַנטדעקט באַדלער און זי קומט, סײַ פֿון די הימלען — אַראָפּ, סײַ פֿון די תּהומען — אַרויף. מיט דער מאָס פֿון אָט דער שיינקייט וואָלט אונדז אפֿשר גרינגער זיך געעפֿנט דער טויער צו סוצקעווערס פּאָעזיע וואָס דער ייִדישער גורל און די ייִדישע וועלטוויזיע פֿי־בערט אין איר מיט אַזאַ פֿאַרכאַפּנדיקער מאַכטיקייט.

שלמה ביקל האָט אונדז געגעבן אַ גאָלדענעם שליסל צו דעם היכל פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעזיע, אָבער אין דעם היכל גופֿא וואַרטן נאָך אויף אונדז אוצרות, וועלכע בעטן זיך מע זאָל זיי אַנטדעקן...

יודל מאַרקס מיזמור שיר לסוצקעווער

צו זײַן װערן אַ בן־שישים האָט דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער באַקומען עטלעכע זייער דערהויבענע מתּנות פֿון זײַנע פֿאַרערערס: דעם פֿיכמאַן־פּרײַז, די פּרעמיע פֿון די בערגען־בעלזענער, דעם טיטל דאָקטאָר האָנאָריס קאַוזאַ פֿון ניו־יאָרקער לערער־סעמינאַר, ואחרון־אחרון חבֿיבֿ: דאָס בוך אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג פֿון יודל מאַרק.

ביכער וועגן אַבֿרהם סוצקעווער און זײַן פּאָעטישן שאַפֿן זענען שוין אַרויס פֿריִער, אויף ייִדיש, עבֿרית, ענגליש און פֿראַנצייזיש און צווישן זיי דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס בוך פֿון שלמה ביקל די ברכה פֿון שײנקײט. אָבער סײַ ביקלס גרעסטענער עסיי, סײַ די אַנדערע ביכער וועגן סוצקעווערן האָבן, על פּי־רובֿ זיך אָפּגעשטעלט, אָדער אויף איין קוואַליטעט פֿון זײַן גרויסן טאַלאַנט און זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקייט אָדער אויף איין מאָמענט אין דער עשירות פֿון זײַן שאַפֿן. יודל מאַרקס בוך איז דאָס ערשטע וואָס גיט אונדז אַן אויסשעפּיקע מאָנאָגראַפֿיע פֿון זײַן דיכטערישן לעבנסוועג און איז כּולל אין זיך, הן די פֿילפֿאַרביקע פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון זײַן שעפֿערישער פּאַליטרע, הן דעם גאַנצן קאָלירן־רעגן־בויגן פֿון אייגנשאַפֿטן און קוואַליטעטן וואָס שטעלן מיט זיך צונויף די מאָזאַיִק פֿון זײַן טאַלאַנט.

□

צען קאַפּיטלען פֿאַרמאָגט דאָס בוך פֿון יודל מאַרק אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג און אין די צען קאַפּיטלען זענען אַכט אָפּגעגעבן זײַנע ביכער און צוויי זענען פֿון אַ מער אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַזוי אַרום גיט זיך אײַן יודל מאַרקן געטרײַ נאָכצוגיין דעם דיכטערס אַנטוויקלונג־וועג און אונדז צו ווײַזן, אַחוץ די כּסדרדיקע ליניע פֿון זײַן אַרויפֿשטײַג, אויך אַלע אייגנטימלעכקייטן פֿון זײַן שירה און אַלע דערגרייכונגען אויפֿן שטח פֿון זײַן פּאָעטישן געזאַנג.

□

דער אמת איז, אַז מע קאָן צו קיין ליטעראַטור־קריטישן עסייִסט ניט האָבן קיין טענה אויב ער פֿירט זיך ווי די בין וואָס זוכט־אויף אויפֿן פֿעלד נאָר יענע בלום וואָס טראָגט אין איר בעכער דעם נעקטאַר פֿאַר זײַן האָניק. דאָס איז משמע: אויב ער, דער עסייִסט, פֿאַנגט אַרויס פֿון דעם דיכטערס פֿילזײַטיקן שאַפֿן נאָר די מאָטיוון, אָדער די פּאָעטישע ווערטן וואָס רעדן צו אים און גיבן שטאָף פֿאַר זײַן

עסייִסטישן בנין. דאָך מוז מען צוגעבן, אַז אַזאַ עסייִסט האָט אפשר מער אין זינען זיך ווי דעם אַרײַנבליק אין דיכטער און ער באַטראַכט גאַנץ אָפּט דעם דיכטערס שאַפונג ווי אַ קשיא וואָס מיט איר הילף קאָן ער אַרויסברענגען זײַן אייגענעם תּירוץ (יעקבֿ גלאַטשטיין האָט פֿון דעם ניט געמאַכט קיין סוד און ער האָט אַפילו געהאַלטן אַז אין דעם באַשטייט די פֿולווערטיקייט פֿון דעם עסייִסט).
יודל מאַרק, מוז מען זאָגן, גייט ניט מיט אַזאַ וועג און ווען ס'האַנדלט זיך וועגן סוצקעווערן איז דער ציל זײַנער ניט צו אַנטפּלעקן זיך אַליין, דורך דעם דיכטער, נאָר זײַן ציל איז צו פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם דיכטער און אים צו אַנטפּלעקן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַרן לייענער.
דער דאָזיקער מעטאָד פֿון שרײַבן עסייִסטישע ליטעראַטור־קריטיק, אַ מעטאָד וואָס צייכנט זיך אויס מיט צניעות און עניוות, קאָן געמאָלט זײַן נאָר דעמאָלט, ווען דער וואָס שרײַבט וועגן דיכטער איז אין אים פֿאַרליבט און גייט אים נאָך מיט אַ באַזונדערער געטרײַשאַפֿט. ליבשאַפֿט און געטרײַשאַפֿט צו אַבֿרהם סוצ־קעווערן זענען דעריבער די צוויי מוזיקאַלישע הויפּטצייכנס צו יודל מאַרקס מיזמור שיר לסוצקעווער און צו זײַן פּאָעטישן וועג.

□

ס'וויל ניט זאָגן אַז יודל מאַרק באַציט זיך ניט אויך קריטיש צו סוצקעווערס שאַפֿן און די התפּעלות פֿאַרן פּאָעט פֿירט אים צו בלינדער אַפּאָלאָגעטיק; ס'וויל ניט זאָגן אַז מאַרק ברענגט בײַ דער סוצקעווער־געלעגנהייט ניט אַרויס קיין אייגענע זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען און פֿאַרמולירונגען וועגן פּאָעזיע, צי גאָר וועגן די מאָטיוון וואָס האָבן אינספּירירט דעם פּאָעט און זענען געקומען צום אויסדרוק אין זײַן ליד. אַוודאי אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דער מחבר פֿון סוצקעווער־בוך זײַן צוגאַנג צו פּאָעזיע, זײַן קוק אויף דער ראָלע פֿון דער קונסט, צי גאָר זײַן באַנעם פֿון די גײַסטיקע פּראָבלעמען מיט וועלכע דער דיכטער־קינסטלער פֿאַרנעמט זיך. אָבער אין סאַמע תּוך בלײַבט יודל מאַרק בײַ זײַן אויפֿגאַבֿ פֿון אַ פּרשן וואָס האָט תּמיד אין זינען ניט זיך, נאָר דעם דיכטער, זײַן שאַפֿונגוועלט, די סודות און רמזים וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אין זײַן פֿערז און די טיפֿקייטן צו וועלכע עס דערגרייכט זײַן וואָרט. מיט אַנדערע ווערטער: זײַן ציל איז צו געבן אונדז אַן אַרײַנבליק אין דער דיכטערישער אַנטוויקלונג, אונדז צו באַלײַכטן די אייגנאַרטיקייט און אָריגינאַליטעט פֿון זײַן שיעור־קומה, אונדז צו ווײַזן די שיינקייט און פֿילקלאַנגיקייט פֿון זײַן אינסטרומענט און אַרויסצוהייבן דאָס באַזונדערע פֿון זײַן טאַלאַנט מיט וועלכן ער האָט זיך קונה געווען זײַן אייגנציקאַרטיק אָרט אין דעם היכל פֿון דער ייִדישער ליריק.

□

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָט דעם אויפֿגאַבֿ וואָס איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין דעם בוך מיט די צוויי שוין דערמאָנטע אייגנשאַפֿטן: ליבשאַפֿט און געטרײַשאַפֿט, איז דער מעטאָד פֿון יודל מאַרקס אויפֿוויקלען און לערנען מיט אונדז די פּאָעטישע מסכתּא אַבֿרהם סוצקעווער.

אין אַן עסיי וועגן אַ דיכטער באַניצן זיך אייניקע מיט מער און אַנדערע מיט ווייניקער ציטאַטן פֿון זײַנע ווערק. יודל מאַרק בויט אויס זײַן עסייִסטישן סוצקעווער־בנין דורכויס מיט די שורות און לידער פֿון פּאָעטס שעפֿערישן אוצר. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער רעדט מיט סוצקעווערס ווערטער און מאָלט אונדז דעם וועג פֿון דיכטער מיט דעם דיכטערס בילדער. דאָס איז זייער אַן אָריגינעלער און לחלוטין ניט גרינגער מעטאָד און ער באַווײַזט, אַז דער עסייִסט לעבט מיט דעם ליד און וואָרט פֿונעם דיכטער און דערפֿאַר גראָט אים אונדז מגלה צו זײַן די טיפֿקייט פֿון דיכטער מיט דעם דיכטערס שירה גופֿא.

□

דאָס בוך פֿון יודל מאַרק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מין אָריגינעלע אַנטאָלאָגיע פֿון סוצקעווערס שעפֿערישער אָריגינעלקייט. דאָ האָבן מיר ניט בלויז זײַנע גוטע כאַראַקטעריסטישע לידער וואָס זענען דער שפּיגל פֿון זײַן שאַפֿן אין גאַנצן גענומען, און פֿון יעדער שעפֿערישער תּקופֿה זײַנער באַזונדער, נאָר מיר האָבן דאָ אויך אַן עשירות אויפֿזאַמלונג פֿון שורות אין וועלכע די בילדער און די נײַ־וואָרט־אויסדרוקן האָבן געמאַכט, קאָן מען זאָגן, געשיכטע אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון דער מאָדערנער צײַט. די סוצקעווער־פּערל זענען דאָ אָבער ניט קיין כאַאָטיש צעשאָטענע, נײַערט זיי זענען אויפֿגעסיליעט אויף דעם פֿאָדעם פֿון יודל מאַרקס געדאַנק וואָס פֿירט אונדז כּסדר און כּסדר אַלץ העכער צו די הויכקייטן וואָס דער פּאָעט האָט דערגרייכט און צו די תּהומיקע נשמה־טיפֿקייטן צו וועלכע ער האָט זיך אַראָפּגעטונקט מיט זײַן וויזיע און מיט זײַן געפֿיל.

□

„די כּוונה פֿון דער שטודיע — זאָגט אונדז יודל מאַרק אין זײַן קורצן אַרײַנפֿיר — איז מיט פּראָזאַישע פּיס נאָכצוגיין יענעם פּאָעטישן וועג וואָס אַ. סוצקעווער האָט געפּלאָנטערט איבער אים פֿון זינט זײַן ׳בלאָנדן באַגינען׳ ביז צו זײַנע זעכציק. די כּוונה איז ניט פּסיכאָלאָגיזירן נאָר אַרײַנבליקן אין פּאָעטישע שאַפֿונגען און אַרומנעמען זיי תּקופֿותווײַז".

און ווײַטער:

„עס איז אַ ברכה וואָס אַזאַ לאַנגער וועג איז ניט קיין גראַדליניעדיקער. עטלעכע מאָל האָט ער געהאַט אַן אַנדער פּייסאַזש אַרום זיך. לאָזט זיך דער וועג צעטיילן אויף באַזונדערע אָפּשניטן. וועט יעדער אָפּשניט האָבן אַ באַזונדערן קאַפּיטל מיט אַ נאָמען פֿון אַ בוך".

דער אמת איז, אַז יודל מאַרק טראַכט אויף זיך אויס אַ שטיקל בילבול ווען ער זאָגט אַז ער גייט נאָך סוצקעווערן מיט ׳פּראָזאַישע פּיס׳. יודל מאַרק איז טאַקע ניט קיין פּאָעט, אָבער אין זײַן התפּעלות פֿאַר זײַן באַליבטן דיכטער דערהייבט ער זיך, בײַם נאָכגיין אים, צו אַן אייגן געזאַנג, וואָס דורכויס ׳פּראָ־זאַישע פּיס׳ וועלן דערצו קיין מאָל ניט דערגיין. ס׳איז אָבער יאָ ריכטיק, אַז ער באַטראַכט סוצקעווערן תּקופֿותווײַז און אַזוי אַרום ווײַזט ער אונדז זײַן אַנט־וויקלונג, זײַן באַרג אַרויף און אויך דאָס וואָס איז צום מערסטן כאַראַקטעריסטיש

פֿאַר יעדער תּקופֿה זײַנער באַזונדער. דאָס איז דערהויפּט גוט, ווײַל אויף אַזאַ אופֿן קאָן יודל מאַרק אונדז אויפֿקלערן די פֿאַרוואַנדלונגען בײַ סוצקעווערן, כּדי מיר זאָלן דערזען און באַנעמען ווי אַזוי דער דיכטער פֿון וואַלדיקס איז געוואָרן דער דיכטער פֿון געהיימשטאָט, און ווי אַזוי דער זינגער פֿון די ייִדישע גאַס איז שפּעטער געוואָרן דער אויסזינגער פֿון דעם מדינה־נס אין ישׂראל.

□

יודל מאַרק נעמט אַרײַן אין זײַן עסיי וועגן סוצקעווערן אויך זײַנע דערציילונגען וועלכע זענען נאָך דעמאָלט אין בוכפֿאָרעם ניט אַרויס. ער טוט עס דערפֿאַר, ווײַל ער האַלט, אַז אויך סוצקעווערס פּראָזע איז אַ טייל פֿון זײַן פּאָעזיע. סוצקעווערס דערציילונגען זענען אָבער, לויט מײַן אײַנזען, ניט קיין פּאָעזיע אין פּראָזע, נאָר זיי זענען פּאָעטישע פּראָזע און זיי זענען געשריבן, אי מיט סוצקעווערס פּאָעטישער שפּראַך, אי מיט דער בילדערישקייט און מיט דעם אײַנפֿאַל מיט וועלכע ער צייכנט זיך אויס אין דער פּאָעזיע.

□

פֿון גאָר אַ באַזונדערן ווערט איז דאָס קאַפּיטל «סוצקעווערס שפּראַך». דאָס איז אַ ביז גאָר ווערטפֿולע אַרבעט פֿון אַ ייִדישן שפּראַכפֿאָרשער און שפּראַכן־קענער וואָס אַנאַליזירט וויסנשאַפֿטלעך סוצקעווערס לשון און ווײַזט אָן אויף זײַנע אויפֿטוען און באַנײַונגען וואָס זענען שוין געוואָרן דער קנין פֿון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע. יודל מאַרק האָט אייניקע זייער וואָגיקע אַרבעטן וועגן דער שפּראַך פֿון אונדזערע ליטעראַטור־גדולים. זייער צונויפֿזאַמלונג צווישן די טאָוולען פֿון אַ בוך וואָלט אַרײַנגעטראָגן אין אונדזער ליטעראַטור עפּעס פֿון דעם וואָס עס פֿעלט איר גאָר שטאַרק.

אין דעם סוף־קאַפּיטל פֿון זײַן בוך אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג שרײַבט יודל מאַרק וועגן דעם פּאָעטישן וועג אָט וואָס: ״די געאָמעטרישע ליניע פֿונעם סוצקעווער־וועג איז ניט קיין קרײַז, ניט קיין עליפּס אויך ניט קיין פּאַראַבאָל, און עס איז ניט גרינג צו געפֿינען פֿאַר איר אַ מאַטעמאַטישע פֿאָרמול. אָבער עס איז איין ליניע! זי האָט לכתּחילה זיך אָנגעהויבן אויף אַ הויכן פֿלײַן, זי האָט כּמעט קיין מאָל זיך ניט אַראָפּגעגענידערט, און אויב יאָ איז נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע, אפֿשר נאָר צו באַשטעטיקן אַז עליה צריכה ירידה; זי האָט דערגרייכט באַרגשפּיצן; זי האָט שטענדיק געוויזן גאָטגעבענטשטקייט״.

און ווײַטער:

״סוצקעווער איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן אַנדערשקייט און ער איז פֿאַרבליבן אין זײַן אַנדערשקייט. ער קען גאָר אַנדערש ניט זײַן — סײַדן אַנ־דערשדיק. און דאָס גופֿא איז שוין זײַן שטעמפּל און דעם אייבערשטנס ברכה״.

יודל מאַרקס בוך אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישער וועג איז ניט נאָר אַ פּראַקטיקע מתּנה צו זײַן זעכציקיעריקייט, עס איז אַ בוך וואָס קיין שום סוצקעווער־פֿאָרשער, קיין שום לייענער וואָס וויל זיך פֿאַרטיפֿן אין סוצקעווערן וועט זיך אָן דעם ניט קאָנען באַגיין.

אַבֿרהם סוצקעווער דער רעדאַקטאָר

דאָס דערשײַנען פֿונעם הונדערטסטן נומער די גאָלדענע קייט איז אַ קולטור־געשעעניש וואָס פֿאַרדינט אָפּגעצייכנט צו ווערן אויף אַ יום־טובֿדיקן אופֿן.

ס'איז ליט־מאַן־דפּליג אַז ניט געקוקט אויף דעם שווערן קריזיס וואָס ייִדיש לעבט איבער פֿון זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער דרײַ־חודשניק די גאָלדענע קייט אַן אויסגאַב וואָס דאַרף ניט אָנקומען צו קיין שום הנחה־טאַריף, דאָס הייסט אַז מע מוז לגבי אים ניט לערנען דעם באַקאַנטן דרש ׳יפֿתּח בדורו כּשמואל בדורו׳, ווײַל ער איז אַ זשורנאַל וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט געהאַט קיין בעסערן פֿון אים — און דאָס אויך אין די סאַמע בעסטע צײַטן פֿאַר ייִדיש, סײַ אין אייראָפּע, סײַ אין די אַמעריקעס.

אויב עס גייט וועגן פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ייִדיש האָבן מיר זיך אַ מאָל געגרייסט מיט דער צוקונפֿט פֿון אַבֿרהם ליעסינס תּקופֿה, מיט די אידישע וועלט אונטער דער רעדאַקציע פֿון ש. ניגער ווי אויך מיט די יום־טובֿ־העפֿטן דער אידישער קעמפֿער אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון חיים גרינבערג. נו, צווישן די דאָזיקע אויסגאַבן פֿאַרנעמט די גאָלדענע קייט אַ ביז גאָר חשובֿ אָרט און מיר האָפֿן אַז זי וועט דאָס חשובֿע אָרט נאָך פֿאַרנעמען אַ סך יאָרן, גייענדיק אויף דעם לייטער פֿון דערפֿאָלג צו נײַע פֿאַרדינסטן און צו נײַע דערגרייכונגען.

ס'איז קלאָר אַז ווען מע רעדט וועגן די גאָלדענע קייט, רעדט מען וועגן איר גרינדער און רעדאַקטאָר אַבֿרהם סוצקעווער. וואָרעם ער איז עס געווען דער, וואָס אַ דאַנק אים איז דער זשורנאַל געשאַפֿן געוואָרן און ער איז עס דער וואָס האָט דעם זשורנאַל פֿאָרמירט און געשטאַלטיקט אַלע יאָרן פֿון זײַן עקסיסטענץ און דער עיקר — אים דערהויבן און דערהאַלטן די אַלע יאָרן אויף זײַן איצטיקער הויכער מדרגה.

מע זאָגט, אַז דער דערפֿאָלג האָט אַ סך טאַטעס. אין אונדזער פֿאַל, אין פֿאַל פֿון די גאָלדענע קייט, זענען אָבער אַלע מודה, אַז אויב די הסתּדרות האָט אין יאָר 1948 באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ דרײַ־חודש־זשורנאַל אויף ייִדיש, אין יענע יאָרן — אַ רעוואָלוציאָנערער אויפֿטו אין דעם העברעיִסטישן ישׂראל ווו דוד בן־גוריון, האָט אַפֿילו ניט געוואָלט הערן עפּנטלעך די ׳גרילצנדיקע שפּראַך׳ פֿון אַ חורבן־געליטענער פֿרוי, איז דאָס געווען דער פֿאַרדינסט פֿון דעם דעמאָלט נאָך יונגן אָבער שוין באַרימטן פּאָעט, אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס איז געקומען זיך באַזעצן אין דער יונגער מדינת־ישׂראל, נאָך ערבֿ איר אויפֿקום, אין דער צײַט ווען אַ

סך פֿון זײַנע חבֿרים זענען געפֿאַרן אין די אַמעריקעס און אין אַנדערע ערטער פֿון דער ייִדישער צעשפּרייטונג. איז טאַקע אמת אַז עס זענען געווען אַ סך וואָס האָבן געהאָלפֿן ס׳זאָל רעאַליזירט ווערן דאָס אַרויסגעבן דעם דאָזיקן זשורנאַל, אָבער אַן סוצקעווערן מיט זײַן חן בײַ מענטשן, מיט זײַן טאַלאַנט אויף אַן אײדעלן אופֿן צו באַווירקן מענטשן, וואָלט צו דעם קולטור־געשעעניש ניט געקומען.

אָבער ווי וויכטיק ס׳זאָל ניט זײַן דער פֿאַקט, וואָס דער זשורנאַל איז געשאַפֿן געוואָרן, איז דערבײַ ניט ווינציקער וויכטיק דער פֿאַקט, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט אים דערהויבן און די גאַנצע צײַט דערהאַלטן אויף דער געהעריקער הייך, ניט לאָזנדיק נידערן זײַן ניוואָ. מיר זאָגן אין תּהילים ׳מי יעלה בהר ה׳ ומי יקום במקום קדשו׳. זאָגט מען דערויף אַ ווערטל: אַז ׳יעלה בהר ה׳ איז ניט אַזאַ שווערע זאַך, אָבער ׳יקום במקום קדשו׳, זיך אויפֿהאַלטן אויף דער גרויסער הייליקער באַרג־פּאָזיציע — דאָס איז אַ סך שווערער און ניטאָ קיין סך וואָס קאָנען עס באַווײַזן. סוצקעווער האָט עס באַוויזן. ער האָט די גאָלדענע קייט דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה און ער האָט זי אויפֿגעהאַלטן אויף דעם דאָזיקן הויכן טרעפּ.

דאָס איז אים אפֿשר גרינגער אָנגעקומען אין די פֿריִערדיקע יאָרן, ווען עס האָבן נאָך געלעבט אין דער גאָרער וועלט און אין ישׂראל אַ גרויסע צאָל ערנסטע און גרויסע שרײַבערס, וואָס זייערע נעמען גופֿא זענען געווען גאַראַנטיעס פֿאַר דער וואָגיקייט און ערנסטקייט פֿון זייער וואָרט. אָבער דער וווּנדער איז, וואָס סוצקעווער באַווײַזט צו דערהאַלטן דעם ניוואָ פֿון די גאָלדענע קייט אויך אין אונדזערע איצטיקע יאָרן, ווען ס׳איז שוין ווײַט־ווײַט ניט אַזוי ווי פֿריִער און ס׳איז שוין פֿאַרבליבן גאָר ווינציק צו קלויבן צווישן די שרײַבערישע נעמען. יאָ, מע מוז זאָגן, אַז דאָס איז טאַקע אַ ווונדער וואָס געשעט כּמעט יעדע דרײַ חדשים בײַם דערשײַנען פֿון יעדן נײַעם באַנד פֿונעם זשורנאַל. ווי איינער, וואָס האָט אויך אַ היפּש ביסל יאָרן צו טאָן מיט די ענינים פֿון רעדאַקטירן ייִדיש־ליטע־ראַרישע אויסגאָבן, שאַץ איך אָפּ דעם גרויסן אויפֿטו פֿון סוצקעווערן און ווייס וויפֿל מי דאָס קאָסט אים און אויך וויפֿל עגמת־נפֿש עס קומט אים אויס איבער־צוטראָגן. אין דעם זינען איז דער בנעימותדיקער סוצקעווער אַ האַרטער ליטוואַק וואָס לאָזט זיך ניט אַראָפּשלאָגן פֿון וועג און איז זיך גרייט אָפּט צו פֿאַרשאַפֿן שׂונאים, אַבי דער ניוואָ פֿון זשורנאַל זאָל ניט לײַדן.

אַן טיפֿן גלויבן אין ייִדיש, טיפֿער ליבשאַפֿט צו ייִדיש, אַן אחריות פֿאַרן גורל פֿון ייִדישן וואָרט קאָנען די אַלע זאַכן וואָס סוצקעווער טוט, ניט געטאָן ווערן.

□

כ׳האָב אין מײַן באַגריסונג צו דעם הונדערטסטן נומער גאָלדענע קייט געשריבן אַז ״די אויסגאַבע נייטיקט זיך ניט אין קיין געלעגנהייטס־שבֿחים נאָר אין אַן ערנסטער פֿאָרשונג און אָפּשאַצונג פֿון אירע אויפֿטוען און דערגרייכונגען...

די גאָלדענע קייט איז די גאַנצע צײַט געווען ניט בלויז אַן אַכסניה פֿאַר די ייִדישע ליטעראַטור־ און קולטור־שאַפֿונגען, נאָר איז אויך געווען דער בית־

היוצר, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס סטימולירט די דאָזיקע שאַפונגען, וואָס אין זייער צונויפנעם שטעלן זיי מיט זיך פאָר דאָס וויכטיקסטע און דאָס ווער־טיקסטע פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור".

אַ סך שרײַבערס קאָנען באַשטעטיקן מײַנע רייד, ווײַל אַ סך שרײַבערס ווייסן אַז אַ דאַנק די גאָלדענע קייט האָבן זיי אָנגעשריבן ווערטפולע ווערק, וואָס זיי וואָלטן אפשר אָן דער מאָנונג און מונטערונג פון רעדאַקטאָר ניט געשאַפן.

בײַם הונדערטסטן נומער פונעם זשורנאַל דאַרף מען זיך זאָגן אויף אַ קול אָן אמת. וואָס ליגט אויף דער שפּיץ פון צונג און דאָס איז, אַז אויב אין ישׂראל האָט זיך עפּעס געביטן אין דער באַציִונג צו ייִדיש, האָט מען דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער דאָזיקער שריפט, וואָס האָט אין משך פון דרײַסיק יאָר געוועקט צו זיך רעספּעקט און צוטרוי מיטן שאַפן קוואַליטעטן און ווערטן אין ייִדישן לשון, אויסמײַדנדיק דערבײַ דעם פּאָליטישן ליאַרעם און דעם פּאָלעמישן טומל.

אַוודאי האָט מען אין געוויסע קרײַזן געהאַט טענות דערפאַר צום רעדאַקטאָר. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט באַוויזן, אַז זײַן דרך איז דער געראַכטער; אַז דער קאַמף פאַר דעם המשך פון ייִדיש דאַרף געפירט ווערן לא ברעש, ניט מיטן געשריי פון אָפּאָזיציע און טענות, נאָר מיט שאַפן פּאָזיציעס, ווערטיקע פּאָזיציעס אויף ייִדיש אין דער אַלגעמיינער קולטור אונדזערער.

דאָ דאַרף מען, גאַרנישט דרך־אַגב, צוגעבן, אַז אויב אין ישׂראל איז איצט פאַראַן די גרעסטע און וויכטיקסטע גרופּע פון ייִדישע שרײַבערס און ישׂראל איז דורך דעם געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער גאָרער וועלט, האָט דערין אַ גרויסן חלק די גאָלדענע קייט, וואָס האָט ווײַטער געצויגן די דערגרייכונגען פון די ייִדיש־ראשונים אין לאַנד און אויף דעם באָדן וואָס זיי, די ראשונים, האָבן געגרונטפעסטיקט, האָט די גאָלדענע קייט געבויט נײַע עטאַזשן פון שעפערישן פאַרמעסט און פון שעפערישן סך־הכל.

לאָמיר צום סוף ניט פאַרגעסן צו זאָגן אַ לויבוואָרט דער הסתדרות וואָס האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן ביז איצט און איז אים, גלייבן מיר, גרייט אַרויסצוגעבן אויך ווײַטער און ווײַטער.

באַזונדערש דערמאָנט צו ווערן פאַרדינען אויך סוקצעסיווערס געטרײַע מיטאַר־בעטערס, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אויסבויען דעם דאָזיקן היכל טורעם און לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם עלטסטן פון זיי אליעזר פּינעס, סוקצעסיווערס רעכטע האַנט אין דעם אויסגאַב, די גאַנצע צײַט וואָס ער עקסיסטירט, ווי אויך די רע־דאַקציע־סעקרעטאַרן ד"ר נח גריס, מענדל מאַן ז"ל, מלך קאַרפּינאָוויטש, און א. שפּיגלבלאַט וואָס טראָגט אויף זיך איצט די לאַסט פון דעם נומער צוויי אין דער אחריות פאַר יעדן באַנד פונעם זשורנאַל.

זיי אַלעמען — כּה לחי!

□

אַחוץ די צוקונפט איז די גאָלדענע קייט די איינציקע ייִדיש־ליטעראַרישע שריפט מיט אַזאַ גרויסן יאָרנסטאַזש. איז עס געוויס אַ פרייד פאַר אונדז אַלעמען וואָס

דעם זשורנאַל איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן די לאַנגע, פֿײַערלעכע און פֿריידיקע יאָרן־דאַטע, אָבער ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט אַז די אָ דאַטע לייגט אַרויף אַ סך התחייבֿותן אויף די ייִדישע קולטור־טוערס, אויף די ייִדיש־לייענערס און אויף די ייִדישע שרײַבערס. קיין שום זאַך איז אויף אונדזער וועלט ניט זיכער און אַ ייִדישער ליטעראַרישער זשורנאַל — אוודאי און אוודאי ניט. ס'וואָלט אָבער געווען אַ ווייטיק און אַ פֿאַרלוסט ווען מיר זאָלן ניט זאָרגן פֿאַר דעם מאָרגן פֿון דעם דרײַ־חודשניק.

אין משך פֿון די דרײַסיק יאָר האָט דער ליטעראַרישער בית־עולם אײַנגעשלונגען אַ סך, אַ סך אויסגאָבן אונדזערע און אויב די צײַט און דער גורל האָבן געשווינט די רײַכע שריפֿט וועגן וועלכער מיר רעדן, איז עס ממש אונדזער חובֿ צו שאַפֿן אַ שוצוואַנט אַרום איר, כּדי ניט צו דערלאָזן צו איר קיין שום צעשטערנדיקע כּוחות וואָס עס טראָגט אין זיך די צײַט. מיר גלייבן אַז די הסתּדרות (ניט געקוקט וואָס אויך דאָרטן בײַטן זיך די דורות און דער מענטשן־באַשטאַנד), וועט אויך ווײַטער אַרויסגעבן די גאָלדענע קייט און וועט זאָרגן פֿאַר איר עיקר־באַזע. אָבער במה דבֿרים אמורים? ווען וועט זי דאָס טאָן? ווען זי וועט פֿילן און זען אַז דער זשורנאַל האָט אַרום זיך די אַטמאָספֿער פֿון לייענערישער ליבשאַפֿט, פֿון לייענערישער זאָרג; אַז די לייענערס זענען גרייט צו טאָן, לויט זייערע מעגלעכקייטן כּדי די גאָלדענע קייט זאָל ווײַטער דערשײַנען. וועט מען אַזאַ אַטמאָספֿער אַרום דעם זשורנאַל ניט פֿילן, קאָן די באַציִונג צו אים זיך בײַטן און ער קאָן דערפֿון פֿאַטאַל לײַדן. ס'איז ניט נייטיק צו לייגן ווען עס איז קיין פֿינגער אין מויל. כּולנו חכמים כּולנו נבֿונים... ייִדישע קולטור־טוערס, ייִדישע ליטעראַטור־ליבהאָבערס דאַרפֿן וויסן, אַז אַחוץ דעם וואָס די גאָלדענע קייט ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער הסתּדרות איז אָבער איר צוקונפֿט אָפּהענגיק פֿון דעם אינטערעס, וואָס מיר אַלע וועלן אַרויסווײַזן דער שריפֿט און דאָס מיינט פּשוט: דורך דער צאָל אַבאָנענטן און לייענערס וואָס זי וועט האָבן צווישן ייִדן אין דער גאָרער וועלט.

עיקר שכחתּי

דער נומער הונדערט די גאָלדענע קייט איז אַליין פֿאַר זיך אַ געשעעניש אין דער וועלט פֿון אונדזער פּעריאָדיק. דער נומער וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ היפּש בוך פֿון 334 זײַטן, איז מלא וגדוש מיט שאַפֿונגען אין ליד, פּראָזע און עסיי און גיט אונדז די מעגלעכקייט אַ בליק צו טאָן אויף די אָ געביטן און צו זען ווי מיר האַלטן מיט זיי אין דער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור, מחמת די אַלע שעפֿערישע געביטן ווערן דאָ רעפּרעזענטירט דורך די בעסטע שרײַבערס וואָס מיר האָבן בײַם הײַנטיקן טאָג אינעם פּרדס פֿון ייִדיש. דער הונדערטסטער באַנד רעפּרעזענטירט דעריבער די הײַנטיקע ייִדישע ליטעראַטור, הגם עס פֿעלן אַ צאָל שרײַבערס, וועלכע וואָלטן אין אַזאַ נומער יאָ געדאַרפֿט זײַן.

לפֿי־דעתּי און לויט מײַן געשמאַק וואָלט מען אין דעם הונדערטסטן נומער געדאַרפֿט אַרויסהייבן דעם אָריגינעלן עסיי פֿון דבֿ סדן, די פּאָעמע פֿון חיים

גראַדע, די דערציילונג פֿון ישעיהו שפּיגל, די פּאָעמע פֿון יעזשי פֿיצאָווסקי, די לידער פֿון בינם העלער, דעם עסיי פֿון מ. ליטווין און זײַנע איבערזעצונגען פֿון לאַדיסלאַוו דע־לוביטש מילאָש, די דערציילונגען פֿון יהודה עלבערג, און אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, די לידער פֿון משה יונגמאַן, די לידער פֿון אַבֿרהם סוצ־קעווער און די ליטעראַטור־פֿאָרשערישע אַרבעט פֿון פּראָפּ׳ ח. שמערוק.

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָ זענען בלויז דערמאָנט געוואָרן אַ טייל פֿון די אָנטייל־נעמערס אין דעם נומער (און דאָס דער קלענסטער טייל). עס וואָלט זיך וועלן מאַכן כאָטש קורצע באַמערקונגען וועגן די שאַפֿונגען און אַרבעטן וועלכע מיר האָבן באַטאָנט ווי ראוי אַרויסגעהויבן צו ווערן אין דעם הונדערטסטן באַנד, אין וועלכן מיר זעען ווי אין אַ שפּיגל אַלע רעגן־בויגן־פֿאַרבן פֿון דער איצטיקער ייִדישער ליטעראַטור. כאָטש מיר אַליין טוען עס ניט, ווילן מיר האָפֿן, אַז עמעצער אַנדערש וועט עס טאָן. מיר וועלן פֿאַרענדיקן אונדזער מאמר מיט אַ ליד פֿון דעם רעדאַק־טאָר פֿון גאָלדענע קייט, אַבֿרהם סוצקעווער, אַרויסגענומען פֿון ציקל «דאָס גרויסע שווײַגן». דער גאַנצער ציקל צייכנט זיך אויס מיט סוצקעווערס אייגנאַר־טיקייט און פּאָעטישער בילדערישקייט. אין דעם דאָזיקן ציקל איז פֿאַראַן אַ ליד מיטן נאָמען «דער עדות» און איך גלייב, אַז גאָר אַ סך וועלן מיט מיר מסכּים זײַן, אַז דאָס איז איינס פֿון די לידער, מיט וועלכע דער דיכטער איבערראַשט אונדז פֿון צײַט צו צײַט; אַ ליד וואָס ווײַזט אונדז דעם פּאָעט אין פֿולן פֿונאַנדערבלי פֿון זײַנע שעפֿערישע כּוחות, וואָס זענען ווי אַ קוואַל וואָס שלאָגט אַלע מאָל אַרויס מיט נײַער גבֿורה. אָט איז דאָס ליד:

דער עדות

פֿון זינט איך בין געווען אַן עדות ווי עס קען אַ שוועבעלע
אויסלעשן אַ קלויז מיט זקנים, קינדער,
געשווינדער
ווי עס לעשט זיך אויס אין זונפֿאַרגאַנג אַ שוועלבעלע
און ס׳בלײַבט נאָך זיי און זייער יתגדל ויתקדש
פֿאַרמעטענער אַש
מיט בליצלעך אותיות,
פֿאַרמעטענער אַש
וואָס גליט אַרויס עס
פֿאַרן ווינט און בלויז דער ווינט מסוגל איז צו לייענען —
פֿון דעמאָלט קען איך ניט אַרײַנגיין אין קיין שום בית־תּפֿילה.
מיר דאַכט, אַז איך, דער עדות, וועל פֿון יענעם אַש
דערקענט ווערן.

מיר דאַכט: איך וועל אַרײַן און וועל חלילה
ניט
פֿאַרברענט ווערן.

ביכער פֿון יצחק יאַנאַסאָוויטש

רוויקיע פּאַרטאַגן, לידער, לאָדזש 1933

שטילקייטן, לידער, פֿאַרלאַג אות, לאָדזש 1938

באַפֿרײַונג, לידער, פֿאַרלאַג עמעס, מאָסקווע 1941

אַ שטוב אין שטעטל, פּאָעמע,

פֿאַרלאַג ביכער פֿון ייִדישן פּען־קלוב, פּאַריז 1951

פּרעמירט מיט דעם ל. בימקאָ־פּרײַז בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק

פּעסל די בעסער־קענערן, קינדער־מעשׂהלע,

פֿאַרלאַג פֿאַר אונדזערע קינדער, פּאַריז 1952

מיט ייִדישע שרײַבער אין רוסלאַנד,

פֿאַרלאַג קיום, בוענאָס־אײַרעס 1959

אַ שטוב אין שטעטל, צווייטע אויפֿלאַגע,

פֿאַרלאַג קיום, בוענאָס־אײַרעס 1963

פּנימער און נעמען, באַנד 1, ייִדישע פּאָעטן,

פֿאַרלאַג קיום, בוענאָס־אײַרעס 1971

פּרעמירט מיט דעם ש. ניגער־פּרײַז בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע

אויף יענער זײַט ווונדער, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ 1974

פּרעמירט מיט דעם זלמן שזר־פּרײַז און מיט דעם יעקבֿ גלאַטשטיין־פּרײַז

אָן אויסרוף־צייכנס, עסייען און פֿעליעטאָנען,

פֿאַרלאַג המנורה, תּל־אָבֿיבֿ 1975

פּרעמירט מיט דעם יעקבֿ פֿיכמאַן־פּרײַז

פּנימער און נעמען באַנד צוויי, ייִדישע פּראָזאַיִקער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פֿאַרלאַג קיום, בוענאָס־אײַרעס — תּל־אָבֿיבֿ 1976

פּרעמירט מיטן פּרײַז פֿון ראש ממשלת ישׂראל און מיטן ה. לייוויק־פּרײַז פֿון בני־מרדכי־פֿאָנד בײַם וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

ה. לייוויק — עטישע אַחריות און מאָראַלישער פּאַטאָס

עסיי. פֿאַרלאַג ביבלאָס, תּל־אָבֿיבֿ 1977

דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען.

פֿאַרלאַג קיום, בוענאָס־אײַרעס — תּל־אָבֿיבֿ 1979

אין פּרדס פֿון ייִדיש, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ 1980

אַרויסגעגעבן פֿון וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

פּרעמירט מיטן מאַנגער־פּרײַז און מיטן אַטראַן־פּרײַז פֿון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק